STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06432

DER MENTSH HOT GEZIGT

A. Gozanski

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אליהו גאָזשאַנסקי

האַלט זיין לעצטע רעדע אויפן פאַרייניקונגס־קאָנגרעס פון די
פוילישע אַרבעטער־פּאַרטייען אין וואַרשע.
אומגעקומען דעם 21־טן דעצעמבער 1948 אין עלטער פון 34 יאָר.

אליהו גאָזשאַנסקי

דער מענטש האָט געזיגט

א כראָניק פון א שטאָט

ארויסגעגעבן דורכן פארלאג ,,יידיש בוך'' — וואַרשע
און ,,תרבות לעם'' — תל-אביב
1 9 4 9

A. GOŻAŃSKI
Der mentsz hot gezigt

Wyd.: „Idisz buch" — Warszawa
i „Tarbut leam" — Tel-Aviv
1 9 4 9

ש. חיבונים

אליאשע גאזשאנסקי – דער מענטש

קורץ איז געווען זיין לעבן — בסך־הכל פיר און דרייסיק יאָר. זיבעצן פון זיי האָט ער געלעבט אין ארץ־ישראל. ער האָט זוכה געווען צו לעבן אין דער גרויסער היסטאָרישער עפּאָכע, אויף וועלכער לענין האָט געזאָגט, אַז דאָס איז די עפּאָכע פון אימפּעריאַליסטישע מלחמות און סאָציאַלע איבערקערענישן, אַן עפּאָכע, אין וועלכער עס איז שוין אויפגעגאַנגען דער מאָרגנשטערן אויף גרויסע טיילן פונעם ערד־קיילעך, ווען אויך די קאַפּיטאַליסטישע וועלט — די פאַרשקלאַפטע — איז אַרומגעכאַפּט פונעם קאַמפּס־פלאַם פון די מאַסן פאַר פרייהייט, שלום און ברידערלעכקייט.

אַ סך דורות רייסן זיך מענטשן אַרויפצושטייגן אויף די הויכקייטן פונעם לעבן. אַ סך דורות טרוימען מענטשן און קעמפער וועגן אַ בעסערער וועלט, וועגן מענטשלעכן גליק. און די דאָזיקע עפּאָכע האָט געזען די פאַרווירקלעכונג פון די דאָזיקע טרוימען, און אויך אליאָשע גאָזשאַנסקי האָט זוכה געווען צו זען דאָס דאָזיקע גליק און דעם דאָזיקן ליכטיקן פרימאָרגן.

ער איז אהער געקומען נאָך אַ יונגער מאַן. נאָך אַ יאָר זיין אין ארץ האָט ער זיך אומגעקערט קיין גראָדנע, וווּ ער איז אַרעסטירט געוואָרן דורך דער מאַכט פאַר זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. עס האָט זיך אים איינגעגעבן צו פאַרשווינדן פון גראָדנע, אָבער אין זיין אַפּוועזנהייט איז ער פאַרמשפּט געוואָרן אויף אַכט יאָר תפיסה פאַר זיין טעטיקייט צווישן דער יוגנט און די אַרבעטער פון זיין געבוירן־שטאָט. אין עלטער פון זיבעצן יאָר האָט ער געפונען זיין וועג צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. זיין לעבן איז געווען געהיילִיקט דעם קאַמף פאַר דער באַפרייונג פונעם פאָלק און דעם אַרבעטער־קלאַס. זיין פריוואַט און פּאַרטייאיש לעבן איז געווען איין שטיק באַגייסטערונג, רעוואָלוציאָנערער פלאַם, געוואַגטקייט און זעלבסט־אויפּאָפּערונג פאַרן קאַמף קעגן דעם אימפּעריאַליזם, פאַר דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייונג פון די אַרבעטנדיקע מאַסן אין ארץ־ישראל.

ער איז געווען באַהאַפטן מיטן לעבן פון ארץ. ער איז געווען אַ תלמיד פון מקוה־ישראל. דערנאָך האָט זיך ביי אים אָנגעהויבן די לאַנגע סדרה פון אַרבעט און אַרבעטלאָזיקייט און וואָגלעניש פון אָרט צו אָרט. ער איז תמיד געווען וואכזאַם, ברויזנדיק און גרייט צו העלפן, תמיד אויפגעלייגט און תמיד אָפּטימיסטיש און פול מיט גלויבן אין דעם כוח פונעם אַרבעטער, אין דער קראַפט פון די מאַסן. קיינמאָל איז אין אים נישט קענטיק געווען קיין שום אָפּהענטיקייט, קיין שום „שטימונג", ווייל ער איז געווען געקנופּט און געבונדן מיטן אַרבעטער און מיטן פאָלקס־מענטש, ווייל ער האָט באַקומען אַ פאָלקסטימלעכע פּראָגרעסיווע דערציונג ביי זיינע עלטערן, ווייל ער האָט געלעבט אין דער אַטמאָספער פון דעם היילִיקן קאַמף פאַר דער באַפרייונג פונעם לאַנד — ער האָט געקאָנט אויפוועקן גייסטיקע כוחות און באַגייסטערן מאַסן.

חברים, וועלכע האָבן אים געקענט לאַנגע יאָרן, דערמאָנען זיך נישט קיין וואָלקנדל פון אומעט אויף זיין פּנים, קיין רגעס פון שוואַכקייט אין אים. תמיד באַגייסטערט, תמיד אויפגעשטורעמט, האָט ער פאַרכאַפּט און מיטגעריסן אַנדערע מיט זיין כוח פון לעבן און גלויבן.

ער איז געווען צווישן די, וועלכע האָבן באַווירקט און ווערבירט בריטע קרייזן פאַר דער זאַך פון שפּאַניע, עס האָט זיך אים איינגעגעבן די דאָזיקע קרייזן געווינען און אויפוועקן אין זיי דאָס באַוווסטזיין פון דער נאַציאָנאַלער ווערט פון דער מלחמה אין שפּאַניע פאַר אונדז אין ארץ און פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק. און דאָס אַלץ — אין באַדינגונגען פון אַרבעטלאָזיקייט, אין באַדינגונגען פון שווערן אונטערערד, פון רדיפות מצד דער בריטישער פּאָליציי און אירע יידישע אַגענטן.

ס'איז נישט קיין צופאַל, וואָס ער איז באַליבט געווען אין פאַרשידענע קרייזן. ער איז טעטיק געווען צווישן די אַרבעטער אין פאַרשידענע אַרבעטס־פּלעצער. טויזנטער האָבן זיך מיט אים באַגעגנט, און זיי ווייסן צו דערציילן וועגן אים, ווי וועגן איינעם, וואָס האָט געקאָנט פאַראייניקן און פאַרבינדן די אַרבעטער אָן אונטערשיד פון פּאָליטישער אָנשויאונג און אָרגאַניזאַציאָנעלער אָנגעהעריקייט און זיי אָרגאַניזירן פאַר קאַמף און זיג.

מיר האָבן אים געזען ביי זיין ספּעציעל־פּראָפעסיאָנעלער טעטיקייט. ס'איז נישטאָ קיין איין וואַרשטאַט, וואָס זיינע אַרבעטער זאָלן נישט קענען אַליאָשע גאָזשאַנסקין. אַליאָשע פלעגט גיין פון איין פּלאַץ אויפן צווייטן, פאַראייניקן, פאַרבינדן און דער־

מוטיקן, כדי אויפצושטעלן איין פאראייניקטן כוח קעגן די אונטער־דריקער און עקספלאָאַטירער. עס געדענקען זיך די דיאַמאַנטן־שטרייקן, די דערפאָלגן, וואָס זיינען אַ דאַנק זיי דערגרייכט געוואָרן, און דער ערשטער קאָלעקטיווער אָפּמאַך, און עס איז אומפאַרגעסלעך אַליאָשעס גרויסער חלק אין דעם דאָזיקן קאַמף און אין די דאָזיקע נצחונות

אַליאָשע איז געווען דער מענטש פון טאַט. ער איז אָבער אויך געווען דער מענטש פון בוך. נישט איינמאָל פלעגט ער אָפּזיצן גאַנצע נעכט נאָך אַ לאַנגן אַרבעטס־טאָג און אַן אָוונט פון פּאַרטיי־אישער און פּאַכמענישער ארבעט און געשריבן דערציילונגען, נאָוועלן, אַרטיקלען, אַ בוך וועגן גראָדנע צום אָנדענק פון זיין פאָטער, וואָס האָט זיך מיט כבוד קעגנגעשטעלט די אומווערדיקייטן פון די נאַציס, וועלכע האָבן אים פארפייניקט און דערנאָך געפירט צום טויט.

ער האָט אָנגעשריבן אַ גרויס בוך וועגן דער יידישער טראַגעדיע און דעם קאַמף פון די יידן אין אייראָפּע. אַליאָשע האָט פאַרוואַנדלט די טעג אין נעכט און די נעכט אין טעג אין גרויס איילעניש, ציטערנדיק פאַר יעדער רגע; ער איז געלאָפן און זיך גע־איילט קעגן דעם מאָרגנשטערן פון אונדזער עפּאָכע, וואָס ער האָט געוואָלט זעען אויפגיין און שיינען איבערן יידישן און אַראַבישן פאָלק אין דעם דאָזיקן לאַנד.

ער האָט געוואָלט זעען אונדזער לאַנד אַ באַפרייטס, ווי יענע לענדער, וועלכע ער האָט באזוכט, וווּ עס איז צעשמעטערט געוואָרן דער קאַפּיטאַליזם און די אויסנוצונג פון מענטש דורך מענטש.

ער איז געווען אַן אמתער פּאַרטיי־מענטש, וואָס די פּאַרטיי איז פאַר אים נישט סתם קיין פליכט. זי איז פאַר אים געווען אַ הייליקייט. ער האָט זיך באַציִגן צו די חברים, ווי צו חברים אין דעם גרויסן הייליקן קאַמף פאַר דער פרייהייט. אַ סך יאָרן האָט ער גע־אַרבעט אין אונטערערד. ער האָט געטראָגן דעם יאָך פון אחריות־פולע שווערע טאַטן. ער האָט זיך געאיילט צו זיי, ער האָט געפאָדערט מע זאָל אים שיקן אויף יעדן געפערלעכן פלאַץ, צו יעדער אונטערנעמונג, וואָס דאַרף אויסגעפירט ווערן ביי די שווערסטע באַדינגונגען. און מיט זיין גאַנצן ברען, מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין פאַנטאַזיע, מיט זיין גאַנצן גלויבן אין די כוחות פון דער פּאַרטיי האָט ער דערפילט זיין אויפגאַבע.

ער האָט זיך באַהעפט מיט דער לערע פון מארקס־ענגעלס־לענין און סטאַלין. מיר האָבן אים נישט געזען אָפּנייגן פון דעם דאָזיקן וועג. תמיד געטריי די פּרינציפּן פון אינטערנאַציאָנאַליזם און אַ

גוטער פּאַטריאָט, האָט ער נישט געזען קיין ווידעראַנאַנד און סתירה צווישן די רעכט פון אונדזער פאָלק אויף פרייהייט און א גליקלעך לעבן און די רעכט פון דעם אַראַבישן פאָלק אויף פרייהייט און גליק.

ווען די פּאַרטיי האָט געדאַרפט פאַרוואַנדלען דעם „קול העם" אין אַ טאָג־צייטונג, איז ער עס געווען דער, וועלכער האָט געוואָגט, וועלכער האָט געגלויבט, אַז מיר וועלן דערפילן די דאָזיקע אויפגאַבע. גרעסערע פאַרטייען פון אונדזערע האָבן נישט קיין טאָג־צייטונגען, און ער האָט מיטן כוח פון זיין גלויבן, מיטן כוח פון זיין דרייסטקייט, מיט זיין גלויבן אין דער שטיצע פון דעם אַרבעטער און פאָלקס־מענטש איבערגעוויגן די וואָגשאָל. אין משך פון פיל וואָכן האָט ער איבערצייגט, אַז מע קאָן אָרגאַניזירן טויזנטער אַרבעטער אַרום דער צייטונג. מע קאָן זאָגן, אַז דער „קול העם", ווי אַ טאָג־צייטונג איז געווען זיין טרוים, און דער טרוים איז פאַרווירקלעכט געוואָרן א דאַנק דעם לעבעדיקן גייסט, וואָס ער האָט אין איר אריינגעבלאָזן.

ער איז געווען אָן אָנהענגער פון פאַראייניקונג און צוזאַמענגיסונג נישט נאָר אין דער געזעלשאַפט פון די אַרבעטער — ער איז אַזעלכער געווען אויך אין דער פאַרטיי. ווען אין אונדזער פאַרטיי זיינען אַנטשטאַנען שווערע קריזיסן, און אונטערן איינפלוס פון רעאַקציאָנערע כוחות האָבן מענטשן אין דער פּאַרטיי אָנגעהויבן אריינצוברענגען אין איר שפּאַלטונגען — איז ער דאָס געווען דער, וועלכער האָט זיך ווי אַ מויער קעגנגעשטעלט די דאָזיקע צעשטערערישע כוחות. ער האָט אָרגאַניזירט דאָס בעסטע און געטרייסטע אין דער פאַרטיי. ער האָט זוכה געווען אין זיין לעבן צו זען די פאַראייניקונג פון דער פאַרטיי מיט די אַראַבישע קאָמוניסטן, ער האָט זוכה געווען צו זען די קאָמוניסטישע מחנה פאַראייניקט און צוזאמענגעהאָפטן ערב וויכטיקע פּאָליטישע געשעענישן אין מדינת־ישראל.

פאַר די לעצטע צוויי יאָר איז ער א סך מאָל געווען אין אויסלאַנד. ער איז געפאָרן אין שליחות פון דער פאַרטיי און פון דעם ישוב אין די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער — צו שאַפן פילזייטיקע הילף פאַר דעם קאַמף פון מדינת־ישראל, און יעדע שליחות האָט געבראַכט פרוכטן, יעדע שליחות איז אָפּגעפילט געוואָרן אין דער פאַרטיי און אין דעם פאָלק.

אלע קרייזן, וועלכע האָבן אים געקענט, ווי א געטרייען קעמפער פאַר דער ארבעטער־זאַך, האָבן אים ליב געהאַט און געשעצט.

אין יעדן אָרט, וואָס ער האָט באזוכט, האָט ער איבערגעלאָזן פון זיין ווארעמקייט, פון זיין מענטשלעכקייט, פון זיין אויסערגעוויינלעכן כאַראַקטער. אין שליחות פון דער פּאַרטיי און פון ישראל האָט אַליאָשע דערגרייכט קאָנטיקע מאָראלישע, מאַטעריעלע און פּאָליטישע הילף אין קאַמף פאר אונדזער סוווערעניטעט. ער האָט דורכגעבראָכן וועגן פאר דער עליה און ער האָט אַ סך אויפגעטאָן צו הילף דער פּראָגרעסיווער יוגנט, וועלכע האָט זיך געריסן אריינצוטרעטן אין די רייען פון אונדזער קאַמף. אין די קריטישע חדשים פון אונדזער מלחמה איז ער עס געווען דער, וואָס איז געלאָפן קיין רומעניע און בולגאריע און האָט צוגעאיילט די ווערבירונג פון טויזנטער יוגנטלעכע צום קאַמף פאַר דער זעלבסטשטענדיקייט פון ישראל.

זיין לעצט שליחות איז געווען צו דעם פאראייניקונגס־קאָנגרעס פון די ארבעטער־מאַסן אין פוילן. עס איז אונדז שווער געווען אין אזא צייט צו שיקן מענטשן פון לאַנד. אָבער צו אזא גרויס געשעעניש, וואָס איז נישט קיין געשעעניש בלויז פאַר פוילן, נאָר אויך פארן אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־קלאַס, און אויך פאר אונדז — האָבן מיר געזען א באדערפעניש צו שיקן א דעלעגאציע. זיין לעצטע רעדע אויף דעם ווארשעווער קאָנגרעס איז געווען א רעדע פון א קאָמוניסט, פון אַ פּאַטריאָט פון מדינת־ישראל, א רוף צו העלפן אונדז אין קאַמף קעגן די ערגסטע סכנות פאר דער זעלבסטשטענדיקייט פון אונדזער מדינה מצד דעם ענגליש־אַמעריקאנישן אימפעריאליזם און זיינע רעאקציאָנערע אונטערשטופער אין ישראל גופא.

דאָס איז געווען זיין לעצט שליחות.

דאָס איז נישט קיין טראגישער צופאל און נישט קיין בלינדער צופאל, ווייל אויך דאָ, ווי תמיד, איז דאָס געווען א געראנגל מיט די זעלבע פיינטלעכע כוחות, מיט די זעלבע רעאקציאָנערע כוחות. מיר האָבן באַקומען אַ טעלעגראַמע פון דעם סעקרעטאַר פון דער טשעכישער פּאַרטיי אין טשעכיע, פון חבר סלאָנסקי, אין וועלכער ער גיט איבער, אַז צוויי אַעראָפּלאַנען האָבן באַראַרפט פליען פון רוים קיין גריכנלאַנד: אַ בריטישער און אַ טשעכישער. דער בריטישער האָט באַקומען א מיטטיילונג פון אַטען, אז ס׳איז אַ געפאר צו פליען צוליב דעם שלעכטן וועטער. דער טשעכישער אעראָפּלאַן האָט נישט דערהאַלטן די מיטטיילונג, און ער האָט זיך געלאָזט אין וועג. אין געפאר. צוויי מיט אַ האַלבער שעה האָט זיך דער אעראָפּלאַן געדרייט איבער די בערג פון

גריכנלאַנד און געגעבן רוף־צייכנס נאָך הילף, וועלכע זיינען דערהערט געוואָרן אין פראנקפורט, אין לאָנדאָן און אין מאלטע, נאָר צוליב עפּעס וואָס זיינען זיי נישט דערהערט געוואָרן אין אַטען. עס וואָלט געווען גענוג — שרייבט סלאָנסקי אין זיין טעלעגראמע — אַוועקצושטעלן דריי ברענענדיקע נאַפט־שטורקאַצן אין קאלמאטע, אַז דער אעראָפּלאַן זאָל זיך אַראָפּלאָזן בשלום. אָבער די שטורקאַצן זיינען נישט אַוועקגעשטעלט געוואָרן. און, אַז דער בענזין איז אויסגעגאַנגען, איז דער אעראָפּלאַן געצוווּנגען געווען זיך אַראָפּצולאָזן מיט די קינדער, וואָס אין אים, מיט די רייזנדער, און אַליאָשע צווישן זיי — און צעשמעטערט ווערן. אָט אַזוי האָט דאָס פאַשיסטישע גריכנלאַנד געפּאַקט אליאָשען, וואָס זיין גאַנץ לעבן איז געהייליקט געווען דעם קאַמף מיטן פאַשיזם. זי האָט אים געפּאַקט אויף אַ גרויסער הייך און אים קאַלטבלוטיק דערמאָרדעט צוזאַמען מיט אלע רייזנדער.

ס׳איז שווער צו שרייבן וועגן אַליאָשען ווי וועגן אַ מענטשן, וואָס לעבט שוין נישט. אויב שילדערן זיין כאַראַקטער, אויב צו געבן די כאַראַקטעריסטיק פון זיין לעבן — וואָלט איך עס באַגרענעצט צו געציילטע ווערטער: ע ר א י ז ג ע ו ו ע ן א ל י אָ ש ע. די טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן אים געקענט, ווייסן ווער עס עס איז אַזוינס „אַליאָשע". ער איז געווען דער מענטש, וואָס האָט אויסגעשטראַלט פון זיך חיות און אָפּטימיזם, וועלכער האָט געפאַנגען מענטשן, געשאַפן אַרום זיך פרייד. ער איז געווען אליאָשע, און ער וועט פאַר אונדז תמיד פארבלייבן אליאָשע, און זיין אָנדענק וועט נישט אָפּגעטאָן ווערן פון אונדז, פונקט אַזוי, ווי ער וועט נישט אָפּגעטאָן ווערן פון זכרון פון די אַלע, וואָס האָבן מיט אים צוזאַמען דורכגעמאַכט דעם וועג פון קאַמף מיטן אימפּעריאַליזם און רעאַקציע פאַר דער פרייהייט פונעם פאָלק און פון דעם לאַנד.

ש. מיקונים

ד. ספארד

✲ ✲
✲

די אויפגאַבע, וועלכע אליהו גאָזשאַנסקי האָט זיך געשטעלט אין זיין בוך „דער מענטש האָט געזיגט", איז צו געבן א שילדערונג פון אַ שטאָט אין פוילן ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה און אין דער צייט פון דער גרויליקער אָקופּאַציע נישט בלויז, ווי א כראָנאָלאָגיע פון געשעענישן, נאָר ווי א בילד פון טיפע מענטשלעכע איבערלעבונגען און שאַרפע קלאַסן־געראַנגלען. דאָס האָט זיך אים אין אַ גרויסער מאָס איינגעגעבן. די אטמאָספער פון די אָרעמע יידישע און פוילישע אַרבעטער־קוואַרטאַלן „יורזיקע" און „אָסיעדליע" מיט זייערע טאָג־טעגלעכע שטייגערישע זאָרגן און ליידן, ווי אויך מיט זייער כאַראַקטעריסטישן פאָלקסטימלעכן בטחון און אויסדויער, קומט אויף גענוג בולט. גאָזשאַנסקין גיט זיך איין צו רעאַליזירן קינסטלעריש פיל יחידישע איבערלעבונגען און פּאַסירונגען פון אלגעמיינעם באַדייט, ווי אויך צו שאַפן אַ גאַנצע ריי פון פאַרגאַנצטע געשטאַלטן, וואָס לעבן מיט זייער אייגן לעבן. אָבער אין כלל גענומען איז דאָס בוך ווייט נישט גלייכמעסיק. צוגלייך מיט איבערגעלעבטע קאָנקרעטע שילדערונגען זיינען פאַראַן נישט ווייניק באַשרייבונגען, אין וועלכע עס קומט בלויז אויף די איידעלע אינטענץ פון מחבר. דעסגלייכן פירט גאָזשאַנסקי אַרויס זייט ביי זייט מיט אַזעלכע קאָנקרעטע איבערגעלעבטע געשטאַלטן, ווי דער פאָטער וואלערי, מאַריע טשערעשקע, יערסקי און טיילווייז סטאַסיעק, ליטוואַק, גאָסקי און אַנדערע, אויך אזעלכע סכעמאַטיש געצייכנטע פיגורן, ווי לאַנדער, משהל „פאָליטרוק", זאָסיע, קרעסטנאָי און נאָך. נאָר דער עכט־הומאַנישער און רעוואָלוציאָנער־ראָמאַנטישער אָטעם, מיט וועלכן גאָזשאַנסקי באַהויכט דאָס גאַנצע בוך, ווי אויך זיין פערזענלעכע אקטיוו־רעוואָלוציאָנערע איינשטעלונג צו אלץ, וואָס האָט פּאַסירט אין יענער טראַגישער צייט, העלפט אים צו קאָנצענטרירן אלע געשעענישן ארום איין גרויסער וועזנטלעכער אידיי פון מענטשלעכער ווירדע און סאָציאַלער באַפרייאונג, און אַזוי־ארום, אויסצומיידן נאַטוראַליסטישע באַשרייבונגען סתם. די דאָזיקע אידיי טראָגט אריין ליכט אין דער פינצטערניש פון יענער

צייט, באַזיניקט דעם בטחון און די קאַמפּס־לוסטיקייט פון פּשוטן פאָלקס־מענטש, טוט אויס דעם דאָזיקן גרויליקן פּעריאָד פון זיין בלינדער גורלדיקייט און מענטשלעכער פאַרשעמונג און שליסט איט איין אין גרויסן און איידעלן קאַמף פון מענטש פאַר פרייהייט און יושר.

גאָזשאַנסקי, ווי אַן אַקטיווער רעוואָלוציאָנער־מאַרקסיסט, האָט זיך נישט פארלוירן אין לאַבירינט פון אומגליק און מענטש־לעכער אַכזריות, נאָר ער זעט אין אים קלאָר און ריכטיק די סאמע פאַרשפּיצטע פאָרעם פון קלאַסן־קאַמף, ווען איין צד, די בורזשואזיע, איז, אויפן וועג פון איר נויטווענדיקן אונטערגאַנג, שוין דעגענערירט צו דער מדרגה פון דער ווילדסטער חיה. דעריבער טאַקע זעט ער קלאָרער און בולטער דעם אויפגייענדיקן פרימאָרגן פאר דעם מענטש פון מי און אַרבעט. דאָס גרויסע אומגליק, וואָס האָט געטראָפן זיין פאָלק, ווי אויך די אומענדלעכע געפאלנקייט פון אומגעהויער פיל מענטשן אין יענער צייט, פארשטעלן נישט פאר גאָזשאַנסקין די האָפענונג בכלל און דעם מענטש בכלל. ער זעט ריכטיק די סיבה, וועלכע האָט דערפירט צו דעם דאָזיקן אומגליק און צו דער דאָזיקער געפאַלנקייט און ער באַמיט זיך אויף אן אָנשוילעכן אופן די דאָזיקע סיבה מאַכן אייגן אויך פאַר אַנדערע. דורך דער טיפער מענטש־לעכקייט פון דעם גלח וואלערי, דעם תמימותדיקן גלויבן און נאַ־טירלעכן מוט פון די טשערעשקעס, דעם מסירת־נפש פון האלינקען, זאָסיען און לאנדערן, דער ערלעכקייט און ווירדע פון יערסקין, גאָסקין, יאַנען, סטאַסיעקן און אַנדערע קומט צום אויסדרוק די אי־בערצייגונג פון מחבר, אז די זיעלינסקיס און וויסאָס, פונקט ווי די שולקינס און באַסינס, זיינען נישט מער, ווי די לעצטע ווילדע גסיסה־קאָנוולסיעס פון אן אָפּשטאַרבנדיקן קלאַס. די דאָזיקע איבערציי־גונג דרינגט אַדורך דאָס גאַנצע ווערק מיט יוגנטלעכער פרישקייט און פאָלקסטימלעכן גלויבן און שאַפט די תמימותדיקע־פּאַטעטישע אַטמאָספער, וועלכע דערמוטיקט דעם לייענער צום ווייטערדיקן קאַמף פאַר דעם זיג פונעם מענטש, פון מענטשלעכער פריינטשאַפט און מענטשלעכער פרייהייט.

„דער מענטש האָט געזיגט" איז א בוך פון רירנדיקן גלויבן אין זיג פון דער גערעכטיקייט, א בוך פון איידעלער ליבע צום מענטש.

ד. ספאַרד

פאַרוואָרט פון מחבר

דאָס דאָזיקע בוך איז געבויט אויף פאַקטן. די תקופה ביזן אָנפאַל פון היטלערן אויף פוילן האָט דער מחבר אַליין דורכגעמאַכט. דער קאַמף קעגן דער דייטשער אָקופּאַציע, דער אינערלעכער געראַנגל אין געטאָ, די פאַרבינדונגען צווישן שטאָט און געטאָ, דער קעלבאַסינער לאַגער, די „באַזע מ.״, דער יודען־ראַט, די איינהייט פון די פּראָגרעסיווע כוחות קעגן פאַשיזם — דאָס אַלץ איז געשריבן געוואָרן לויט דאָקומענטן און דערציילונגען פון אַ רייע מענטשן, וועלכע האָבן עס געזען מיט זייערע אייגענע אויגן.

אייניקע געשטאַלטן, ווי מאַריע די „פערעקופּניצע״, דער פּאָטער וואַלערי, משהל „טיורעמששטיק״, די געסטאַפּאָ־שעפן רינצלער, וויסאָ, דער שפּיצעל „בער״ און אַנדערע טרעטן אויף אין דעם בוך אונטער זייערע פולע און ריכטיקע נעמען.

די דריי יידישע ראטמענער פון יודען־ראט: אַדוואָקאַט גאָזשאַנסקי, הער יעזערסקי און דער לערער לאַנדוי, (גאָסקי, יערסקי און לאַנדער) זיינען גוט באַקאַנט זייערע אלע לאַנדסלייט. באַקאַנט זיינען די געסטאַפּאָ־אגענטן שולקין (שולק) און באַס (באַסין).

ביי דער געלעגנהייט דריקט אויס דער מחבר זיין דאַנקבאַרקייט דעם פּאַרטיזאַנער אליהו יעזערסקי פאר די וויכטיקע מאַטעריאלן, וועלכע האָבן פיל געהאָלפן צום שאַפן דעם דאָזיקן בוך. א האַרציקן דאַנק אויך דער פריילין נויבויער, וועלכע האָט דורכגעמאַכט און איבערגעלעבט די ליקווידאַציע פון געטאָ, פאר איר דערמעגלעכן דעם מחבר אריינצודרינגען אין א רייע וויכטיקע פּרטים.

דער שטרייק אין ציגעלניע

די ציגעלניע פון פאן זיעלינסקי איז געלעגן אין א ברייטער לייםיקער טיפעניש. מענטשן דערציילן, אז פאר פיל טויזנטער יארן צוריק איז אין דעם ליימיקן טאל א טיפע אזיערע געווען, אז אין דער אזיערע זיינען ארומגעשווומען משונהדיקע פיש און רוסאלקעס, און אין דעם דזשונגל ביי ביידע ברעגן פון דער אזיערע פלעגן פארווארפן מאלפעס די פולע מאמוטן מיט קאקאס־ניס.

היינט גראבן זיך אין דעם ליימיקן דעק פון דער אמאליקער אזיערע ארבעטער און באטראקעס, זיעלינסקיס ציגעלניקעס, און אויף אירע ברעגעס האבן זיך אויסגעלייגט די קווארטאלן פון דער ארעמקייט. אויפן לינקן ברעג — די כאטקעס פון די ציגעלניקעס, די „אסיעדליע". אויפן רעכטן ברעג, הארט ביז די הויפט־גאסן, דרייט זיך אין שמאלע געסלעך פון איינגעפאלענע, געדיכטע הייזעקעס — די יידישע „וורזיקע". ערגעץ־וווּ האבן זיך די צוויי ארעמקייט־קווארטאלן געטראפן, אנגעהויבן זיך איינער פון צווייטן.

אין „וורזיקע" האבן געדיכט געוווינט ארבעטער פון די טאבאק־ראווערן און שוועבל־פאבריקן, שוסטערס, שניידערס, פעדלער, „הינער־פערעקופניקעס" און אויך עטלעכע יידישע ציגעלניקעס; דער פאן זיעלינסקי האט זיי באשעפטיקט, מוותר זייענדיק אויף זיין אנטיסעמיטישן פרינציפ, מחמת זייער אומפארביטלעכקייט — גרויסע פאכלייט זיינען זיי געווען, די פאר יידישע ציגעלניקעס.

צווישן די ביידע קווארטאלן — אויפן דעק פון דער אויסגעטרוקנטער אזיערע איז געלעגן פאן זיעלינסקיס ציגעלניע.

דא האט דער יונגער סטעפעק זיעלינסקי געפרווט פארזייען די אנטיסעמיטישע העצע. דעם פאטערס טייסטער איז שטענדיק ברייט געווען צעעפנט פאר זיין „חברה", פאר זייערע אוואנטורעס און הוליאנקעס.

אבער איבער דער אמאליקער אזיערע, איבער דער ציגעלניע, איבער די זיעלינסקיס און זייערע מענטשן האבן זיך געצויגן פעדעם פון פארברידערונג, וועלכע איז געבוירן געווארן הווקא אין פאן זיעלינסקיס פאבריק.

אין א שווערן ווינטער, ווען די זאוויערוכע פלעגט אפט אפ־שטעלן די ארבעט, און די קינדער האבן געפרירט און געהונגערט אין די קאלטע כאטעס, האבן די ציגעלניקעס זיך צונויפגערעדט און געשיקט א דעלעגאציע צום פאן זיעלינסקי. די דעלעגאציע האט געזאלט פאדערן אנטשעדיקונג פאר די טעג, וואס די פאבריק איז געשטאנען צוליב מאנגל אין מאטעריאלן. די ציגעלניקעס זיינען באשטאנען דאס רוב פון גלויביקע מענטשן. זיי האבן געבעטן דעם פאטער וואלערי מיטצוגיין צום פריץ און העלפן אים אויפקלערן, אז דאס פאלק פרירט און הונגערט.

דער פאן זיעלינסקי האט געקושט דעם פאטער וואלעריס האנט און די ציגעלניקעס געענטפערט, אז די פאבריק איז זיינס און נישט זייערע. ווען ער וויל, קאן ער זי עפענען און ווען ער וויל, קאן ער זי אפשטעלן. אז שולדיק אין זייער נויט זיינען די יידישע גבירים, די אנטיכריסטן, וואס דריקן די פרייזן און צווינגען אים, דעם פאן זיעלינסקי, ער זאל אראפזעצן דעם לוין.

האט אויסגעבראכן א שטרייק.

די ארבעטער האבן זיך געזאמלט אויפן הויף פון דער ציגעל־ניע. זיי זיינען געקומען מיט פרויען און קינדער, די גאנצע „אסיעדליע" האט זיך ארויסגעשאטן. אויף א וואגאנעטקע איז אויסגעוואקסן דער אלטער יאן. זיין שעפסענע פאפאכע איז אזוי ווי צוזאמענגעוואקסן מיט דער ברייטער פאכגרויטער באָרד. צווישן די פאכדרייטע וואנסעס, דער באָרד און פאפאכע שטעקט א שווערע הילצערנע ליולקע, זיינע אויגן ברענען אונטער די הארטע ברעמען — צוויי אנגעצונדענע פענצטער.

דער אלטער נעמט ארויס די ליולקע, הויבט איבערן עולם זיין שווערע פויסט. די ווייבער שטילן איין זייערע קינדער. ס'ווערט אזוי רואיק, אז מע הערט דעם געוויש פון די טייכעלעך צעטייעטע שניי, וועלכע שטראמען אראפ אין דער טיפעניש פון דער אמא־ליקער אזיערע.

— פערציק יאר ארבעט איך אין דער ציגעלניע. — יאן האט ארומגענומען דעם עולם מיט א שארפן בליק, צעשפרייט ביידע הענט, טיף אפגעאטעמט, און פארגעזעצט — גאנצע שטעט האט מען פון מיינע ציגל געקאנט אויפבויען. דריי זין מיינע — אלע אויף דער פאבריק, און קאלט איז אין דער כאטע — ס'פרירן די איי־ניקלעך, דער הונגער האט שווינדזוכט אין שטוב געבראכט. וויזיעקס אליעסן — באגראבן. צי קאן מען אזוי ווייטער, ברידער?

אין „אסיעדליע" זיינען אנגעלאפן סטעפעקס חברה. זיי האבן

געטענהעט און געדראַט, אָנגעוויזן אויף די ייִדן און גערעדט וועגן פֿאָטערלאַנד.

— ס'איז דאָך ביי אונדז נאָך נישט, אַזוי ווי אין די גרויסע לענדער. מיר דאַרפֿן ערשט אונדזער זעלבשטענדיקייט בויען!

— ס'וועלן ייִדן אויסנוצן דעם שטרייק, דעם פאַן זיעלינסקי פאַרקאָנקורירן — א פוילישע פאַבריק וועלן זיי מיט אייער הילף פאַרמאַכן!

אָבער דער שטרייק האָט געדויערט.

די פּאָליציי האָט פֿאַרשלעפּט אין טורמע דעם אַלטן יאַן און עטלעכע יונגע אַרבעטער. די ווייבער זייַנען אין קלויסטער געלאָפֿן און צום אויבערשטן אויפֿן קול געשריגן ער זאָל אויף פאַן זיעלנסקיס קאָפּ א קללה אַראָפּלאָזן. מיט וואַרעמע ווערטער האָט דער פּאָטער וואַלערי די מענטשן געטרייסט און צו געדולד גערופֿן. אָבער שטראָפֿן דעם עולם פֿאַר זייערע קללות קעגן דעם דזיעדזיץ האָט דער גלח אַפֿילו נישט געפּרוווט — דאָס איז אים דורכן מויל נישט געגאַנגען.

די „אָסיעדליע" האָט געהונגערט. אין אירע געסלעך האָבן זיך באַוויזן מענטשן מיט זעק ברויט און קאַרטאָפֿל. ס'זייַנען געקומען יונגעלייט פֿון אַנדערע פֿאַבריקן און אַרבעטער־קוואַרטאַלן, פֿון די נאָנטע דערפֿער און פֿון דער שכנותדיקער ייִדישער „יורזיקע".

* * *

דאָס גאָטעס־דינסט האָט אין גרויסן קלויסטער געהאַלטן ביים סוף. די אויסגעפּאַשעטע פֿערדלעך אין די הונדערטער וועגענער און ברוטשקעס לענגאויס בריגידסקע הינטערן קאָשציאָל האָבן שוין לאַנג געענדיקט קייען דאָס פֿרישע היי פֿון זעקל און געשטאַנען מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגן, געוואַרעמט די פּיסקעס אויף דער זון און געדולדיק געוואַרט, צודרעמלענדיק.

ס'איז נישט קיין געוויינלעכער גאָטעס־דינסט. דער גרויסער „קאָנגאַהזיעי", דער פּאָטער פּיאָטר, שיט שוועבל און פּעך פֿון דער אַמבאָנע. זיין פֿרישטשעוואַטע פּנים איז רויט, די אויגן ברענען. ס'ברענען די פֿנימער פֿון הונדערטער גלוביקע. די פּויערים־קאַלאָניסטן, מיט די שטאָלץ־פֿאַרדרייטע וואָנסעס, קניִטשן אין די הענט זייערע מאַציעיִווקעס און קריצן מיט די ציינער.

די קאָלאָניסטן פֿאַרשטייען גוט, וואָס עס וויל פֿון זיי דער פּאָטער פּיאָטר..

די דיקע פּויערטעס, אין קאָלירטע טיכלעך און ברייטע קיעסקעס, שילטן און וויינען, ווישנדיק די טרערן מיט די רויטע שירצן.

ס׳ביילן זייערע בלאסע פויסטן אויף דיקע באמבוק־שטעקנס די פאניטשן־סטודענטן, זייערע סאמעטענע קאנפעדעראטקעס ציטערן אין די אויפגערעגטע הענט.

דער קאזנאדזייע האט געענדיקט. פון די ערשטע בענק הויבט זיך אויף אן עלעגאנטער פאניטש. ער לויפט ארויף אויף דער אמבאנע, קניט און קושט דעם גלחס האנט. דער עולם מתפללים רופט זיך אפ מיט א הייזעריקן מורמל, וועלכער דריקט אוים אנערקענונג, באגייסטערונג.

דער פאניטש שטעלט זיך אויף, הויבט אויף זיין ווייסע האנט. פון אונטער זיינע דינע, יונגע וואנסעלעך טוען א גלאנץ צוויי רייען געזונטע, אכזריותדיקע ציין.

— פאנאוויע, ברידער, אין אלעם זיינען זיי שולדיק, די מערדער פון יעזוסן!

— אזוי איז עס, — שרייט פון די הינטערשטע רייען וואיציעך, דער אייביקער שיכור, און זיינע אויגן, פארלאפענע מיט א געלערויטקייט, און זיין פיאלעטע, שפיציקע נאז דריקן אוים ווילדע הנאה און טעמפקייט.

אויף דער ערשטער רייע הויבט זיך אויף פאן זיעלינסקי, א פעטלדיקער אויסגעפוצטער פאן:

— רעכט, מיין תון! אלץ ווילן זיי פארכאפן און שטעלן אויף קעגן אונדז דאס פאלק, די אנטיכריסטן.

דער גרויסער, שווארצער גלח פיאטר, מיטן פרישטשעוואטן פנים פארבייגט זיינע לאנגע, דינע פינגער און צייכנט אין דער לופטן א צלם איבער די הונדערטער פונאנדערגעפלאמטע קעפ.

* * *

מאריע איז געווען א יידענע — א ריז. קיינער האט נישט געקאנט זאגן, ווי אלט זי איז. מאריע טשערעשקע פלעגט טראגן צוויי קוישן עופות, וואס קיין געוויינלעכער מאנצביל וואלט זיי נישט גערירט פון ארט. אירע צוועלף זין, כאטש גרוים, ווי די מוטער, האבן דאך אויסגעזען לעבן איר, ווי הינדלעך אנטקעגן דער קוואקע. אין „יורזיקע” פלעגט מען זאגן, אז קריגן א פאטש פון דעם קלענסטן צווישן די טשערעשקעס איז נישט פון די אנגענעמע זאכן. מאריע איז אבער באקאנט געווען נישט אזוי צוליב איר גבורה, ווי צוליב איר שארפער צונג און פילשטאקיקע קללות. נאכמער ווי צוליב די קללות איז איר איבער דער געגנט נאכגעגאנגען א שם צוליב איר מענטשנפריינטלעך הארץ.

אין די ארומיקע דערפער זיינען די טשערעשקעס געווען „פאן

בראַט״ מיט די פּויערים, ביי וועלכע זיי פלעגן קויפן די עופות. אַלע שליאַכן אין די נעענטערע און ווייטערע וועלדער און פעלדער האָבן זיי טויזנטער מאָל דורכגעטאָפּטשעט מיט זייערע שווערע, פּודיקע קוישן. אין אַלע הויפן, אויף אַלע טרעפּ, אויף די דאַטשעס און אין שטאָט האָבן געשפּאַנט די טשערעשקעס מיט זייערע הינער. עס איז שווער געווען אויסצובאַהאַלטן זיך פאַר מאַריעס אויג, נישט אין די הויכע גבירישע פענצטער, נישט אין די דאָרפישע באַלו־פעס און אוודאי נישט אין דער היימישער „יורזיקע״.

מאַריע מיט אירע צוועלף זין זיינען טאַקע געווען די ערשטע פון יענער זייט ציגעלניע, וואָס האָבן מיט שווערע קוישן ברויט און קאַרטאָפל אַריינגעשפּאַנט אין דער „אָסיעדליע״. די ציגעלניקעס האָבן זיי באַגעגנט מיט שווייגנדיקע שמייכלען.

אין דער „אָסיעדליע״ איז מאַריע געקומען נישט נאָר מיט פולע קוישן. שפּייז — זי האָט אויסגעגאָסן אויף פאַן זשעליגסקיס קאָפּ אַזאַ מבול מיט קללות, אַז אפילו די אַלטע זנאַכאַרקע, יאַדוויגאַ, האָט זי מקנא געווען. זי האָט ברייט געעפנט איר אָנצייגערדיק מויל און מיט התלהבות אויסגעשיפּעט: „אוי, מאַריע, דו ביסט אַ קוואַל!״

— אַ פאַרך זאָל ער האָבן אַזוי גרויס ווי אַ קלויסטער און קור־צע הענט, ער זאָל זיך נישט קאָנען קראַצן, רבונו של עולם! — האָט געדונערט מאַריע מיט איר מענערישן באַס. אַ ברעכעניש, אַ שטעכעניש אים אין אַלע ביינער, אַרויספאַלן זאָלן אים אַלע ציינער און בלייבן זאָל אים אויף צייטוויייליק איינער, רבונו של עולם! — האָט געשריגן מאַריע, פאָכענדיק מיט די שווערע קוישן.

פון מויל צו מויל זיינען איבער דער „אָסיעדליע״ געגאַנגען מאַריעס קללות.

— פריינט דערקענט מען אין אַ צרה! — פלעגן שמועסן צווישן זיך די ציגעלניקעס.

דער שטרייק האָט געדויערט.

סטעפּעקס חברה האָט געמאַכט אַ געוואַלד: ס׳טייטש, יידן, באָלשעוויקעס האָבן זיך אַריינגעמישט אין אונדזער פּוילישן קאָנ־פליקט.

די הילף פון „יורזיקע״, פון די פאַבריקן, פון די דערפער איז געגאַנגען אָן אויפהער. די הילף איז אָבער געווען קלענער, ווי די נויט. דער הונגער האָט געלויערט אין יעדן ווינקעלע פון דער „אָסיעדליע״. מענטשן זיינען אַרומגעגאַנגען מיט פאַרביסענע ליפּן, מיט פאַרכמורעטע בייזע בליקן.

* * *

דער פאָטער וואַלערי האָט געפילט — ס׳דערנענטערט זיך אַ

זאַוויערוכע. הונגער און האָס טרייבן די מענטשן צו שווערע מעשים. האָט דער גלח געמונטערט און באַרואיקט, געטרייסט און געשטילט. פון דער אַמבאָנע האָט ער דערציילט וועגן דער פיין פון גאָטס זון און פאַרענדיקט מיטן גן־עדן. דאָ איז אָבער אויפגעשטאַנען אַ פאַרשוין פון סטעפּעקס חבֿרה און הויך אויפן קול, אַז דער גאַנצער המון פון קלויסטער זאָל אים הערן, האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— געערטער פּאָטער, אמת אַז ייִדן און באָלשעוויקעס העלפן די שטרייקערס?

די שטימונג אין קלויסטער איז געוואָרן געשפּאַנט און אָנגעלאָדן מיט שטורעם. אַ סך ציגעלניקעס האָבן זיך געפּונעם צווישן די מתפּללים. מיט אַ שטרענג און האַרט קול, ווי געוויינלעך, האָט דער פּאָטער וואַלערי געענטפערט:

— גוטע מענטשן העלפן הונגעריקע און לייַדנדיקע, גאָט זאָל זיי בענטשן פאַר דער מצווה!

דער פּאָטער וואַלערי פלעגט פּרעדיקן יעזוסעס לערע מיט רויִקע ווערטער, וועלכע זייַנען געקומען פון דער טיפעניש פון זייַן האַרצן. ער פלעגט לייַדנשאַפטלעך פּרעדיקן דעם שעכנסטן געבאָט: זאָלסט ליב האָבן דייַן נאָענטן ווי זיך אַליין.

ער האָט ליב געהאַט דעם מענטשן. יעזוסעס לערע האָט ער באַטראַכט ווי אַ מיטל צו פאַרבעסערן דעם פּרט, וואָס זאָל דערהויבן דעם כּלל.

דער פּאָטער וואַלערי האָט זיך געהאַלטן ווייַט פון פּאָליטישע קאַמפן און פּאַרטייען. אונטער די שטילע ביימער אין פּלעבאַניע־גאָרטן, אונטער די הויכע רואיקע נישעס פון קלויסטער האָט זיך דער גלח געפילט גוט מיט זיך און מיט גאָט. דעם פּסוק — „ווען מען שלאָגט דיך אין איין באַק, שטעל אונטער די צווייטע“ — האָט ער געהאַלטן פאַר אַ מעכטיקן כּלי־זין פון מענטשן־ליבע, פאַר דער העכסטער מאָראַל און דעם וועגווייזער אין לעבן. דער פּאָטער וואַלערי האָט שווער באַדויערט די עוולות, וועלכע ס'באַגייען די מאַגנאַטן קעגן די אַרבעטער און פּויערים אין שטאָט און דאָרף. ער האָט שווער באַדויערט די מעטאָדן פון דער רעגירונג און די עקסצעסן פון די פּוילישע האַסיסטן. קעגן די עוולות האָט ער געקעמפט אויף זייַן שטייגער, גערופן צו גערולד און אויסדויער, אויפגעפּאַדערט פאַרגעבן און מוחל זייַן, ווייל נאָענט צו גאָט איז דער באַוועלטער.

דער גלח האָט ליב געהאַט אַראָפּצולאָזן זיך אין די אָרעמע קוואַרטאַלן, אויף „קאַלאַזשע“, אין „נאָוואַ־קאָלאָניאַ“, אין דער

„אָסיעדליע״. ער פלעגט באַזוכן פּאַראיינזאַמטע קראַנקע, אַיין שטוב פֿון אַרבעטסלאָזן געבראַכט צונויפגעזאַמלטע גראָשנס, אַ גלעט געטאָן אַ קינדערש קעפּל, און אַוועקגייענדיק איבערגעלאָזן אַ וואַרעם וואָרט, אַ שטיקל פּוטער, אַ פערטל שינקע. מיט דער צייט האָט דאָס פאָלק פון די אָרעמע קוואַרטאַלן זיך צוגעוווינט צום פאָטער וואַלערי, צוגעוווינט זיך צו אים און אים ליב באַקומען.

צו די גבירים פלעגט דער גלח זעלטן אַריינקומען. זייערע גילדנס און מתנות פלעגן אים בריען ווי קראַפּיווע. ער איז געגאַנגען צו זיי בלויז דאַן, ווען ער האָט באַדאַרפט זאַמלען צדקה, אָדער אויסבעטן פּראָטעקציע פאַר עמעצן פון פאָלק. זייענדיק באַהאָפטן מיט דער אָרעמקייט, האָט ער שטילערהייט איינגעזאַפּט אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין איר שנאה צו די אויסנוצערס.

* * *

זונטיק נאָכמיטאָג איז אויפן הויף פון דער ציגעלניע פאָרגעקומען אַ מיטינג פון די שטרייקערס. דער גרויסער הויף איז פול געווען מיט אַרבעטער, מיט ווייבער און אָפּגעריסענע קינדער. אויף דער זעלבער וואַגאָנעטקע, פון וועלכער דער אַלטער יאַן האָט דעם שטרייק דערקלערט, שטייט מיכאַש „רוזשנאָנאָגי״.

מאָדנע צעשפּרייטנדיק די פיס, האָט מיכאַש אַ ווייל רואיק צוגעוואַרט און דאַן אַראָפּגעריסן דאָס היטל פון קאָפּ און אָנגעוויזן מיט איר אין דער ריכטונג פון שטאָט. מיכאַש „רוזשנאָנאָגי״ האָט פון דער וואַגאָנעטקע אויסגערופן איין וואָרט: „צום שטאָט־ראַט!״

א המון מענטשן אַלטע און יונגע, אַרבעטער מיט פאַרקלעמטע פויסטן און פאַרביסענע ליפּן, פרויען מיט קינדער אויף די הענט, זקנים אָנגעשפּאַרט אויף דאָרפישע דובינקעס — אַלע, אַלע האָבן זיך אַרויסגעלאָזט איבער דער „יורזיקע״ אויף יענער זייט פאַבריק, צו דער שטאָט.

די „יורזיקע״ האָט זיי וואָרעם באַגעגנט. הונדערטער מענטשן האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער דעמאָנסטראַציע. נאַטירלעך, האָט מאַריע מיט איר טשערעשקעס זיך אָוועקגעשטעלט איבן אָן, ווי וויכטיקע מחותנים אויף אַ חתונה. מיט שווערע טריט האָט דער צוג געשפּאַנט צו די הויפּט־גאַסן, און איבער אַלעמען האָט געדונערט מאַריעס באַס: „קום, סערדצע, אין שורה אַריין. קומט צו די פאַרזאָרגערס, צום מאַגיסטראַט! הענער זאָלן זיי צעפּיקן, ווי ווערעם אויפן מיסט־קאַסטן, רבונו של עולם!״.

ווי נאָר די ערשטע רייען זיינען דערגאַנגען צו דער דאָמיניקאַנער גאַס, איז דאָס געשען. ווי פון אונטער דער ערד זיינען אַרויס־

געשפּרונגען „גראַנאַט־רייטער" *) און מיט שווערדן און פּאַלקעס זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן המון.

שטיינער און ציגל זיינען געפלויגן אויף די קעפּ פון די פּאָלי־ציאַנטן. ס׳האָבן זיך געהויבן פערד אויף די הינטערשטע פיס. דער המון איז נישט אָפּגעטראָטן. אַ שוסעריי האָט אויפגעריסן די לופט. מיכאַש „רוזשנאַנאַגי" האָט אַ געשריי געטאָן: —צוריק! —ער אַליין האָט אַ שפּאַן געטאָן אַ פּאָר טריט פאָרויס מיט אַ מאָדנער באַוועגונג, ווי געוואָלט ארומכאַפּן די לופט מיט די אָרעמס, אַ קני געטאָן, אַ זעץ געטאָן מיטן שטערן אין ברוק — און געבליבן ליגן רואיק אין אַ קליינער רויטער אָזיערקע...

די פּאָליציי האָט געזיגט, די דעמאָנסטראַנטן האָבן זיך צוריקגעצויגן. אָבער דער פאַן זיעלינסקי, ער — האָט נישט געזיגט.

דעם זעלבן אָוונט זיינען זיך אין די פאַבריקן, פאַרייניען, קלובן און אפילו אין די שענקן צוזאַמענגעלאָפן ארבעטער. די שטאָט האָט אויפגעשטורעמט מיט ערב אַ גענעראַל־שטרייק.

* * *

דעם זעלבן אָוונט איז געזעסן פאַן זיעלינסקי אין אַ בריט; לעדערנעם פאָטעל נעבן אַ שרייב־מאַשין, אַ געשניצטן פון שוואַרץ האָלץ. דער זשיראַנדאָל האָט געוואָרפן אַ העלע ליכט אויפן גרויסן, שיין מעבלירטן קאַבינעט. אויבן־אָן ביים שרייב־טיש זיצט דער אייגנטימער פון רוימיקן קאַבינעט אַדוואָקאַט דאַנילאָוויטש. פון צווישן זיינע ווייסע, דינע פינגער און דיקע גאָלדענע פינגערלעך שטעקט אַרויס אַ שמעקעוודיקער ציגאַר. אויך דער בייכיקער הער, אין אַ טונקעלן ענגלישן אַנצוג מיט אַ דיקער גאָלדענער קייט אויפן וועסט, וועלכער זיצט דאָ, לאָזט אַרויס פון מויל קייקעלעך אַראָמאַטישן רויך און קוקט זיי נאָך מיט אַ רואיקן, עטוואָס דרימלדיקן בליק.

פאַן זיעלינסקי איז אויפגערעגט. זיינע שמאָלע, פאַרפּעצטע אייגעלעך בלאָנדזשען פון דעם פאַן מעצענאַס צום פאַן ליטוואַק מיט אַן אויסדרוק פון אומרואיקייט ,אומגעדולדיקייט.

— וואָס טאָן, הער מעצענאַס?

דער אַדוואָקאַט קלאַפּט אויס מיט די פינגער דעם טאַקט צו עפּעס אַ מאַרש. ער קוקט ערגעץ איבער פאַן זיעלינסקיס קאָפּ.

— אויב מען וועט פאַרזעצן, קאָן אויסברעכן אַן אַלגעמיינער שטרייק! — רופט ער זיך אָפּ.

---

*) רייטער־פּאָליציי.

— וואָס גייט מיר אָן און אַלגעמיינער, צי נישט קיין אַלגעמיי־נער! — שפּרינגט אויף פון פּאָטעל פאַן זיעלינסקי.

— מיר גייט עס אָבער יאָ אָן, פּאַניע זיעלינסקי — רופט זיך אָפּ הער ליטוואַק, אַרויסלאָזנדיק א נייע סעריע רויך־קנוילן.

— איך האָב איינגעשטעלט פיל וואָכן רווחים, נאָכגעבן זיי הייסט — פאַרלירן!

זיעלינסקיס פּנים ווערט רויט פון אויפרעגונג.

— א גוטער סוחר דאַרף אויך קענען פאַרלירן — האָט רו־איק א זאָג געטאָן ליטוואַק.

— איר ישידעס זענט בלויז גוטע סוחרים, איך בין א פּאַן, א גוטבאַזיצער, און אינדוסטריעלער. נאָכגעבן די פּאַראָבקעס, די באַ־סיאַקעס, די באָלשעוויקן!?

— אייער אויפרעגונג פאַרשטיי איך, אָבער מיט עקשנות קאָן מען דאָ פיל נישט אויפטאָן. מע מוז צו דער פראגע צוגיין מיט א קאַלטן קאָפּ, אַנדערש הייסט פאַרלירן, נאָך מער שטאַרקן די באָלשעוויקעס. און בעיקר, פּאַניע זיעלינסקי, ס'דראָען גרויסע פי־נאַנסיעלע פאַרלוסטן.

ליטוואַק פאַרטראַכט זיך א רגע.

— פּאַניע זיעלינסקי, — זאָגט ער מיט א ווייכער, כמעט פאַר־טערלעכער שטים — פּאַניע זיעלינסקי, מיט פייער טאָר מען זיך נישט שפּילן!

— פּאַניע ליטוואַק! מיין האָנאָר לאָזט מיך נישט נאָכגעבן, פּאַניע...

— באַנקראָט האָט גאַנץ ווינציק שייכות צו האָנאָר.

—איך, פּאַן זיעלינסקי, זאָל ציען דאָס היטל פאַר די כאַ־מעס?

— אויב דאָס געשעפט פאָדערט!

— פּאַניע ליטוואַק, איר האָט אין דער ציגעלניע א טייל פון אייערע אַקציעס. וועגן דעם ווייסט מען אפילו נישט. ביי מיר איז די גאַנצע ציגעלניע א וויכטיקע פּאָזיציע...

— פּאַניע זיעלינסקי, איר זענט נישט אויף א מיטינג — ליט־וואַקס שטים ווערט שאַרף, כמעט גיפטיק — שפּילט זיך דאָ מיט מיר נישט אין האָנאָר. מיר זיינען דאָך אייגענע מענטשן. איך זאָג ווידעראַמאָל: א געשעפטסמאַן דאַרף וויסן ווו איז די מאָס, אויב ער פאַרלירט די מאָס, פאַרלירט ער אַלץ.

— פּאַנאָוויע, פּאַנוויע, קריגט זיך נישט! — דער אַדוואָקאַט האָט געטאָן א געמאָסטענעם קלאַפּ מיטן פינגערל איבערן שרייב־

טיש — מיר שיינט, אַז פֿאַן ליטוואַק איז גערעכט, מע דאַרף געפֿינען דעם ריכטיקן מאָדוס, ווי אַזוי זיך צוריקציען.

שפּעט אין אָוונט איז פֿאַן זיעלינסקי געקומען צו לויפֿן צום פּאָטער וואַלערי און אים געבעטן, ער זאָל איבערגעבן די אַרבעטער, אַז ער, פֿאַן זיעלינסקי, גיט נאָך זייערע פֿאָדערונגען, ווייל „זיין פּאַטריאָטיש האַרץ דערלויבט אים נישט צוזען, ווי ייִדן און באַל־שעוויקעס פּראָוואָצירן אַ בלוט־באָד צווישן די פּאָליאַקן!"

* * *

איבער דער „יורזיקע" האָט זיך פֿאַרשפּרייט די ידיעה, אַז די „וואַלאָדזע" גרייט אַ משפּט איבער מאַריע דער הינער־פֿערקויפֿניצע פֿאַר „עפֿנטלעך באַליידיקן די פּוילישע מאַכט און רופֿן צו אַן אַנטי־מלוכישער דעמאָנסטראַציע".

פֿאַרן משפּט איז צו מאַריען אין שטוב אַריינגעקומען דער פּאָטער וואַלערי. דער גלח פֿלעגט אָפֿט פֿאַרבייגיין „יורזיקע", ער האָט אויך געהאַט פֿריינט צווישן דער ייִדישער אָרעמקייט. בעת ער איז אַריין אין דעם פֿינצטערן הויז און זיך געלאָזט אויף די טרעפּ צו מאַריעס אַפּיצינקע, איז אים פֿאַרויסגעלאָפֿן יאַנקעלע, אַ בלאָנד טשערעשקעלע, מאַריעס אַן אייניקל, און איבערן גאַנצן הויז זיך צעשריגן:

— באַבעניו, באַבעניו! ס'גייט צו דיר דער גלח!

מאַריע איז אַרויס באַגעגענען דעם פּאָטער וואַלערי. זי האָט אים אַוועקגעזעצט אין אַ באַקוועמען פֿאָטעל ביים פֿענצטער און איז אַוועק צום בופֿעט אויסזוכן דעם דיקן סלאָי מיט איינגעמאַכטס. דער „פּאָטער" האָט איר באַדאַנקט און דערקלערט, אַז ער איילט זיך און איז געקומען בלויז איר פֿאַרלייגן, אַז ער וויל אויף איר משפּט אָפּגעבן עדות וועגן איר צדקה־טעטיקייט. אויך די ציגעלניקעס האָבן געבעטן איבערגעבן, אַז זיי ווילן איר שטעלן אַן אַדוואָקאַט.

בשעת דער גלח האָט גערעדט, האָט מאַריע באַוויזן אָנצוגיסן אַ גלאָז טיי און דערלאַנגען עס מיט אַ שעלעכל איינגעמאַכטס דעם פּאָטער וואַלערי. יאַנקעלע, מאַריעס אייניקל, האָט זיך צוגעזעצט לעבן דעם גלח, נישט אַראָפּגעלאָזט פֿון אים קיין אויג און איידער וואָס און ווען איז ער געוואָרן אַ שותּף צום פּאָטער וואַלערים שעלעכל. מאַריע האָט זיך צעבייזערט:

— דו, היישעריק, טשערעשקעלע מיינס, לאָז איבער דעם פּאָטער, מזיק!

דאַן האָט זי זיך אַוועקגעזעצט קעגנאיבער דעם גלח און אויסגעזיפֿצט: איי, פּאָטער, פּאָטער, איר זייט דאָך גאָר אַ סערדיצע, איר זייט דאָך גאָרנישט, ווי די היינטיקע גלחים!"

און אײדער דער פּאַטער האָט באַװיזן עפּעס צו זאָגן, איז זי גלײך צוגעטרעטן צום ענין:

— פּאַטער טײערער, איר װײסט דאָך, אַז דער בעסטער אַדװאָקאַט איז דער אמת. אַ האַרציקן דאַנק זײ, אונדזערע שכנים, װאָס זײ געדענקען מאַריען בעת־צרה, אָבער איך האָב גענוג אַדװאָקאַטן. מײן אַדװאָקאַט דאָס איז „יורזיקע", די „אָסיעדליע", מײנע שװערע קװישן, מײנע גרױע האָר, מײנע צװעלף זין, געזונט זאָלן זײ זײן, און איר אױך, פּאַטער ליבער! אפשר װילט איר, איך זאָל אײך צושטעלן, פּאַטער, דושאַ, צו דער פּלעבאַניע אַ פריש הינדל אויף מיטאָג? און װעגן משפּט, פאַרלאָזט זיך שױן אױף מאַריען.

בעתן משפּט האָט דער פּאַטער װאַלערי צוזאַמען מיט די יורזיקער האָרעפּאַשניקעס און ציגעלניקעס אויסגעפילט דעם געריכטזאַל.

* * *

אין גרױסן געריכט־זאַל איז אַרײַן דער ריכטער, אַ דיקער, אָנגעבלאָזענער מאַן. זײַן צװײ־שטאָקיקע גאָמבע און די רויטע פעטע באַקן האָבן אַרויסגעשװיצט פון אונטער זײַן שװאַרצן קאַפּל, און איבער דער שװאַרצער טאָגע האָבן אַרויסגעקוקט דורך די גילדערנעברילן פּינטלדיקע, קורצזיכטיקע אײגעלעך.

דער ריכטער האָט זיך אַװעקגעזעצט און אַ זעץ געטאָן מיטן האַמער איבערן טיש.

מאַריע, אַ יום־טובדיקע, אָן אויסגעפּוצטע, האָט זיך אַװעקגעשטעלט אין איר גאַנצער גרױס פאַרן ריכטער. איבערן זאַל איז אַדורך אַ שאָרך און ס'איז געװאָרן שטיל.

— װי רופט מען אײַך? — דעם ריכטערס שטים האָט געקלונגען שטײף און װיכטיק.

— מאַריאַ.

— און אײַער פאַמיליע?

— מײַן מאַן, דער שלימזל איז נישט װערט איך זאָל אים דאַ דערמאָנען, פאַניע װלאַדזאַ.

— װי אַלט זײַט איר?

— װי דער יידישער גלות.

דער ריכטער האָט אָפּגעװישט די ברילן מיט אַ טיכעלע און האָט אַ לאַנגן בליק געװאָרפן אויף מאַריען. מאַריע איז געשטאַנען פאַר אים אָן ערנסטע, אַפילו נישט קײן שמייכל געטאָן.

„אַ מאָדנע יידענע", האָט אַ טראַכט געטאָן דער ריכטער.

—איר זײַט שױן אַמאָל באַשטראָפט געװאָרן?

— יאָ, דרײַ מאָל, פאַניע װלאַדזאָ! .

— פאַרוואָס, און ווי אַזוי?

— ערשטנס מיט דעם, וואָס איך בין אַ יידיש קינד. צווייטנס, וואָס איך בין אַ יידענע. און דער עיקר, וואָס איך האָב נישט גע־טראָפן מיטן טאַטן. ער איז געווען אַן אָרעמער הינער־פּערעקופּניק, אַנשטאָט צו זיין ראָטשילד.

איבערן זאַל דערהערט זיך ווידער אַן איינגעהאַלטן געלעכטער. דער האַמער קלאַפּט אין טיש, דעם ריכטער האָט זיך דאָס שוואַר־צע קאַפּל פּאַרדרייט אַביסל אין אַ זייט.

— איך פרעג, צי זייט איר באַשטראָפט געוואָרן דורכן קאָ־דעקס, צי זייט איר געזעסן אין טורמע?

— אין אַסטראָג בין איך געזעסן ניין מאָנאַטן, פּאַניע וולאָ־דזאָ.

ס'קוקן זיך אַדורך די טשערעשקעס. וואָס פאַרא ניע מעשה? וואָס גייט די מאַמע אַריינזאָגן דעם פּאַן וולאַדזאָ?

— אין וועלכער טורמע? — פרעגט דער ריכטער. זיינע קורצזיכטיקע אייגעלעך צעפּלאַקערן זיך.

— ביי דער מאַמען אין בויך, פּאַניע וולאַדזאָ.

דער זאַל רייסט אויף מיט אַ געלעכטער. אפילו דער „וואָזשנע" ביי דער טיר לאַכט אריין אין אַרבל, ער פאַרשטעלט טאַקע דאָס מויל מיט דער האַנט, אָבער די וואָנסעס טרייסלען זיך. דער פעטער פּרצוף פון ריכטער ווערט רויט, זיין שוואַרצע טאָגע צעשפּרייט זיך, ער שפרינגט אונטער און טוט אַ זעץ מיטן האַמער איבערן טיש.

— איך בעט אויפהערן מאַכן ליצנות, באַשולדיקטע! איר קענט ערשט איצט אַריינפאַלן אין אמתן אָסטראָג.

אָבער מאַריע איז רואיק, זי לאַכט נישט. זי מאַכט זיך נישט זעענדיק, וואָס דער פּאַן וולאַדזאָ איז אויפגערעגט.

— ווען איר וואָלט געווען אַ יידענע, פּאַניע וולאַדזאָ — האָט קאַלט פאַרגעזעצט מאַריע — וואָלט איר אפשר אַ קלוגער גע־טאָן ווען דעם, אַז געוויינלעך יעדער אַרעסטאַנט, וואָס מאַטערט זיך פאַרן רעכט צו לעבן, לעבט איבער סיי דעם, וואָס פאַרזעצט אים אין אָסטראָג, סיי דעם אָסטראָג אַליין. אָט אַזוי האָט דער בורא עולם געשאַפן די וועלט פּאַניע וולאַדזאָ.

אויפן פּנים פון פּאָטער וואַלערי, וועלכער איז געזעסן אין דער ערשטער ריי צוזאַמען מיט די ציגעלניקעס, האָט זיך צעבליט אַ ברייטער שמייכל. דער אַלטער יאַן האָט אַ ווונק געטאָן מיטן אויג צו וויטעקן און האָט אַ בורטשע געטאָן: „איי אַ שועלמע!".

דער ריכטער, אַן אָנגעבלאָזענער, אַ פאַרשוויצטער, כמעט אַ

פאַרלוירענער, האָט זיך שווער אוועקגעזעצט אין זיין פאָטעל און זיך באַמיט נישט קוקן אין די פּנימער פון די צוהערער.

— באַשולדיקטע, זייט איר זיך מודה אין אייער שולד? — האָט מיט אַ געמאַכטער רואיקייט געפרעגט דער ריכטער.

און ווידער האָט איבערן געשפּאַנטן זאַל אָפּגעקלונגען מאַריעס רואיקער באַס:

— איך בין זיך מודה, אַז איך האָב געקליבן שפּייז פאַר הונגעריקע קינדער אין דער „אָסיעדליע”, פאַר אונדזערע שכנים, געזונט זאָלן זיי זיין. איך האָב אַ טבע צו העלפן הונגעריקע, פאַ־ ציע וולאַדזאַ.

סוף כל סוף איז מאַריע באַפרייט געוואָרן.

מלחמה.

צוערשט האָט זיך פונאַנדערגעקלונגען דער גרויסער גלאָק אויפן קאָשציאָל. נאָך אים האָט זיך אָפּגערופן דער טורעם פון בענעדיקטער קלויסטער, דער סאָבאָר, די אַלטע צערקווע. עפּעס מאָדנע צעצויגן און יאָמערדיק האָט זיך אַדורכגעטראָגן איבער דער איינגעשלאָפענער שטאָט דאָס דאָזיקע קלינגעריי. ס׳איז נאָך געווען נאַכט, בלויז אַ שמאָלינקער, גרויליקער פּאַס צווישן ערד און הימל האָט אָנגעצייכנט דעם וועג פון אָנקומענדיקן פרימאָרגן. די פון שלאָף אויפגעריסענע מענטשן ביי די צעעפנטע פענצטער האָט אַדורכגענומען אַ קאַלטער ציטער פון דעם פייכטן אָסיענדיקן ווינטל פון דער סעפּטעמבער־נאַכט, פון שווערן פאָרגעפיל.

ס׳האָט זיך אויפגעכאַפּט „יורזיקע" פון שאַרפן סירענע־פייף פון די פייערלעשער. די „אָסיעדלע" האָט אָויפגעריסן פון שווערן שלאָף דער טומבור פון דעם ציגעלניע־פייפער. אַ מרה־שחורהדיקער הונט האָט זיך צעלאָזט מיט אַ פאַרצווייפלט בילעריי, ס׳האָט אים אונטערגעכאַפּט אַ צווייטער, אַ דריטער.

באַלד זיינען די מענטשן אין זייערע וווינונגען צוגעפאַלן צום די ראַדיאָס. ס׳האָט זיך אַ ריס־געטאָן איבער די גאַסן דער כריפּ פון צענדליקער זענדער, אַן אויפגערעגטע שטים פון דער ספּיקערין האָט שאַרפער ווי שטענדיק געחזרט:

— די דייטשע אַרמיי האָט זיך אַריינגעריסן אויף דער פוילישער ערד!

* * *

מאַריע שטייט איבער דער גרויסער פליטע. אַרום איר — די שנורן. די פרויען שווייגן. מע קוקט נישט איינע אויף דער צווייטער. די זין אין עס־צימער זיצן איבער די טעלערס און ליידיקן זיי אויס אין דער שטיל.

יאַנקעלע איז שוין אויך אויף. אָט גייט ער צו צו כאָנקען, קוקט אָן דעם טאַטן מיט גרויסע, שוואַרצע, ערנסטע אויגן.

כאָנקע טוט אַ גלעט דעם זונס קעפּל.

— גיי, כאַפּ אַ קיי — באַסט אויס מאַריע, און איבערבייגנדיק זיך איבערן אויוון, צעברעקלט זי מיט איין רעכטן זעץ די

האָלאָוועשקע אויף טויזנטער בלישטשענדיקע קוילן און פונקען.

— מיר דאַרפן זיך באַלד שטעלן אין די „וויאַציקע" קאַזאַר־מעס — רופט זיך אָפּ כאַנקע צו די ברידער אין עס־צימער...

* * *

די ציגעלניע איז שטיין געבליבן. פון אירע טויערן, פון די פּאַרקאַנס אין דער „אָסיעדלע" האָבן גרויסע פּלאַקאַטן אַראָפּגע־שריגן:

מאָביליזאַציע!

סטאַסיעק האָט זיך געדרייט איבער די געסלעך און זיך צו־געהערט צו דעם גערויש אין די שכנותדיקע כאַטעס. אַ שטילער, ערנסטער גערויש. ס'טוט אַ וויין אַ קינד. פון אַן אויפגעעפנטער טיר דערטראָגט זיך אַ שווערער זיפץ פון אַ פרוי. אפילו די הינט, דאַכט זיך, דרייען זיך אַרום מיט אַראָפּגעלאָזטע עקן. —

סטאַסיעק איז אַ ברייטביינִיקער יונג, מיט הימל־בלויע אויגן, ווייסע ציין און מיט אַ מענערישער פאַרביסנקייט אין זיינע שמאָלע ליפּן.

פון תמיד אָן זעט ער זיין מוטער האָרעווען פון באַגינען ביזן זון־פאַרגאַנג אין דער ציגעלניע פון פּאַן זיעלינסקי. ציית ער גע־דענקט האָט ווינטער דער שניי און זומער דער רעגן אַריינגערונען דורכן צעפוילטן, שטרויענעם דאַך אין דער כאַטע. זינט ער גע־דענקט האָרעווען הונדערטער מאַמעס און טאַטעס אויף טאָג־אַר־בעט ביים פּריץ אין דער ציגעלניע, קינדער גייען אויף טערמין צו אַ מייסטער, און דער הונגער בושעוועט אין געסל פון איין סעזאָן ביזן אַנדערן.

סטאַסיעק האָט ליב געהאַט זיינע חברים און חברטעס פון דעם געסל, וועלכע האָבן פּריציייטיק זיך אויפגעהערט צו שפּילן. ער האָט אַפילו ליב געהאַט דעם גוטן פּאַטער וואַלערי. נישט אַזוי פאַר די ביכלעך, געניצטע שיך און פלעשער מילך, וועלכע ס'פלעגן מיטן גלח פון צייט צו צייט זיך באַווייזן אין דער כאַטע, נאָר ווייל יענער פלעגט נישט ריידן פון אויבן אַראָפּ און טישט רוקן די פינגער פאַר זיין מויל צום קושן. דעם פּאַטער וואַלערי האָט ער גאָר שטאַרק ליב באַקומען צוליב אָט וואָס: דער גוטמוטיקער גלח פלעגט עפּטער צופירן סטאַסיעקן צו דער וואַנט פון זייער איזבע, זוו לעבן דער איקאָנע איז געהאָנגען אַ אָפּגעבליאַקירט פּאָרטרעטל פון אַ יונגנמאַן אין אַ שינעל און אַ „מאַטשעיוווקע" און פלעגט זאָגן מיט אויפריכטיקער אַכטונג: „דיין פּאַטער, אַן אייביקע רו זאָל ער האָבן, ער האָט פאַר אונדזער פרייהייט זיין לעבן אַוועק־געגעבן".

סטאַסיעק האָט פון זיין מוטער מויזנט און איין מאָל געהערט, ווי אַזוי זיין פאָטער, דער ציגלמאַכער, איז אוועק קעמפן פאַר דער באַפרייאונג פון זיין פאָטערלאַנד.

דעם אמת געזאָגט, האָט סטאַסיעק קיין סך נישט פאַרשטאַנען, „וואָס" האָט זיין פאָטער באַפרייט און וואָס פאַר א פרייהייט האָט ער אויסגעקעמפט. סטאַסיעק האָט זיין פאָטער, דעם נאָנטסטן אומבאַקאַנטן ציגלמאַכער, געליבט און געשעצט. און דאָך איז ערגעץ אויפן דעק פון זיין האַרצן געלעגן עפּעס א פאַרדרוס צום פאָטער. שווער איז געווען דאָס לעבן אָן אים; נישט גרינג איז געווען אויך אין די כאַטעס, וו די פאָטערס האָבן געלעבט און זיך געראַנגלט מיטן הונגער, מיט דער נויט. פאַר וועמען זשע איז זי, הייסט דאָס, די פרייהייט? פאַרוואָס איז דווקא געפאַלן זיין פאָטער און נישט, צום ביישפּיל, פאַן זיעלינסקי?

סטאַסיעק האָט געהאַסט זיעלינסקין, דעם פאַן, מיט דער שנאה פון זיין גאַס. מיט דער שנאה פון דער „אַסיעדליע". ער האָט אויך געהאַסט סטעפעקן, דעם פאַניטש, געהאַסט און מקנא געווען פאַר זיינע ווייסע הענט און זיין פולן טייסטער; פאַר זיין פאַנסקע קירבערקייט ביים פאַרטשעפן א שיין שיקסל פון זייער גאַס און פאַר זיינע וווילערישע מאַניערן.

יאָ, סטאַסיעק האָט פיינט געהאַט די זיעלינסקיס.

און ווען סטעפעק, אַן אויסגעפוצטער און אויסגעצאַצקעטער, איז אין א שיינעם פרימאָרגן געקומען אין סטאַסיעקס גאַס רופן די ברידער פאַליאַקן „אויספירן זייער פליכט פאַר דעם פאָטערלאַנד" און אַרויס אויף דאָמיניקאַנער גאַס ברעכן שויבן אין די קראָמען און שפּאַלטן קעפּ פון די „יידישע בלוטזויגערס" — האָט זיך סטאַסיעק געשטעלט פון דערווייטנס. נישט ווייל ער האָט ספּעציעל ליב געהאַט יידן, נאָר ווייל ער האָט זיי בעצם נישט פיינט געהאַט. ער האָט אָבער שטאַרק געהאַסט דעם פאַניטש, און פרעמד איז אים געווען דאָס פאָטערלאַנד אין סטעפעקס מויל.

ווען סטאַסיעקס מוטער האָט שפּעטער פאַרן פאָטער וואַלערי דערציילט ווי אַזוי סטעפעק זיעלינסקי האָט געהעצט דאָס פאָלק צום פּאָגראָם, האָט דער גלח, אַן אויפגעשטאַכטער, אויסגערופן: „אַנטיכריסטן!". באַלד אָבער האָט ער זיך אונטערגעוואָרפן דעם געבאָט פון געדולדיקייט און מיט פיינטלעכן באַדויער שטיל אָפּגעזאָגט: „גאָט, זיי אונדז מוחל אונדזערע זינד!".

סטאַסיעקן, וועלכער איז ביי געווען דעם דאָזיקן געשפּרעך האָט

דעם פּאַטער וואַלעריס „גאָט, זיי מוחל אונדזערע זינד" אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן. ער האָט נישט געוואָלט, גאָט זאָל מוחל זיין סטעפּעקן. ער, סטאַסיעק, האָט אים נישט מוחל געווען. ס'האָט אין דעם מאָמענט אָנגעוואַקסן אין זיין האַרצן אַ כעס אויפן גלח. ס'האָט זיך אים אַ קלער געטאָן, אַז דער פּאַטער וואַלערי שטעלט זיך אַזוי־אַרום אויף סטעפּעקס זייט.

סטאַסיעק איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צום פּאַטער וואַלערי און האָט אים רואיק, אָבער שפּיציק אַ פרעג־געטאָן:

— נו, און דער פּאַטער פּיאָטר!?...

דער פּאַטער וואַלערי איז בלאַס געוואָרן. דאַן האָט ער זיך שווער אַוועקגעזעצט אויפן בענקל, געהייסן סטאַסיעקן זיך זעצן נעבן אים און האָט לאַנגזאַם אָנגעהויבן רעדן.

— מיט פיל צענדליקער יאָרן צוריק, אין אַ דערפל ביי פּאַ־רעטש, האָט אַ ייִנגעלע געפּאַשעט קי און הנאה געהאַט פון גאָטס וועלט. די עלטערן פון ייִנגעלע האָבן געאַרבעט אויף דעם באָדן פון פּריץ. שווער און ביטער געאַרבעט. די מוטער איז אַריינגע־פאַלן אין אַ שלאַפקייט. דער פּאַטער איז געלאָפן צום אָרטיקן גלח, געבעטן הילף. דער גלח האָט געשיקט אַ דאָקטאָר. דער דאָק־טאָר האָט רפואות פאַרשריבן. ס'איז נישט געווען פאַרוואָס זיי צו קויפן. דער פּאַטער איז געגאַנגען צום „זשאַנדצע" בעטן אַ פּאָר גילדן. דער „זשאַנדצע" האָט אים אַוועקגעטריבן, האָט דער פּאַ־טער צוריקוועגס אַריינגעגנבעט זיך אין פּריצס שטאַל. געגנבעט אַ חזירל, געוואָלט עס פאַרקויפן. מען האָט דעם פּאַטער געכאַפּט. צום טויט פאַרשמיסן. די מוטער איז געשטאָרבן, שילטנדיק דעם פּריץ. דאָס ייִנגל איז געבליבן אַ יתום. אויסגעוויינט זיך אויף דער מו־טערס קבר און אַזאַ האַס אין האַרצן באַקומען, אַזוי געגאַרט נאָך נקמה...

— ס'איז געווען אַ פינצטערע, הייסע זומער־נאַכט. דאָס ייִנגל האָט זיך פאַרגנבעט אויפן פּריצס פעלד, די תבואה אונטערגע־צונדן...

און דאַן האָט סטאַסיעק פּלוצלינג דערפילט אין פּאַטער וואַ־לערי גאָר אַן אייגענעם, אַ נאָענטן.

* * *

סטאַסיעק איז אַריין צו זיך אין שטוב.

די מוטער קניט פאַר דער איקאָנע, ס'ברענט אַ געלע ליכט,

אירע ליפּן חזרן תּפילות, און די אויגן זײַנען אומעטיקער ווי שטענדיק. די מוטער שטייט־אויף, גייט צו צו סטאַסיעקן, נעמט אים אָן בײַ דער האַנט, ווי אַ קליין ייִנגעלע, און רופט שטיל אויס:

— אין קאָשציאָל אַריין, קינד מײַנס!

פול געפּאַקט איז דער בענעדיקטן־קאָשציאָל. כמעט די גאַנצע „אָסיעדליע” איז דאָ. אפילו דער פּאַן זיעלינסקי, וועלכער פּלעגט באַזוכן דעם קלויסטער נאָר אין די זונטיקס און ימים־טובים, קניט אויף זײַן אָרט אין דער ערשטער שורה קעגנאיבער דער אַמבאָנע. דאָ אין קאָשציאָל טראָגט זיך שוין דורך אַ געוויין, עס יאָמערן און זיפּצן די פרויען, בלאַס זײַנען די מענער.

בלאַס איז אויך דער פּאָטער וואַלערי. אָט שטייט ער אין שײַן פון מילדע, פילפאַרביקע פרימאָרגנדיקע שטראַלן, וועלכע דרינגען אַרײַן פון דרויסן דורך די קאָלירטע שײַבלעך.

— גאָט מײַנער, ראַטעווע דײַנע שאָף פון די וועלפישע צײַטן, צעברעך די שווערד פון אָנפאַלער. זײַ אונדז מוחל אונדזערע זינד און באַהיט אונדז פון קריג, פון שריפה, מגפה! און אויב דײַן הייליקער ווילן איז שטעלן אונדז פאַרן גרויסן פּרוּוו, שטאַרק די הענט פון די פאַרטיידיקער, פיל־אָן זייערע הערצער מיט מוט, מיט ריינעם באַגער צו גיין אין דײַן וועג און משפּט אונדז לויט דײַן גערעכטיקן אַלצווייסנדיקן אײַנזען, ווײַל נישטיק און פאַרבײַגייענדיק איז אונדזער וועזן אויף דער זינדיקער ערד, ליכטיק און דויערנדיק איז דײַן אייביקייט!

צוריקוועגס זײַנען סטאַסיעק און זײַן מוטער געגאַנגען דורך „יורזיקע”. ס'האָבן שווער געאָטעמט די געסלעך... דורך אַלע געעפנטע טירן האָבן זיי געזען, ווי ס'פּאַקן זיך ייִדענעס בײַ די פּליטעס, מענער פאַרציען רוקזעק און פאַרקלאַפּן קאַסטנס, און קינדערלעך פּלאָנטערן זיך פאַר די פיס פון די דערוואַקסענע. אין דער דאָזיקער פאַרקלעמטער שטילקייט האָט בולט אָפּגעהילכט סטאַסיעקס שטים:

— מאַמע, אויב ס'איז טאַקע דאָ אַ גאָט און אויב ער גערעכט... ער געוועלטיקט אַזוי יושרדיק, איז צו וואָס האָט ער געמאַכט מלחמות?

— סטאַסיעק, קינד מײַנס, ווי רעדסטו אַזוי, ווילסטו דען אורטיילן גאָטס מעשים?

סטאַסיעק איז אַנטשוויגן געוואָרן. אין האַרצן אָבער האָט ער מיט רוגז אַ קלער־געטאָן, אַז מאָביליזירן זיך נישט

גאַטס מלאכים, נאָר זיי, די איינוווינער פון „אַסיעדלע", פון „יור־זיקע"...

* * *

דריי מאָל זיינען די טשערעשקעס געגאַנגען אין די „וויאַציקע" קאַזאַרמעס און צוריקגעקומען. ס'זיינען נישט געווען קיין... מונ־דירן.

די דייטשע מחנות זיינען געגאַנגען פאָרויס. שטעט זיינען גע־פאַלן. דאָ און דאָרט האָבן געדויערט פאַרביטערטע שלאַכטן. ס'האָט זיך פאַרטיידיקט וואַרשע .די דייטשן האָבן די שלאַכט־אינדזלען גע־לאָזן פון הינטן, געקומען אַלץ נעענטער און נעענטער. געערדט האָט מען, אַז אָט באַלד, אַ ליאַדע שעה קומען זיי אָן. פולק, האָבן דורך דער שטאָט מאַרשירט הין און צוריק.

עטלעכע ברידער טשערעשקעס, כאַנקע, מענדל, משהל, אבֿרהמל זיינען סוף־סוף מאָביליזירט געוואָרן. פאַרטאָג זיינען זיי אַרויס אין דער קאַזאַרמע און צוריק אהיים נישט געקומען. די ברידער, וועלכע האָבן זיך צוריקגעקערט, האָבן דערציילט, אַז זיי, די אויס־געדינטע, האָט מען נאָכן איינטיילן אין פולק, אָפּגעפירט ערגעץ אין דער אויגוסטאָווער געגנט.

אין שטאָט האָבן זיך באַוויזן פאַחדעכטיקע פאַרשוינען. ביי־נאַכט פלעגן ברענען סקלאַדן, פליען אין דער לופטן באַן־רעלסן. איבער די גאַסן האָבן געלויערט באַנדעס, אויפגעריסן די זשאַליו־זעס פון קראָמען געריבט, געגנבעט.

מען האָט געשמועסט וועגן אַ פּאָגראָם.

כאַצקל לוציקי איז געקומען צו לויפן אין אַן אָוונט צו די טשע־רעשקעס און איבערגעגעבן, אַז מען מוז זיך גרייטן אָפּשלאָגן די באַנדעס. ער האָט דערציילט מאַריען, אַז משהל דער „טורעמש־טשיק", דאָס „שניידערל", איז אַנטלאָפן פון אָסטראָג. ער האָט באַפוילן „יורזיקע" שאַפן אַ מיליץ.

פאַרטאָג זיינען אָנגעלאָפן אַ פּאָר צענדליק אַעראָפּלאַנען. קיי־נער האָט זיי נישט געזען. מען האָט זיי בלויז געהערט. אַ שווער זשומען, עטלעכע מינוט ערד־ציטערניש. שניידנדיקע פייפן פון באָמבעס, אַ סעריע פון מאַשינען־געווער, ווידער אַ זשומען, דוכט זיך, אָט־אָט איבערן דאַך און — ווידער שטיל.

די באָמבעס זיינען געפאַלן אין ציל, אויף די קאַזאַרמעס. ס'האָט געברענט די באַן־סטאַציע. אַ פּאָר צענדליק געהרגעטע.

* * *

איבער דער שטאָט, איבער דער „אָסיעהלע" און „יורזיקע" האָט זיך, ווי א שווערער וואָלקן, געשטעלט דער רויך פון נישט־געלאָשענע שׂרפות. די מענטשן האָבן זיך געהרייט איבער די גאַסן, ווי אין א נעץ.

אָוונט־צו איז געקומען כאַצקל. ער האָט דערציילט, אַז לויט ווי די קריסטלעכע חברים גיבן איבער, גרייטן די ענדעקעס אויף מאָרגן א פּאָגראָם. מען האָט אויך געפירט א העצע צווישן די זעלנער. „דאָס גרייטן זיי א קבלת־פּנים היטלערן".

אין מיטן נאַכט האָט א האַסטיקער קלאַפּ אין טויער אויפגעריסן די טשערעשקעס פון שלאָף. ס'האָט זיך אין יענער נעכט איבערהויפּט נישט געשלאָפן. מענטשן פלעגן דרימלען אויף די געלעגערס פּילבאַר אויף יעדן גערויש, חלומען אָפּגעהאַקטע, קורצע חלומות.

די טשערעשקעס האָבן א כאַפּ געטאָן די העק און האַמערס, מאַריע האָט גענומען א שווערע אייזערנע קאָטשערגע. מען איז אַראָפּ צום טויער.

— וועמען האָט געבראַכט דער טייוול? — האָט א ברום געטאָן מאַריע.

— מאַמע, עפן, דאָס זיינען מיר!

— כאַנקעלע! — מאַריע האָט עס אויסגעשריען מיט א זעלטענעם פאַר איר ציטערדיקן קול, בערעלע האָט שוין א ריס־געטאָן די זאַוויאַסע. פון די טרעפּ זיינען געלאָפן די שנורן.

אין טויער איז געשטאַנען כאַנקע, מענדל, משהל און אברהמל.

מאַריע איז צוגעלאָפן צו די זין, געקושט יעדן באַזונדער. זיי האָבן געשוויגן, נישט אויפגעהויבן די אויגן.

— ווי אַזוי, קינדערלעך?

זיי האָבן גאָרנישט געענטפערט. ערשט אויבן אין דעם עס־צימער מיט די פאַרהאַנגענע פענצטער, בעת מען האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ, האָט מאַריע דערזען, ווי פאַרשטויבט, פאַרוואַקסן, פאַרשוואַרצט זיי זיינען און וואָס פאַר א שווערע מידקייט עס ליגט אויף זייערע פּנימער.

— מיר זיינען דערגאַנגען ביז נאָך סאָפּאָצקין, דאָרט געגראָבן טראַנשייען. אָפּגעלעגן אין זיי פינף מעת־לעת, אָן עסן, נישט וויסנדיק אויף וואָס מיר וואַרטן. דערנאָך באַקומען א באַפעל צו גיין ווייטער. א פּאָר שעה געגאַנגען. דאַן איז אָנגעלאָפן דער מאַיאָר א בלאַסער, אַן אויפגערודערטער און באַפוילן אָפּטרעטן. ביי סאַ־

פּאַציקין זיינען שוין קיין באַפעלן נישט געווען, מען איז זיך פּשוט צעגאַנגען.

מענדל האָט עס דערציילט מיט אַ רואיקער שטים, אָבער אין דער רואיקייט האָט זיך אויסבאַהאַלטן אַזוי פיל פאַרצווייפלונג, אַז מאַריע האָט אַזש אַ ציטער־געטאָן.

— דעם דייטש נישט געזען, בלויז געהערט. דערפאַר פליטים, נע־ונדניקעס, יידן, קריסטן, אויך זעלנער — אָן אַ שיעור... — האָט אויסגעזיפצט כאַנקע.

מאַטעלע איז געזעסן נעבן טאַטן און געקוקט מיט ברייט־צעעפנטע איבערגעשראָקענע אויגן. די ברידער זיינען אַנטשוויגן געוואָרן. צום שוייגן האָבן זיך צוגעהערט די פרויען.

— וואַשט זיך אַביסל אָרום און גייט שלאָפן, טייערינקע — האָט ווייך אויסגערופן מאַריע.

מיט שווערע טריט איז צוגעגאַנגען כאַנקע צו יאַנקעלעס בעטל. ער האָט זיך אָנגעבויגן איבער דעם קינדס קעפל און איז אַזוי שטיין געבליבן, ווי פאַרגליווערט. פּעסיע האָט אויפגעציטערט און פון אירע אויגן האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט צוויי טרערן.

* * *

אויפצומאָרגנס, נאָכן צוריקקומען פון די פיר ברידער טשערעשקעס, איז פּלוצלינג אַריינגעלאָפן צו מאַריען שרה־לאה, די קצבטע, פון אימפּעט איבערגעקערט אין עס־צימער אַ שטול און אויסגעשריגן איבער דער גאַנצער שטוב:

— מאַריע לעבן, איר האָט שוין געהערט?

בלויז איין קוק אויף שרה־לאהן איז געווען גענוג פעסטצושטעלן, אַז אָדער זי איז, לא עלינו, פון צרות חסר־דעה געוואָרן, אָדער ס'האָט עפּעס פּאַסירט אַזוינס און אַזעלכעס! אין איין רגע האָבן זי אַרומגערינגלט אַלע טשערעשקעס פון קליין ביז גרויס. אַפילו די ביינאַכט אָנגעקומענע, טויט־מידע פיר ברידער, האָבן זיך אויפגעוועקט פון שלאָף — אַזאַ מין בשורה־טובה האָט געקלונגען אין שרה־לאה דער קצבטעס שטים.

— וואָס געהערט, ווען געהערט?

— היטלער האָט איינגענומען די מיתה משונה.

— שרה־לאה?!

— די רויטע זיינען אַריין אין שטאָט!

— יידענע, וואָס רעדסטו עפּעס? — האָט אַ ברום געטאָן כאַנקע, ווי אַ פאַרווונדעטער לייב.

— יאָ, טייערינקע, יאָ, אויף ביידע זייטן בריק שטייען זיי, אַזעלכע גרויסע, בלישטשענדיקע!

— וואָס שטייט? וואָס בלישטשעט? — האָט אויסגעשריגן אַבֿרהמל.

— אַזעלכע גרויסע, רויטע, אײַזערנע וועגענער, טראַמבילן אַזעלכע.

בערעלע האָט זיך דער ערשטער אַ לאָז־געטאָן צו דער טיר. נאָך אים — אַלע, בלויז מאַריע איז געבליבן. זי האָט געכאַפּט שׂרה־לאהן אין די אָרעמס, אַנגעהויבן זי קושן און זיך באַגאָסן מיט טרערן.

— שׂרה־לאה, סערדצע, דושאַ, טײַערינקע!

מיט גרויס אײַלעניש האָבן געפּאַקט זייערע טשעמאָדאַנעס די פּאַנעס, דזיעדזיצן און מאַגנאַטן. מיט זײַטיקע וועגן, אויף בריטשקעס און עלעגאַנטע לימוזינעס זײַנען זיי געלאָפן אויף מערבֿ, צום דײַטש.

און פּוילישע זעלנער האָבן נאָך מיט די אייגענע גופֿים פֿאַרשטעלט די וועגן פֿון פּאַטערלאַנד. אויף די וואַרשעווער באַריקאַדן האָבן נאָך געהאָגלט שווערע, טאַנקיקע טיסן־באָמבעס.

קעגן מבול פֿון שטאָל און פֿײַער, האָבן געקעמפּט דיוויזיעס אָן גענעראַלן — די גענעראַלן זײַנען שוין געווען אויפֿן וועג פֿון עמיגראַציע; — איבערן פֿראָנט, פֿאַרפּליצט מיט בלוט, איז געלאָפֿן די שליאַכטע די עליטע, די וולאַדזאַ.

* * *

— שנעלער! — שרייט דער ריכטער סאָקאָלאָווסקי צו זײַן סטאַנגרעט.

די בריטשקע איז איבערגעלאָדן מיט וואַליזעס, קאַסטנס און קוישן. דער ריכטער — אַ קיילעכדיקער, אַ פֿאַרשוויצטער, אין אַ ברייטן קאַפּעליוש און אין אַ ווינטערדיקן פֿוטער. זײַן באַליבט ווײַב — אין קאַראַקולן, מיט אַ זילבערנעם פֿוקס אויף דער האַנט. לעבן זיי אויף דער בריטשקע — צוויי קליינע קינדער, נישט פֿאַרקעמטע, מיט פֿאַרבלייכטע פּנימלעך.

— שנעלער! — שרייט דער „פּאַן וולאַדזאַ“ צום סטאַנגרעט. דער אַלטער, וואַנסעדיקער שמייסער שיסט מיט דער בײַטש. די צוויי אויסגעפּאַשעטע קאַשטאַנעס פֿאָכען מיט די זײַטן, שלעפּן די איבערגעפּולטע בריטשקע. אין מיטן גאַס פֿאַרשטעלט זיי דעם וועג אַ גלאַנציקע און אויסגעפּוצטע לימוזינע. הינטער איר — צוזאַמענגעדרענגטע בריטשקעס, מאַשינען, וועגענער. די פּאַנעס שעלטן מיט פּראָסטע, פֿויערישע קללות. פֿון דער לימוזינע קריכט אַרויס אַן עלטערע, גרויע דאַמע און ווענדעט זיך צום צעהיצטן „סענדזשאַ“: „הער ריכטער, נעמט מיך מיט, מײַן וואָגן איז קאַליע“.

— נישטאָ קיין אָרט, פּאַני סטאַראָסטינאַ — האָט אויסגעקוויטשעט פון צווישן די פוטערס אויף דער בריטשקע דעם ריכטערס מאַדאַם.

— וואָס וואַרטסטו? — האָט זיך צעשריגן דער ריכטער אויפן סטאַנגרעט — קריך אַראָפּ פון וואָגן, העלף די מענטשן אָפּשטופּן די מאַשין פון וועג. אויף דער סטאַראָסטינאַ האָט דער ריכטער אַפילו נישט געקוקט. ער איז געווען געוואַלדיק באַשעפטיקט — צוגעקוקט זיך צו די אָנשטרענגונגען פון עטלעכע פּאַניטשן, וועלכע זיינען אָנגעקומען פון די הינטערשטע וועגענער און האָבן זיך געפּאָרעט ביים אָפּרוימען פון וועג די טויטע, לוקסוסאָווע לימוזינע. דער ריכטער איז געווען אַזוי פאַרטאָן מיטן דאָזיקן בילד, אַז ער האָט אַפילו נישט באַמערקט דעם בליץ אין די אויגן פון זיין סטאַנגרעט, בעת ער האָט אַראָפּגעקלעטערט פון דער קעלניע. דער סטאַנגרעט האָט אַ שאָס געטאָן מיט דער בייטש, אויסגעשפּיגן, זיך אומגעקערט און פּאַוואָליע אַוועק אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, צוריק צו דער שטאָט.

— פּאַניע סטאַניסלאַוויע, קערט זיך אום! — איז אים נאָכגעלאָפן אַ דערשראָקענער, הילפלאָזער קוויטש פון דעם ריכטער.

* * *

דער הער ליטוואַק איז געשטאַנען ביים פענצטער און דורך די פאַנאַנדערגעריסענע גאַרדינען אַראָפּגעקוקט אונטן. ער האָט אָנגעקוקט דעם יובל פון די מאַסן, דעם פּאַראַד פון דער רויטער אַרמיי —ס'איז אים נישט איבעריק פרייליך געווען אויף דער נשמה.

נעבן אים איז געזעסן זיין פרוי אין אַ טיפן פּליושענעם פאָטעל און מיט אַ זיידן טיכעלע געווישט די אויגן.

— יאָ... ציטן! — האָט שטיל אַרויסגעזיפצט די מאַדאַם.

דער הער ליטוואַק האָט געשוויגן.

— וואָס איז דען דער מער מיט דיר, ווען די דייטשן וואָלטן געקומען, וואָלט געווען בעסער?

— ביי דייטשן קאָן מען זיך אויסקויפן מיט געלט — האָט אַ זאָג געטאָן די מאַדאַם און פאַרוואונדערט אָנגעקוקט איר מאַן.

— מיר וועלן אויך פון די באָלשעוויקעס זיך אויסקויפן.

— אונדזערע הייזער, אונדזערע סקלאַדן!

— נאָך דעם קאָנסטו זאָגן „קדיש" — האָט אַ בורטשע געטאָן דער הער ליטוואַק.

דורכן אָפענעם פענצטער האָט זיך אַריינגעטראָגן אַ הילכיקער הוראַ. ס'זיינען אַדורך איבער דעם שטיינערנעם ברוק אַ פּאָר צענד-

ליק טאַנקען. שווער איז געווען זייער גאַנג. די מאַדאַם האָט אַזש פאַרזשמורעט די אויגן, און הער ליטוואַק האָט זיך אַ בויג געטאָן צום באָדן, פונקט ווי איבער זיין גוף וואָלטן אַדורך די מאַשינען.

— די באָלשעוויקעס מאָרדן אַלע פאַרמעגלעכע מענטשן! — האָט היסטעריש אויסגעשריגן די מאַדאַם.

— רייד נישט קיין נאַרישקייטן — מאָרדן!... זיי וועלן קאָנפיסקירן אונדזערע געשעפטן. אונדזער גאָלד איז גוט באַהאַלטן. אָפיציעל האָבן מיר קיין פאַבריקן נישט פאַרמאָגט. מיט אַרבעטער קיין געשעפטן נישט געהאַט. פאַרוואָס גלייך מאָרדן?

דער הער ליטוואַק האָט זיין סך־הכל געמאַכט מיט אַ זיכערער שטים, די מאַדאַם האָט זיך דאָך אַביסל באַרואיקט.

— וואָס וועסטו קאָנען אויפטאָן מיט דעם געלט?

— לאַנגע האָר און קורצער שכל! — האָט ער אַ ברומגעטאָן — פאַרשטיי, נאַרעלע, גאָלד איז שטאַרקער פון די רויטע!

— טאַ, ווי וועט זיין יעצט? — זי האָט צו אים אויפגעהויבן פאַרוויינטע, גלויביקע אויגן.

— יעצט וועלן מיר זיצן שטיל, אָפּגעבן פרייוויליק אונדזער גוטס, אויך אַביסל גאָלד, דעם עיקר וועלן מיר אויסבאַהאַלטן. מיט דער צייט וועלן מיר זיך קויפן אַ וויזע קיין אַמעריקע, אָדער קיין ארץ־ישראל, ערגעץ אין אַ לייטיש לאַנד... מיט שכל און גאָלד קאָן מען שטענדיק זיך איינאָרדענען!

הער ליטוואַק האָט פאַרמאַכט די פענצטער, פאַרצויגן די גאַרדינען.

* * *

אַממייניסטן נחת האָבן געהאַט די קינדער. באָרוועסע, אָפּגעבריענטע, זיינען זיי געלאָפן פאַר די טאַנקען, לעבן די פוסגייערס, אַרום די בודיאָנאַוועצעס, אומעטום זיינען זיי געווען. יאַנקעלע טשערעשקע און יאַנעק פון דער „אַסיעדליע״ זיינען פון גרויס התפעלות אַרויפגעקראָכן אויף טאַנקען און זיך באַזעצט אויבן־אָן צווישן די צעשמייכלטע טאַנקיסטן. און אַז מאַריע, אַ גרויסע, אַן אויסגעפוצטע, האָט דערזען יאַנקעלען אויפן טאַנק, האָט זי זיך אָנגעהויבן שטופן דורכן עולם און מיט אַ געלעכטער אַ ברום געטאָן:

— אַראָפּ פון קוימען, מזיק!

דער טאַנקיסט האָט אויסגערופן אויף יידיש צו מאַריען:

— מוטער, לאָזט דאָס קינד הנאה האָבן, איך וועל עס שוין אָפּהיטן.

— ביסט אַ ייד, חבר — דושאַ? — האָט זי אַ פֿרעג געטאָן מיט אַ שמייכל.

— יאָ, יאָ מוטער — אַ ייד — האָט מיט אַ געלעכטער געענטפֿערט דער רויטער אַרמייער.

— און אויסזען, זעסטו אויס, ווי אַן אמתער פּאַניע, — האָט אַנגעקוואָלן מאַריע.

* * *

— אויפֿן „פּלאַץ־פּאַראַד" איז פֿאָרגעקומען אַ גרויסער מיטינג.

לעבן רויטאַרמייאישע אָפּטיילונגען זיינען געשטאַנען: אַרבעטער, פּויערים און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. אַ מיליטערישער אָרקעסטער האָט געשפּילט פֿריילעכע מאַרשן. די זון איז אַרויס איבער די הימלען, ווי זי וואָלט זיך אין דעם האָזיקן טאָג פֿאַרגעסן געמאַכט וועגן אָסיען. אין אירע יום־טובֿדיקע שטראַלן האָבן געברענט די רויטע פֿענער.

דער עולם האָט וואַרעם באַגעגנט די רעדנער, ראַשיק אויסגעדריקט זיין הסכּמה. אָבער איבער אַלעמען האָט זיך געהערט מאַריעס באַס:

— איי סערהצע! פּערל שיטן זיך פֿון דיין מויל!

זי איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פֿון דער משפּחה „טשערעשקעס" אין סאַמע מיטן פֿון די יורזיקער מאַסן. מיט אירע אויגן האָט זי אַרומגענומען די טריבונע, געשלונגען יעדעס וואָרט פֿון די רעדנער. אויפֿן קול זיך געפֿרייט און אויפֿן קול זיך געערגערט.

און אַז משהל „טיורעמשטשיק" האָט זיך אַוועקגעשטעלט ריידן וועגן דער פֿאַרברידערונג פֿון ווייס־רוסישע, פּוילישע און יידישע אַרבעטער, האָט מאַריע מיט איר פֿאַטשיילקע געפּאַכעט צו דער „אָסיעדליע", און צענדליקער אַרבעטאָרינס האָבן מיט זייערע טיכלעך אָפּגעענטפֿערט. זיי האָבן שוין גוט פֿאַרשטאַנען וועגן וואָס עס רעדט משהל „טיורעמשטשיק"...

ערשט האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף דער טריבונע אַן אַלטער פּויער. זיינע לאַפּטשעס האָבן זיך געוואָרפֿן אין די אויגן צווישן די גלאַנציקע אָפֿיצירסקע שטיוול און שטאָטישע שיך מיט עפּעס אַ האַרציקער פּשוטקייט. זיין ווייסער לייוונטער כאַלאַט, אונטערגעגאַרטלט מיט אַ רימען, האָט זיך געוויגט אויפֿן ווינט צוזאַמען מיט די רויטע פֿענער און גרינע שינעלן. פֿון אונטער דער ווינטערדיקער פּאַפּאַכע האָבן אַראָפּגעקוקט אַ פּאָר גוטמוטיקע, עטוואָס כיטרע אויגן. דער פּויער האָט זיך אַוועקגעשטעלט פֿאַרן

מיקראָפאָן, אַראָפּגענומען די פּאַפּאַכע און עטלעכע מאָל זיך נידעריק פאַרנייגט פאַרן עולם, אַ רייב געטאָן די דלאָניעס און אָנגעהויבן ריידן, ווי ער וואָלט צוגעטרעטן אויפצואַקערן אַ שווער שטיקל באָדן.

— נו, ברידער זעלנער, הייסט דאָס, איך וויל זאָגן — חברים! מיר, אַזוי צו זאָגן, באַגריסן אייך מיט ברויט און מיט זאַלץ! אמת, שכנים? — טוט ער אַ וואָרף מיט דער באָרד צו זיין האָרף.

— אַזוי, מיקאָלאַ! אַזוי, ריכטיק! — ענטפערן מיט איין קול די פּויערים פון אונטער דער טריבונע.

דער אַלטער מיקאָלאַ נעמט אָן אָטעם און רעדט ווייטער.

— ברידער! פון זיידן, עלטערן, עלטער-זיידן אַרבעטן מיר ביי דעם פּריץ. קליין איז דאָס שטיקל אייגנס — אַ קליאַטשע אַקערט דאָס דורך אין איין טאָג. נו, די כאַטע, זעצט זיך צו דער ערד. בין איך מיט מיין אַלטער צום פּריץ געגאַנגען, און האָט אים געקושט: הזיעדזיע, פּאָטער! דערלויב פון וואַלד אַ קלעצל, אַ צווייטס, — ס'וועט די כאַטע באַלד ביזן גרונט איינפאַלן.

דער פּויער טוט זיך אַ בוק, ווי ער וואָלט געשטאַנען פאַרן הזיעדזיע.

— נו, און דער יאַשניע פּאַן האָט לאַסקאַווע געענטפערט: ווייל ס'איז פאַר דיר, מיקאָלאַ, איז גיב צוואַנציק גילדן. נו, וווּ זאָל איך נעמען צוואַנציק גילדן? האָט דער הזיעדזיע מיר געענטפערט: וואָן! און דעם גאַיאָווע, דעם סוקין סין, האָט ער, דער יאַשניע פּאַן, פאַרשטייט זיך, געהייסן אויף מיר אַכטונג געבן.

— קוק, זאָגט ער, זאָל דער קאַצאַפּ קיין קלאָץ נישט צורקחנען! האַ? אַזוי אַלטע? אַזוי איז עס געווען, ריכטיק?

— אַוודאַי אַזוי, אַזוי טאַקע! — ענטפערט אַן אַלטעטשקע פּויערטע פון צווישן דעם דאָרפישן המון.

— און פּיעטראָ? מיין פּיעטראָ? — די וולאַחזאַ האָבן אים פאַר דער כאַטע אַרויסגעשלעפּט, אויף דעם אַלטן באַרנבוים געהאָנגען. ס'האָט דער בוים געוויינט, די צווייגן פאַרבויגן. און מיר, מיר די אַלטע? האַ?

צווישן עולם האָט זיך פונאַנדערגעיאָמערט אַן אַלטע פּויערטע.

דער אַלטער מיקאָלאַ האָט פאַרהויבן זיין פויסט. מיט דער ברייטער באָרד, ווי מיט אַ לאָפּעטע, די לופט אַ שניט געטאָן און מיט גליענדיקע אויגן אויסגעשריגן:

— נישטאָ מער קיין פּאַציפיקאַציעס, האַ? מיר, די גראַ־

מאַדע, מיר זיינען דאָ און זיי, די יאַשניע פּאַנעס — ווו ? כליפּע נישט, אַלטע! — האָט מיקאָלאַ מיט אַ האַרציקער שטים אַ זאָג געטאָן צו זיין פּויערטע, צוריק זיך אויסגעגלייכט און פאַרגעזעצט:

— ס׳איז שוין גאָר אַן אַנדערע צייט, אַמאָליקע צייטן זיינען אַוועק, האַ ?

אַ יונגע, פעסטע שטים האָט פאַרצויגן אַ ליד, און פּויערים אין ווייסע סוקמאַנעס און געפלאָכטענע לאַפּטשעס, אין קאַסאַוואָראַטקעס און פּאַפּאַכעס האָבן שטורמיק אונטערגעכאַפּט דאָס געזאַנג.

ס׳האָט אַראָפּגענומען זיין פּאַפּכע דער אַלטער מיקאָלאַ און נאָך אים די גאַנצע טריבונע. די אָפיצירן האָבן געהויבן די פינגער צום קאָזיראָק.

— אַזעלכעס איז געווען — האָט פאַרגעזעצט מיקאָלאַ: — אַזוי איז טאַקע געווען. נו, און היינט ? האַ ? פרעג איך, הייסט דאָס, און היינט ? דער גאַיאָווע — אין קרימינאַל, דער פּאַן —ביים דייטש! דער וואַלד, די פעלדער, די לאָנקעס — זיי זיינען צום דייטש נישט געגאַנגען. זיי זיינען אונדזערע! רעד איך ריכטיק, ברידער — פּויערים ? .

ווידער אַמאָל האָט דאָס דאָרף איינציק געענטפערט:

— ריכטיק, זייער ריכטיק, מיקאָלאַ!

— און דעריבער — האָט זיך ווידער געבוקט צו דעם פּרעזידיום דער אַלטער פּויער, — ביזן פּאַס לאָזן מיר פאַר אייך אַראָפּ אונדזערע קעפּ. — מיט ברויט און מיט זאַלץ!".

* * *

עס זיינען פאַרביי דער ווינטער, דער פרילינג און דער זומער. מיט יעדן טאָג האָט זיך דאָס לעבן אויסגעברייטערט און געקרעפּטיקט.

סטאַסיעקס מוטער האָט באַקומען אַ לייכטע אַרבעט. זייער כאַטע האָט זיך באַדעקט מיט אַ נייעם דאַך. סטאַסיעק האָט זיך געלערנט טאָקעריי, געגרייט זיך צו ווערן אַ מעכאַניקער אין דער ציגעלניע. די גאַס, אויף וועלכער סטאַסיעק האָט געוווינט, האָט מען אויסגעברוקירט, מ׳האָט דורכגעפירט קאַנאַליזאַציע — די „אַסיעדליע" האָט שוין פאַרשפּאָרט לויפן נאָך וואַסער צום ברונעם. אַביסל שפּעטער איז אין אַלע כאַטעס פון דער „אַסיעדליע" אַריינגעפירט געוואָרן עלעקטריע. דאָס לעבן איז געוואָרן ליכטיקער.

די פאָדערשטע בענק אין פאָטער וואַלעריס קלויסטער האָט באַזעצט די אָרעמקייט. די אַמאָליקע זיצערס פון די ערשטע רייען זיינען נעלם געוואָרן מיט זיעלינסקין צוגלייך.

אויך אין „יוחזיקע" האָט זיך פיל געענדערט. די יוגנט האָט זיך אַ ריס־געטאָן צום לערנען. פיל געוועזענע פעדלער, קרעמער־לעך, איבערקויפער האָבן אַריינגעדרונגען אין פאַבריקן, וואַר־שטאַטן. האַנטווערקער האָבן זיך געאייניקט אין אַרטעלן. מאַריע האָט אירע קוישן דערהוייל נאָך נישט פאַרוואָרפן. זי האָט ווייטער געבלאָנקזשעט איבער די דערפער, געקלעטערט אויף טרעפ, גע־קעניגט אויפן „שולעף", געכאַפּט אַ שמועס, געוויצלט זיך, גע־לויבט די נייע אָרדענונג.

מחנות פליטים, דאָס רוב יידן, פלעגן טאָג־טעגלעך אַריבער־לויפן די גרענעץ, ברענגען מערקווירדיקע גרוסן פון יענער זייט, וועלכע האָבן געוואָרנט, אַז דער שונא איז נאָך נאָענט און מ׳ באַדאַרף זיין וואַך.

אָדער זיי, אָדער מיר

וואַסילי, אַ ליטענאַנט פון אַ גוואַרדייאַישער טאַנקען־אָפּטיילונג אין דער רויטער אַרמיי, איז געווען אַ הויכער, פעסט־געבויטער יאַט מיט אַ ברייטן רוסישן שמייכל. יעדער האָט עס געוואוסט, אַז וואַסילי איז גרייט זיך צו טיילן מיט זיינע פריינט. זיין באַציאונג צו די חברים און חברטעס איז געווען אַן ערנסטע, אַן אײדעלע. מען פלעגט זיך וויצלען אין דער ראָטע וועגן זיין „טאַלאַנט" צו באַפריינדן זיך. זיין גרויסער צוטרוי צו יעדן איינציקן האָט געגרענעצט מיט נאַאיוויטעט. זיין מוטער פלעגט וועגן אים זאָגן: — „מיין וואַסילי גלייבט נישט אין גאָט, דערפאַר פאַרגעטערט ער די מענטשן". געשטאַמט האָט ביי אים די דאָזיקע באַציאונג פון דעם, ווייל געזען האָט ער פיל גוטס אַרום זיך און אַליין אַן אָפּנהאַרציקער, אַ גוטמוטיקער, אַ פרײלעכער — האָט ער אָפּגעשאַצט יעדן איינעם לויט זיך אַליין.

אין ערשטן פרייען נאָכמיטאָג האָט זיך וואַסילי אַרויסגעלאָזט שפּאַצירן איבער דער שטאָט. ס'האָבן געגלאַנצט זיינע שטיוועלעך, די קנעפּ אויף זיין מונדיר, דער פּוטליאַר פון מאַוזער, די בלויע אויגן און די ווייסע ציינער. ער איז אַרום, ווי מען זאָגט: זיך ווייזן און אויף יענעם אַ קוק טאָן. לאַנג האָט עס טאַקע נישט געדויערט ביז עמעצער האָט אַ קוק געטאָן אויף וואַסילין. דער עמעצער איז געווען אַ שלאַנק בלוי־אויגיק מיידל, מיט דיקע, זוניקע צעפּ, מיט אַ קאָקעטישן קינדערישן שמייכל, אין אַ גראַנאַט מענטעלע, אַ גראַנאַט בערעטל און מיט אַ דיקן בוך אונטערן אָרעם.

די „באַקאַנטשאַפט" האָט זיך אָנגעהויבן פון דעם בוך.

— איר לייענט גאָרקי? — האָט אַ פרעג געטאָן וואַסילי, בעת ער האָט זיך צוגעזעצט לעבן איר אויף אַ באַנק אין אַ זייטיקער אַלייע.

— יאָ, חבר ליטענאַנט.

וואַסילי שווייגט אַ פּאָר מינוט.

— געפעלט איך גאָרקי?

— יאָ, חבר ליטענאַנט!

דאָס מיידל איז שטאַרק באַרטיפּט אין דעם ביכל. וואַסילי זעצט פאַר זיין אָנגריף.

— איר לייענט אָפט גאָרקיס ווערק?

— יאָ, חבר לייטענאַנט!

— וואָס געפעלט אייך דער עיקר ביי גאָרקין?

דאָס מיידל הייבט אויף די אויגן...

פאַרשטייט זיך אַז וואַסילי האָט קיינעם נישט דערציילט, אַז ער האָט זיך אָפּגערעדט צו טרעפן מיט אָלגאַן. ס'איז נאַטירלעך, וואָס זי האָט אים געבעטן האַלטן בסוד זייערע ראַנדקעס. זי איז דאָך נאָך אַזוי יונג. אירע אַלטע טאַטע־מאַמע, טאַקע פּראָלעטאַריער, אָבער דאָך מיט אַ פאַרעלטערטער וועלט־אָנשויונג. זיי זיינען נישט שול־דיק. שולדיק זיינען די פּוילישע פּאַנעס. דאַרף מען זיי קיין פאַר־דרוס נישט פאַרשאַפן. אָלגאַ וועט אויף אים וואַרטן ביים ראַנד פון וואַלד, דאָרטן, ביים וועג, וואָס פירט אויף רעכטס פון דער „אָסיע־דליע".

* * *

געשען איז דאָס אין אַ גרוילעכן פרימאָרגן..

אין הויף איז אַריינגעלאָפן יאַדוויגע די „זנאַכערקע":

— יעזוס מאַריאַ, ראַטעוועט!

עס זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן די ציגעלניקעס. יאַדוויגע האָט זיי מיט דער האַנט אויפן וואַלד אָנגעוויזן און אַן אויפהער געיאָ־מערט:

— יעזוס מאַריאַ, ראַטעוועט!

וויפל מענטשן ס'זיינען געווען אויפן הויף, האָבן זיך אַלע אַ שאָט געטאָן צום וואַלד.

אויף דער ערד, אין פייכטן מאָך, ביי אַ הויפן פאַרטרוקנטע צווייגן איז געלעגן אין בלוט אַ נאַקעטער קערפּער. אויף דער ברוסט פון בר־מינן איז געלעגן אַ ברעטל מיט אַן אויפשריפט: „פאַר אונ־דזער פריי פוילן"!.

* * *

לויט די קאָרנדיקע האָר און דעם שראַם אויפן רעכטן אַקסל — אַ צייכן פון די פאַרגאַנגענע שלאַכטן ביי די יאַפּאַנישע גרענעצן — האָבן די חברים פון דער ראָטע דערקענט אין דעם דערמאָרדעטן דעם פריילעכן לייטענאַנט וואַסילי.

לויט דער אַכזריות פון די רוצחים, האָט די שטאָט דערקענט די „נאַראָ"־סאַדיסטן, די תליינים פון דער „דוואָיקע".

די „אָסיעדליע" האָט אויפגעשטורעמט. דער אַלטער יאַן האָט גערעדט צו די ציגעלניקעס:

— ברידער! אין אונדזער וואַלד לויערט דער פּאַנסקי וואָל־קאָלאַק און שאַרפט זיינע פאַרבלוטיקטע ציינער אויף אונדז. זיע־ליִנסקים חבֿרה קעמפן פאַר זייער „פריי״ פּוילן. זיי קעמפן פאַר דער פרייהייט אונדז אין קנעכט צו פאַרוואַנדלען.

— ברידער! אָדער מיר וועלן די באַנדיטן פאַרטיליקן, אָדער זיי — אונדז!

דער אַלטער יאַן האָט גערעדט רואיק, אָבער מיט עפּעס אַן איי־גערלעכן ברען. אפילו די רויטע באָרד, די שטעכלדיקע ברעמען, די פּאַפּאַכע, די אויסגעלאָשענע ליולקע — פון אַלעמען האָט געזעצט אַ ברייענדיקער, יונגער האַס.

די פלאַמען פון צאָרן האָבן פאַרכאַפּט אַלעמען.

יאַן און וויטעק האָבן זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פון דער פּאַבריק־מיליץ, וואָס האָט צוגעהאָלפן די מיליטערישע טיילן אין דער אָבלאַווע. ס׳האָט זיך אויך געמאָלדן אַן אָפּטיילונג פון „יור־זיקע״ און אין איר, פאַרשטייט זיך, האָט נישט געפעלט מאַריע מיט אירע צוועלף זין און מיט אירע מוראדיקע קללות.

די אָפּטיילונגען זיינען אַרויס אין וואַלד, דורכגעזוכט און דורכגענישטערט איטלעכס ביימל, יעדע צווייג איבערגעוואָרפן, — אַלע שטיינער איבערגעקערט, אָבער די באַנדע — ווי די ערד וואָלט זי איינגעשלונגען.

* * *

אין דער ראַטע האָט געהערשט אַ געדריקטע שטימונג.

די מערדער איז געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן — ס׳האָט גע־ברענט דער נישט באַפרידיקטער באַגער צו נקמה.

דער לייטענאַנט יעפימאָוו, וואַסיליס חבֿר, איז אַרומגעגאַנגען אַ מרה־שחורהדיקער אין דער קאַזאַרמע. ער האָט עקשנותדיק גע־טראַכט, ווי אַזוי זיך אָפּצורעכענען מיט די רוצחים. אין צווישנ־צייט האָט יעפימאָוו, אין נאָמען פון דער ראַטע, אָנגעשריבן אַ בריוו צו וואַסיליס מוטער. פאַרן אַרויסשיקן האָט ער אים פאַרגעלייענט פאַר דער ראַטע. די רויטע אַרמייער, די חבֿרים האָבן געפילט און געטראַכט דאָס זעלבע, וואָס יעפימאָוו. דער בריוו איז געווען אַ קורצער: „ביים קבֿר פון אונדזער טייערן חבֿר וואַסילי — וועל־כער איז געפאַלן פאַר דער פרייהייט פון דער מענטשהייט, אין קאַמף קעגן דעם יאָך פון די בלוטזויגער — שווערן מיר דיר, מוטער! נישט אַרויסצולאָזן פון האַנט דאָס געווער, ביז וואַנען מענטשן ווי וואַסילי, ווי דו, ווי מיר אַלע וועלן רואיק קאָנען בויען זייער גליק. מיר שווערן דיר, מוטער, — פאַר וואַסיליס אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט נקמה צו נעמען״.

* * *

מיט דער אויספאָרשונג פון דעם „ענין איגנאַטאָוו" האָט אָנגעפירט דער קאַפּיטאַן קרעסטנאָי.

דער קאָמאַנדיר האָט גענוי אויסגעפרעגט די אַלטע „זנאַכאָרקע" יאַדוויגאַ, וויטעקן, אַ רייע ציגעלניקעס, די חברים פון וואַסילים ראַטע. ער האָט דורכגעקוקט וואַסילים רוק־זאַק. דאָרט האָט ער געפונען אַ דיקן העפט אין גראַנאַטע טאָוולען, אויף אים איז געווען אָנגעצייכנט מיט טוש: „דער טאָג־בוך פון לייטענאַנט וואַסילי איגנאַטאָוו".

דאָס איז געווען זייער אַ מאָדנער טאָג־בוך. ס'האָבן זיך אין אים אַדורכגעפלאָכטן נעמען מיט בילדלעך, מעשהלעך מיט בריוועלעך, לידלעך מיט ציטאַטן, צייכענונגען און וויצן. פון וואַסילים אויפהאַלט אין גראָדנע איז סך־הכל געווען צוויי זייטלעך.

אויפן לעצטן זייטל איז געווען אַ פּרימיטיוו־אָנגעצייכנט בילד:

אונטער אַ בוים איז געשטאַנען אַ באַנק, אויף דער באַנק איז געזעסן אַ מיידל מיט צוויי דיקע צעפּ, לאַנגע ברעמען און מיט אַ ריזיקן בוך אויף דער קני. אויפן קאָפּ פון דעם מיידל איז געווען אָנגעמאָלט אַ טעלער. ווייזט אויס, דאָס האָט באַדאַרפט באַצייכענען אַ בערעט. צו דער דאָזיקער מיידל האָט זיך געבויגן עפּעס אַ בחור אין אַ היטל מיט אַ שטערן און מיט אַ רעוואָלווער.

אונטער דער דאָזיקער סקיצע איז געווען אַ קורצע און אַ גאָר מאָדנע אונטערשריפט: „גאָרקי, עך גאָרקי!"

אונטער דעם אַלעמען האָט דער לייטענאַנט וואַסילי אויסגעציקלט מיט בלימעלעך און צווייגעלעך: „22־טער סעפּטעמבער 1940".

דאָס איז געווען אַלץ.

דער פּראָטאָקאָל האָט געוויזן דאָס זעלבע. דעם 19 סעפּטעמבער האָט וואַסילי געהאַט דעם ערשטן פרייען נאָכמיטאָג. אין דעם בלייבלדיקן 22־טן סעפּטעמבער — וואַסילים פרייער אָוונט, פון וועלכן ער האָט זיך שוין נישט אומגעקערט. דער קאַפּיטאַן האָט ווידער אַמאָל אָנגעהויבן דורכבלעטערן וואַסילים טאָג־בוך. אויף אייניקע זייטן אין פאַרשידענע ערטער, זיינען געווען עטלעכע צייכענונגען, וואָס האָבן באַדאַרפט פאָרשטעלן אַ סאָוועטישן אָפיציר מיט עפּעס אַ מיידל. קרעסטנאָי האָט שוין געוווּסט: אַזוי האָט „באַשריבן" וואַסילי זיינע ראָמאַנען. די געבלימלטע דאַטעס, דאָס זיינען געווען די אָפּגעשמועסטע ראַנדקעס. אָבער געווייינלעך פלעגט אונטער אַזעלכע צייכענונגען זיין אַ נאָמען, אַ לידל, אַ צערטלעך ווערטל, אַ ליבע־געזאַנג צו בלויע אויגן אָדער סאַמעטענע לאָקן און ווידער: נאַדיאַ, צי

טאַניאַ אָדער פּאַניטשקאַ. גראָד אונטער דער לעצטער צייכענונג האָט וואַסילי חויז: — „גאָרקי, יעך גאָרקי!“ גאָרנישט צוגעשריבן. און נאָך אַ זאַך האָט באַמערקט קרעסטנאָי. נישט אַלע מיידלעך האָט וואַסילי אין זיינע בילדער צוגעטשעפּעט צעפּ, און שוין גאָר אַנדערש איז אין דער לעצטער צייכענונג — דער בויך אויף דעם מיידלס קני.

קאַפּיטאַן קרעסטנאָי האָט אַנגעקלונגען אין שטאַב פון פּאָלק און געפאָדערט שיקן צו אים דעם יינגערן לייטענאַנט פון דער גוואַרדייאישער טאַנקען־אָפּטיילונג, יעפימאָוו — וואַסילים נאָ־ענטסטן חבר.

נאָך אַ קנאַפּער האַלבער שעה איז פאַר דעם קאַפּיטאַן געשטאַ־נען יעפימאָוו.

— זיצט, חבר יעפימאָוו! — זייט איר געווען זונטיק אָוונט אין דער ראָטע?

— יאָ, חבר קאַפּיטאַן!

— האָט איר געזען איגנאַטאָוון נאָך זיין צוריקקער פון דער שטאָט? .

— יאָ, חבר קאַפּיטאַן! מיר האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט אין „רויטן ווינקל“, און שפּעטער זיינען מיר אַוועק שלאָפן אין אונדזער צימער. איך האָב אייך דאָס שוין איבערגעגעבן, חבר קאַפּיטאַן.

— דערציילט מיר, זייט אַזוי גוט, נאָך איינמאָל, ווי האָט זיך אויפגעפירט איגנאַטאָוו יענעם אָוונט?

— יאָ, חבר קאַפּיטאַן! ער האָט פיל געזונגען און געשפּילט אויף דער האַרמאָניקע — געטאַנצט און געווען זייער פריילעך. ווען מיר זיינען שוין געלעגן אין די בעטן, האָט ער מיר אַ זאָג־געטאָן: אַ שיינע שטאָט, ברודער!

דאָ האָט קרעסטנאָי איבערגעריסן יעפימאָוון מיט אַ פראַגע:

— חבר לייטענאַנט, פלעגט וואַסילי אייך דערציילן וועגן זיי־נע ראָמאַנען?

— וואַסילי איז געווען מיינער אַ נאָנטער חבר, ער פלעגט מיט מיר אויך רעדן וועגן מיידלעך, מיט וועלכע ער האָט זיך באַקענט. ער פלעגט מיך שטענדיק פרוון איבערצייגן, אַז די לעצטע איז די שענסטע און די בעסטע פון אַלע פריערדיקע. ווען ער האָט זיך באַפריינדעט מיט אַ מיידל און זיך געטראָפן מיט איר אַ פּאָר מאָל, פלעגט ער מיך מיטנעמען און באַקענען מיט איר.

— זונטיק אין אָוונט האָט וואַסילי דערמאָנט וועגן אַ מיידל?

— ניין, חבר קאַפּיטאַן! ווען איך האָב אים געפרעגט: אויב דו זאָגסט אַ שיינע שטאָט, ברודער, הייסט דאָס, אַז דו האָסט שוין

דורכגעפירט א געלונגענע אטאקע אויף א היגער שיינהייט? — האָט ער מיר קורץ געענטפערט: — אין דער קריג־טעאָריע געפינט זיך אויך א באַגריף וועגן „פּאָזיציע־שלאַכטן".

יעפימאָוו איז אַנטשוויגן געוואָרן. קרעסטנאָי האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט און אָנגעהויבן שפּאַצירן איבערן צימער, הין און צוריק.

— איז וואַסילי געווען א וואָרטסמאַן? — האָט פּלוצלינג א פרעג געטאָן דער קאַפּיטאַן.

— יאָ, ער פלעגט האַלטן וואָרט אפילו, ווען ער פלעגט אין שפּאַס עפּעס צוזאָגן א קליין קינד, חבר קאַפּיטאַן — האָט געענטפערט דער לייטענאַנט.

קרעסטנאָי האָט נאָך א ווײַלע געקלערט, ווידער אַמאָל אָפּגעמאָסטן יעפימאָוון מיט א פאָרשנדיקן בליק און א זאָג געטאָן:

— איך דאַנק אייך, חבר יעפימאָוו! איך בעט אייך מיטאַרבעטן מיט מיר ביים אויפדעקן די מערדער. כ'וועל אייך פאָדערן פון שטאַב!

יעפימאָווס אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן.

— איך דאַנק אייך, חבר קאַפּיטאַן! דאָס איז מיין טיפסטער ווונטש!

יעפימאָוו האָט סאַלוטירט און איז אַרויס.

ווען דער קאַפּיטאַן קרעסטנאָי איז געבליבן אַליין, האָט ער אויפגעבלעטערט א נייע זייט אין פּראָטאָקאָל־בוך פון „ענין איגנאַטאָוו" און האָט דאָרט פאַרנאָטירט:

1. זונטיק האָט זיך וואַסילי געטראָפן מיט א מיידל. זיי זיינען געזעסן אויף עפּעס א באַנק אונטער א בוים. דאָס מיידל האָט גרויסע צעפּ און טראָגט א בערעט. אויף דער באַנק האָט זי געלייענט א בוך — וואַרשיינלעך גאָרקין.

2. דאָס מיידל האָט זיך אָפּגערעדט מיט וואַסילין צו טרעפן מיטוואָך אין אָוונט. פון דעם טרעפן איז וואַסילי נישט צוריקגעקומען.

3. דאָס מיידל האָט געבעטן וואַסילין אונטער אַן אויסגעטראַכטן תירוץ, ער זאָל וועגן איר קיינעם נישט דערציילן — און וואַסילי האָט געהאַלטן וואָרט.

4. דאָס באַווייזט, אַז דאָס מיידל איז א מיטגליד אין א פאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס באַמיט זיך דערמאָרדן סאָוועטישע אָפיצירן. די אויפגאַבע פון דעם מיידל איז, פאַרפירן די אָפיצירן אין וואַלד.

5. די אָרגאַניזאַציע איז גוט פאַרקאָנספּירירט. מע קאָן צו איר

דערגיין דורך דעם מיידל. מע מוז פעסטשטעלן — ווו איז די באַנק, אויף וועלכער איגנאַטאָוו איז געזעסן מיט דעם מיידל.

6. גריילעך וועט זיך דאָס מיידל ווידער באַנוצן מיט גאָרקיס בוך. ס׳קאָן קיינעם נישט איינפאַלן, אַז גראָד דער פּרט איז אונדז באַקאַנט.

7. מיר האָבן נאָך צייט. די באַנדע וועט אַ פּאָר וואָכן אָפּוואַרטן, ביז זי וועט ווידער שיקן דאָס מיידל צו דער „מלאכה".

די קאָנקרעטע אויפגאַבן:

אויספאָרשן, ווי מעגלעך גענויער, ווו האָט וואַסילי פאַרבראַכט דעם לעצטן זונטיק.

צוגרייטן יעפימאָוון צו דער ראָל פון דעם צווייטן קרבן.

אויף צומאָרגנס האָט דער קאַפּיטאַן קרעסטנאָי זיך דורכגעשפּאַצירט איבער דער אָזשעשקאָגאַס. צוויי רויטע אַרמייער האָבן געמאָלדן, אַז יענעם זונטיק נאָכמיטאָג האָבן זיי באַגעגנט אויף דער גאַס דעם לייטענאַנט וואַסיל איגנאַטאָוו. קרעסטנאָי איז אַדורך דעם שטאָט־גאָרטן, זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק אין איינער פון די זייטיקע אַלייען. אַ ווײַלע האָט ער זיך אַרומגעקוקט און דאַן אַוועק צו זיך אין ביוראָ. דאָ אָט ער זיך פאַרמאַכט מיטן לייטענאַנט יעפימאָוו און אָפּגעהאַלטן אַ לענגערן שמועס.

* * *

דעם 29־טן סעפּטעמבער 1940, אַ וואָך נאָך וואַסילי איגנאַטאָווס טויט, האָט זיך אין די גאַסן באַוויזן דער פאָלגנדיקער קאָמוניקאַט:

„די שפּורן פון די פאַרברעכער, וועלכע האָבן דערמאָרדעט דעם לייטענאַנט פון דער גוואַרדייאַנישער טאַנקיסטן־ראָטע — איגנאַטאָוון — פירן צו דער דייטשער גרענעץ. דערמיט ווערט די אויספאָרשונג פאַרענדיקט".

קאָמענדאַנט פּראָנין

* * *

זונטיק נאָכמיטאָג, דעם 9־טן אָקטאָבער, האָט איבער דער פרייליכער אָזשעשקאָגאַס שפּאַצירט אַ יונגער, אויסגעפּוצטער לייטענאַנט. די גאַס איז געווען באַשאָטן מיט געלע אָסיענדיקע בלעטער, אָבער די זון איז נאָך אַלץ געווען אַ וואַרעמע. ס׳האָבן געגלאַנצט דעם לייטענאַנטס שטיוועלעך, די שווערד און דער גאָלדענער מעדאַל פאַר געוואַגטקייט, אַ ווײַל־יונגערישער שמייכל האָט געשפּילט אויף זיין פּנים.

מיט לאַנגזאַמע, זאָרגלאָזע טריט האָט יעפימאָוו געשפּאַצירט הין און צוריק לענג־אויס דעם שטאָט־גאָרטן, פון דער פּאָטשט־געביידע

ביז דער הילצערנער קינאָ־שאַפּע „פּריוד". פֿון אונטער דעם גלאַנ־ציקן ראַשעק האָבן אַרויסגעקוקט זיינע גרוי־בלאָע, רואיקע, הויכט זיך, ווי פֿאַרחלומטע אויגן.

פּלוצלינג האָט דער לייטענאַנט דערזען אַ יונג מיידל מיט בלאָנדע צעפּ, אין אַ גראַנאַט מענטעלע, מיט אַ גראַנאַט בערעטל אויפֿן קאָפּ און מיט אַ בוך אונטערן אָרעם. אין זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן פֿייערלעך און ער האָט זיך געלאָזט נאָך דעם מיידל.

נישט אַרומקוקנדיק זיך, האָט זיך דאָס מיידל לאַנגזאַם געלאָזט צום פּאַרק, און דער לייטענאַנט — נאָך איר. זי האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק, און דער לייטענאַנט — לעבן איר.

דאָס מיידל איז שטאַרק פּאַרטיפֿט געווען איז גאַרקים: „די מוטער".

* * *

אַ שיינער אָוונט. עס רוישן די ביימער, אַ שטיל ווינטל שפּילט זיך צווישן די צווייגן. אָלגאַ טוליעט זיך צו יעפּימאָוון און פֿירט אים אויפֿן וועג צום וואַלד. יעפּימאָוו האַלט אַרומגענומען אָלגאַן מיט איין האַנט, די צווייטע האַלט ער אין דער קעשענע פֿון זיין שינעל, מיטן פֿינגער אויפֿן צינגל פֿון בראַונינג. אויפֿן פּאַס פֿון שינעל הענגט זיין שווערער מאַוזער. די ביימער וואַרפֿן פֿינצטערע שאָטנס. יעפּימאָוו קוקט זיך איין אין יעדן בוים. מיט זיין גאַנצן וועזן באַמיט ער זיך דורכהאַקן די פֿינצטערניש.

ער ווייסט, יעפּימאָוו, אַז פֿאַר דער קלענסטער אומפֿאָרזיכטי־קייט קאָן ער באַצאָלן מיטן לעבן, אָבער ער איז רואיק — מיט דער רואיקייט פֿון אַ מענטש, וואָס גייט דערפֿילן זיין פֿליכט.

אַ קליינע פּאָליאַנקע, און ס'הייבט זיך אָן דער קוסטאַרניק.
— טייערינקער — בעט אָלגאַ — טו זיך אויס דעם שינעל, מיר וועלן זיך צוזעצן אויף דער ערד.

יעפּימאָוו טוט אויס דעם פּאַס מיטן מאַוזער. ער פֿילט, אַז אָל־גאַ פֿאַרשט זיין יעדע באַוועגונג. ער טוט אויס דעם שינעל און רוקט פֿלינק אַריין די האַנט מיטן בראַונינג אין דער לינקער הויזן־קעשענע. אָלגאַ שפּרייט אויס דעם שינעל, לייגט זיך אונטער דעם פּאַס מיטן מאַוזער אונטערן קאָפּ. יעפּימאָוו ווייסט: איצט קומט עס, און ער לייגט זיך לעבן אָלגאַן. אין דעם מאָמענט טוט אַ טרעשטש אַ טרוקענע צווייג, און פֿון הינטערן קוסט שפּרינגען אַרויס עטלעכע מענטשן. מיט דער לינקער האַנט שיסט יעפּימאָוו בליץ־שנעל אויס פֿון בראַונינג, נישט אַרויסלאָזנדיק פֿון זיין פֿעסטן אָרעם אָלגאַן. אַ פּאָר צענדליק ראַקעטן און רעפֿלעקטאָרן רייסן

אויף די פינצטערניש. פון אלע זייטן לויפן ארוים מליציאנערן מיט אויטאמאטן.

* * *

דער משפט איבער סטעפעק זיעלינסקי און די געוועזענע שפי־צלעס: מאטיעווסקי, סטעמפאווסקי, איבער דעם אמאליקן רעדאק־טאר פון דער „נארא״־צייטונג, פאדמייסקי, און זיין געליבטע — העלענא רעלסקא — אלגא — איז פארגעקומען אין זאל פון שטאט־טעאטער.

דער גרויסער זאל איז איבערפולט מיט ארבעטער, זעלנער, פויערים.

עס איז געקומען די צווייטע שיכטע פון דער ציגעלניע מיט וויטעקן און דעם אלטן יאן, סטאסיעקן און זיין מוטער. די „יורזי־קע״ האט אויסגעפילט א היפשן טייל פון דעם זאל. איבער אלעמען — מאריעס גרויסער, גרוילעכער קאפ.

אויך דער פאטער וואלערי איז געקומען זיך צוהערן: צי וועלן די רוצחים חרטה האבן אויף זייערע שווערע חטאים.

אין די פאבריקן, שולן, דערפער, אומעטום זיינען פארגעקו־מען מיטינגען קעגן די מערדער.

פון איגנאטאווקע איז געקומען דאס גאנצע דארף מיט טראנס־פארענטן און דעמאנסטרירט פארן געריכט.

די ציגעלניע האט ארויסגעשיקט א דעלעגאציע צו דער ארטי־קער מאכט. דער אלטער יאן האט איבערגעגעבן א פעטיציע, געחת־מעט פון אלע ארבעטער:

„א טויט דעם פאנסקי ווילקאלאק!״. — — —

און אז אויף דער סאבאטשער גארקע האבן א הילך געטאן די אויטאמאטן־זאלפן פון וואסילי איגנאטאווס ראטע — האבן אלע פרייער אפגעאטעמט.

אין דער קעניגסבערגער האַלע

ס׳איז אַריבער דער ווינטער, פאַרביי דער פרילינג, און אַט גייט שוין נאָך אַ זומער.

די רויטע שטאָט האָט זיך געבויט און געוואַקסן. די ציגעלניע האָט צוגעבויט אַ נייע אָפּטיילונג און אַ גרויסן, ליכטיקן עס־זאַל פאַר די אַרבעטער.

אין וואַלד האָבן די ייִדן אויסגעבויט אַ זומער־הויז פאַר די קינדער. ציגל האָט געגעבן די ציגעלניע, פון וואַלד האָט מען סאָמנעם אויסגעהאַקט.

און דער פאַן זיעלינסקי זיצט איבער אַ בייכיקן קופעל ביר אין אַ קעניגסבערגער ביר־האַלע און טראַכט פינצטערע מחשבות.

די הייסע זון פון יוני 1941 שפּיגלט זיך אָפּ אין זיין פליך און אין דעם גאָלדענעם ביר. די זון האָט פאַרטריבן דעם שאָטן פון דעם הזיעדזיצעס באַנק. פאַן זיעלינסקי האָט אָבער גאָרנישט געפילט. ער האָט זיך אַפילו נישט געכאַפּט, אַז ער איז נישט אויפגעשטאַנען באַגריסן דעם אָרטיקן שטורעם־פירער, וועלכער איז אָקאָרשט אַריינגעקומען אין ביר־האַלע. דעם פאַנס פאַרגאָסענע, שמאָלע אויגן־שפּאַלטן האָבן זיך איינגעקלעפּט אין מאָנאָקל פון דעם באַראָן פאָן־העלביין, וועלכער האָט מיט לאַנזאַמע, הילכיקע זופּן אויסגעליידיקט זיין האַלבע ביר.

— יאָ, ליבער, ס׳וועט שוין זיין גוט — פאַרלאָזט זיך אויפן פירער! — האָט מיט זיכערקייט גערעדט דער באַראָן, פאָכנדיק זיין פאַרשוויצט פנים מיט דעם „בעאָבאַכטער".

— הייל היטלער! — איז פון זיין אָרט אויפגעשפּרונגען דער פאַן זיעלינסקי און אָנגעשלאָגן זיך אינעם קאַנט פון העם מאַרמאָרענעם טיש, דערביי האָט ער זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פינגער, בכדי וואָס העכער אויפהויבן זיין שמאָלציקן הענטל.

— זאָ! — האָט זיך פאַנאַנדערגעהילכט מיט אַ הילכיק געלעכטער דער באַראָן פאָן־העלביין און געוואָרפן אַ האַלב־שכורן בליק אויף דעם אויסגעצויגענעם דזיעדזיץ.

— זאָ! — האָט אים מיט אַ קוויטשיק געלעכטערל אונטערגעהאַלטן דער פאַן זיעלינסקי.

די נאַכט אָן אַ פרימאָרגן

אין דעם יאָר האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, אזא הייסער זומער, וואָס איז ממש געווען סכּנת־נפשות.

די „אָסיעדליע", די „יורזיקע", די גאַנצע שטאָט האָט זיך געשטיקט מיט פאַרנע נעכט. דער ניעמאַן האָט שווער געאָטעמט.

א דרימלדיקע פוילקייט האָט זיך געלייגט איבער דער געגנט. בייטאָג האָט נאָך אַמאָל אַ קיל ווינטל אָפּגעפרישט די ביינער, אָבער אין די נעכט פלעגן די מענטשן פאַלן אויפן געלעגער, וואַרפן זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער און ׳קוים קאָנען איינשלאָפן.

* * *

— ווידער מאַנעוורעס, — האָט אַ מורמל געטאָן סטאַסיעק, אַרויפציִענדיק דעם ליילעך איבערן פּנים. אָבער צוקאָפּנס איז שוין געשטאַנען די מוטער — געריסן אים פאַרן אַקסל:

— סטאַסיעק, שטיי אויף, גיכער! באָמבעס!

סטאַסיעק איז אַראָפּ פון געלעגער.

א לאַנגער שטייפער פייף — באַך!

פון אַלע זייטן זיינען געלאָפן צעשויבערטע, האַלב־נאַקעטע מענטשן. אָט וואָיעט שוין די סירענע. ס׳ציטערט די לופט פון די נאָענטע אויפרייסן. אין שטאָט פלאַקערן אויף ריזיקע שריפות. דאָס ברענען די טרוקענע, הילצערנע הייזער. עס שטעפן קוילן־וואַרפערס. עס דונערן יזעניט־האַרמאַטן. די באָמבאַרדיר־אַעראָפּלאַנען הערן נישט אויף צו זשומען, מענטשן פון דער „אָסיעדליע" און „יורזיקע" — באָרוועסע, מיט וויינענדיקע און צעשראָקענע קינדער אויף די הענט, פּילן אויס דעם פּלאַץ אַרום דער ציגעלניע.

— ווער באָמבאַרדירט?

דער עולם הערט זיך שווייגנדיק איין אין דעם קנאַקן פון די באָמבעס און קאַנאָנען.

— דער דייטש!

פון מויל צו מויל גייט די גרויזאַמע השערה. אָט יאָגט אַ רייטער צו דער ציגעלניע. וויטעק און דער אַלטער יאַן לויפן אים אַנטקעגן. פון פערד שפּרינגט אַראָפּ דער סערזשאַנט יערמילאָוו, דער אינסטרוקטאָר פו דער מיליץ. זיין שינעל איז אָפּגעשפּיליעט,

עס הויבט זיך זיין מעכטיקע ברוסט אונטער דעם אָפענעם העמד.

יערמילאָוו פאָכעט מיטן אויטאָמאַט און שרייט עפּעס צו ווי־טעקן.

וויטעק לויפט צוריק אין פאַבריקס־הויף.

אין דער קאַנאָנאַדע פון עקספּלאָזיעס און אַרטילעריע־שאָסן, אין דעם בילן פון די מאַקסימקעס — שניידט זיך אַריין דער שאַר־פער, אָפּגעריסענער געוואָי פון דער פאַבריק־סירענע.

פון די גרובנס לויפן אַרויס יונגע און אַלטע אַרבעטער. עס לויפן זיי נאָך פרויען און קינדער.

— די מיליץ צום אַרסענאַל! — שרייט אַראָפּ פון דעם טור־רעמל איבער די קאַנצעלאַריעס וויטעק. דער באַפעל טראָגט זיך אַדורך איבערן הויף, די נאָענטערע גיבן אים איבער די ווייטערע.

ביים אָפּקלאַנג פון שווערע אויפרייסן שטעלן זיך אויס אין רייען באַוואָפנטע אַרבעטער. הינטער זיי — זקנים, ציגעלניצעס און קליינוואַרג. אויף דער וואַגאָנעטקע וואַקסט אויס דער אַלטער יאַן. לעבן אים — וויטעק מיט אַ נאַגאַן ביים פּאַס, פאַר זיי — יערמילאָוו.

דער אַלטער יאַן וויקלט לאַנגזאַם פאַנאַנדער די רויטע פאָן פון דער מיליץ. ער קוקט אָן אויפמערקזאַם די מיליציאָנערן, ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרגעדענקען אויף אייביק יעדן איינעם פון אָט די נאָענטע, אויסגעהאָרעוועטע יאַטן, וועלכע ער קען נאָך פון קינדהייט אָן.

דער עלטסטער ציגעלניק געזעגנט זיך איצט מיט זיי. זיינע ווערטער זיינען האַרב, כמעט טרוקן:

— חברים, די דייטשישע פאַשיסטן זיינען באַפאַלן אונדזער פרייע פאָטערלאַנד. חברים אַרבעטער, אויף די פּאָזיציעס!

עס יאָגן פאַרביי טאַנקען. עס טראָגן זיך אין גאַלאָפּ רייטער. די דייטשישע באָמבאַרדירער זיינען פאַרשוווּנדן, און אין דער שטילקייט פון דער נאַכט הערט זיך בלויז אַ ווייט דונערן פון האַרמאַטן.

די אָפּטיילונג מאַרשירט אַרויס. אין דער פאַבריק פאַרבלייבן דער אַלטער יאַן, פרויען און קינדער, באַבעס און זיידעס. דער אַלטער יאַן שטייט מיטן המון ביים טויער און קוקט נאָך גלייך מיט אַלעמען דעם אָטריאַד, וועלכער דערווייטערט זיך מיט שנע־לע טריט פון דער ציגעלניע. דאַן קערט ער זיך לאַנגזאַם אום און גייט צו די פאַבריק־ביוראָען. ער טעלעפאָנירט אין שטאַב. עס קומט נישט קיין ענטפער. יאַן בלייבט זיצן ביים טעלעפאָן, טראַכט וואָס

צו טאָן. פּלוצלינג דערהערט זיך אַ שאַרפער קלונג. יאַן וואַרפט זיך צום טריבל:

— עס רעדט אַלעקסאַנדראָוויטש פון פאַרטקאָם. ווער איז ביים טעלעפאָן?

— איך, יאַן.

— וואָס הערט זיך אין דער פאַבריק?

— די מיליץ־אָפּטײלונג איז אַרויס אויף די פּאָזיציעס.

— תיכף פאַרניכטן אַלע פּאַפּירן. זייט געזונט, יאַן!

* * *

אויפן שול־הויף איז געשטאַנען מאַריע, אַ גרויסע, אַ ברייטע — פאַרריסן דעם קאָפּ צום הימל און געציילט די פײנטלעכע מאַשינען.

— איר זייט געניג שטאַרק אָנצומאַכן אַ חורבן — אָבער אויף אייביק וועט איר די וועלט נישט פאַרפעסטן. זאַראַזעס!

עטלעכע צענדליק טריט פון איר האָט אַ זעץ געטאָן אַ מוראדיקער דונער. מאַריע איז פון לופט־דרוק אַוועקגעפאַלן אויף דער ערד. זי האָט זיך גלייך אויפגעהויבן און גענומען לויפן צו אַן איינגעפאַלן הויז, פון וועלכן עס האָט זיך געריסן אַ געשריי פון אַ פרוי. זי האָט זיך גענומען פאַנאַנדערוואַרפן די ציגל. באַלד זיינען איר צו הילף געקומען פייערלעשער און סאַניטאַרן פון רויטן קרייץ. עס איז אויך אָנגעקומען פון ערגעץ דער פאָטער וואַלעדי.

נאָך אַ שווערער האָרעוואַניע איז געלונגען אָפּצורייניקן אַ דורכגאַנג. דער ערשטער איז אַרונטערגעקראָכן הינטער די פאַרוויכערטע קלעצער און פאַרסמאַליעטע ציגל דער פאָטער וואַלערי. נאָך אים האָבן זיך אַריינגערוקט די סאַניטאַרן און פייערלעשער. צום סוף האָט מיט גרויס מאַטערניש אַריינגעשפּאַרט איר גרויסן גוף מאַריע.

די פייערלעשער־באַטעריע האָט באַלויכטן אַ שטיק באַלקן, וועלכער איז געבליבן הענגען איבער אַ דיקער בעלקע. די בעלקע האָט זיך אין דער הויך אָנגעשפּאַרט אין דער איינציקער, גאַנץ געבליבענער וואַנט און מיטן אונטערשטן עק איז זי געשטאַנען אויפן באָדן. צווישן דער וואַנט און דעם שטיק באַלקן האָט זיך געשאַפן אַ מין דריי־עקיקער בונקער. די בעלקע האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין אַ קלעפּיקער, בלוטיקער מאַסע פון אַ מענטשלעכן קערפּער. מען האָט דערזען אַ קאָפּ פון אַ פרוי מיט אַ פיין־געקעמטער לאָקן־פריזור, אונטער אַ דינער זיידענער שאַטקע איבער אַ בלאַסן געזיכט מיט דינע ברעמען און שוואַרצע, פאַרגליווערטע אויגן.

ביי דער זייט איז געשטאַנען אַ קינדערש, ניקלען בעטל. אַ

קליין יינגעלע, אין אַ זיידן העמדל האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענטעלעך אין ראַנד פון בעטל, אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דעם בלענדנדיקן ליכט פון דער באַטעריע. זיינע אויגן זיינען געווען ברייט צעעפנט, און אַ רייפער פּחד האָט פון זיי אַרויסגעקוקט צו די מענטשן. דאָס קינד האָט נישט געוויינט. מאַריע האָט שנעל אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד אין אירע אָרעמס. דאָס קינד האָט זיך צוגעטוליעט צו איר ברוסט. זיין קעפּל האָט זיך אַ קער געטאָן צו דער מוטער, זיינע אויגן האָבן זיך ברייט צעעפנט און עס האָט שטיל אַ שעפּטשע געטאָן: מאַמע — — —

דער פּאַטער וואַלערי איז אַרויסגעקראָכן פון אונטער דער חורבה און זיך צעוויינט. אָנשטאָט בענטשן דעם אויבערשטן פאַר זיין שטענדיק גערעכטן משפּט — האָט זיך פון זיינע ליפּן אַראָפּגעריסן אַ קללה.

גייענדיק מיטן קינד אויף די הענט, האָט מאַריע באַגעגנט עטלעכע צענדליק פרויען, וועלכע האָבן באַגלייט דעם אַרבעטער־אָטריאַד צו זיין אַרויסמאַרש אויפן פראָנט. מאַריע האָט שנעל אויסגעווישט די טרערן און זיך אַ לאָז געטאָן נאָך אירע צוועלף זין אינעם אָטריאַד. פון די מאַרשירנדיקע רייען האָבן די טשערעשקעס געפּאַכעט מיט די אויטאָמאַטן צו דער מוטער. מיט אַ לאַנגן וואַרעמען בליק האָט זיך מאַריע איינגעקלעמט אין יעדן איינציקן פון אירע זין. איר אויג האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ טרער. די שטערעשקעס האָבן איר אָפּגעענטפערט מיט טיפע ליבנדיקע בליקן.

— קוקט אָן דאָס יתומל! — האָט מאַריע נאָכגעשריגן דעם אָטריאַד — קוקט אָן און ווייסט ווער דער שונא איז!

* * *

22־טער יוני, 1941.

איינגעהילט אין רויכן פון שריפות איז דער דייטש אונטערגעקראָכן צו דער שטאָט פון הינטן אַרום מיט שטאָלענע שלאַנגען פון מאָטאָריזירטע דיוויזיעס. ער האָט זיך אַריינגעריסן אין דער שטאָט פון דער זייט.

ערנסטע ווייט האָבן זיך נאָך געשלאָגן רויט־אַרמייער. קאַנאָנען און קוילן־וואַרפער האָבן נאָך אויף זייער לשון באַזונגען די לעצטע גבורה־טאַטן פון די קעמפער — די שטאָט איז שוין געווען פאַרנומען.

געשלאָסענע טויערן, פאַרהאַקטע טירן און פענצטער. די מענטשן — אין קעלערס. עס שווייגט די שטאָט. עס שווייגט די „אַסיעדליע". און שוין גאָר טיף אין דער ערד האָט זיך איינגע־

גראָבן „יורזיקע". מענטשן קוקן זיך אָן מיט פּחד, מיט הילפלאָזע בליקן. יעדנס בליק — אַ גרויסער, פינצטערער פראַגע־צייכן.

דער פאַרשטאַנד האָט עס דאָך נישט געקאָנט באַגריפן. צו נאָענט איז נאָך געווען דער נעכטן. מען האָט זיך צוגעהערט צו די ווייטע האַרמאַטן־שאָסן. יעדער העכעריער שאָס פלעגט אָפּ־קלינגען אין די קעלערס מיט אַ ציטער פון האָפענונג, מיט אַן אָפּ־הילך פון גלויבן, אָבער די שאָסן האָבן זיך כסדר דערווייטערט, געוואָרן אַלץ שוואַכער און שוואַכער.

דער פאן איז צוריקגעקומען

— אכטונג! —

איבער די ליידיקע גאסן פון דער פארחלשטער שטאט, קריכט א פאנצער־וואגן. ער זעט אויס, ווי א שווערער דייטשישער קאסק, פון אונטער וועלכן עס קוקן בייז ארויס גזלנישע אויגן — קוילן־ווארפער. ער האט אויך א פיסק, וואס שרייט ארויס דורך א מי־קראפאן אין דער פוסטקייט, וועלכע איז אנגעלאדן מיט פחד:

— אכטונג! אלע בירגער מוזן זיך שטעלן צייט צוויי שעה צו דער ארבעט. אלע קראמען מוזן געעפנט ווערן. די וווינונגען טארן נישט זיין געשלאסן. ס'איז פארבאטן צו זאמלען זיך אויף די גאסן, אין די וווינונגען. ס'איז פארבאטן פון אכט אזייגער אין אוונט ביז פינף אינדערפרי ארויסצוגיין אין דרויסן. געווער, ראדיא־אפא־ראטן, טעלעפאנען, פארשיידענע טראנספארטמאשינען — תיכף אי־בערגעבן דער מיליטערישער מאכט.

— האלא, האלא, האלא! פאר נישט פינקטלעכער אדורכפירונג פון די פאראָרדענונגען — טויט, טויט, טויט!

* * *

אויפן הויף פון דער ציגעלניע איז געדיכט פון מענטשן. דער עולם ווארט דערשראקן און אבסאל נייגעריק אויף עפעס, וואס חארף באלד פארקומען.

מען שטייט שווייגנדיק — הארט איינער לעבן צווייטן. וואנדא וואלסקא שטייט אנגעשפארט אין איר זונס, סטאסיעקס, אקסל. סטא־סיעק פילט, ווי איר האנט ציטערט. ער קוקט זיך צו צו זיינע שכנים, אלע — מיט אראפגעלאזטע פאטשיילעס און היטלען איבער די אויגן, מיט בלאסע פנימער און אונטערגעהאקטע אויגן.

ביים טויער פון דעם ציגעלניע־הויף איז געשטאנען אן אט־ריאד דייטשן. אויף די קעפ — גלאנצנדיקע קאסקן. אין די הענט — אויטאמאטן. פון זייערע פארשוויצטע פנימער האט געשלאגן אזא טעמפע געהארכזאמקייט, אזא מעכאנישע זיכערקייט, אז סטאסיעק האט אויף א ווײַלע זיך פארטראכט: ווער האלט וועמען — דער דייטש דעם אויטאמאט, צי דער אויטאמאט דעם דייטש. אבער, דער

דייטש האָט געהאַלטן דעם אויטאָמאַט, דאָס האָט סטאַסיעק דער־פילט גאַנץ שנעל, בעת ער האָט געוואָלט צולויפן אין שטאָט ברענ־גען דער מוטער איר אָסיענדיקע פּאַטשיילע. קאַלט איז געוואָרן דער מוטער אין הייסן, זייער הייסן, זומערדיקן יוני־טאָג אויפן הויף פון דער ציגעלניע. ווען סטאַסיעק איז צוגעלאָפן צום טויער, האָט אַ זעלנער אַרויסגעשטעלט דעם אויטאָמאַט קעגן זיין ברוסט און אַ ברום געטאָן: „צוריק!"...

די דייטשן האָבן יעדן אַריינגעלאָזט אין הויף, זיי האָבן אָבער קיינעם נישט אַרויסגעלאָזט. אויך זיי האָבן, ווי ס'ווייזט אויס, אויף עפּעס געוואַרט.

די זון האָט שוין אַדורכגעשפּאַנט אַ היפּשן מהלך, ווען פון אַ כמאַרע שטויב איז אַרויסגעשפּרונגען אַ גלאַנציקע מאַשין און האָט זיך ווי אַ ווינט אַריינגעריסן אין ציגעלניע־הויף. די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר די פאַבריקס־קאַנטאָרן.

ס'האָט ביי אַלעמען האַסטיק אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצן. הונדערטער פּאָר אויגן האָבן זיך אויף איין אויגנבליק צוגעמאַכט. אין דער מאַשין איז געזעסן דער פאַן זיעלינסקי.

פאַן זיעלינסקי — אין אַ נאַציישן אונטפאָרם — האָט הויך אויפגעהויבן זיין פעט הענטל און מיט זייער אַ פרייליכער שטים אויסגעקוויטשעט: „הייל היטלער!".

שטיל. דער עולם שווייגט. די פאַרזאַמלטע שניידן זיך איין מיט הונדערטער אויגן אין דעם „פאַן", אין דעם האַקן־קרייץ אויף זיין אַרבל, אין דעם אויפגעהויבענעם, אויסגעכאַליעטן הענטל, אין דעם בלישטשענדיקן פּליך. האַרטער דריקט זיך איינער צום צווייטן. סטאַ־סיעק נעמט אַרום מיט זיין האַנט דער מאַמעס געבויגענעם רוקן. ער קוקט אויפן פאַרדייטשטן „דזיעדזיץ", קוקט און קאָן פון אים די אויגן נישט אַראָפּרייסן. „זאַ נאַשאָן וואָלנאָן פּאָלסקען!" — טוט אַ שווינדל אין זיין זכרון דאָס פאַרבלוטיקטע ברעטל אויף דער ברוסט פון דעם פאַרפייניקטן לייטענאַנט וואַסילי.

— , הייל היטלער!

דער עולם שווייגט. דער „דזיעדזיץ" לאָזט אַראָפּ זיין האַנט, קריכט אַרויס פון דער לימוזינע און שפּאַנט נענטער צו צום המון.

— נו, ברידער פּאָליאַקן — אָט האָבן מיר אייך באַפרייט פון דעם יידיש־באָלשעוויסטישן יאָך. אין נאָמען פון גרויסן פירער, פון אונדזער בונדעסגענאָסע און באַפרייער — זאָג איך צו אַלע פּאָ־ליאַקן פרייהייט און אַרבעט. אַרבעטן וועט מע דאַרפן אַ סך, כדי וואָס גיכער פאַרענדיקן דעם קריג און אַראָפּווישן פון דער ערד די באָלשעוויקעס און די יידן. אַלץ, וואָס געהערט צו יידן און צו באָל־

שעוויקעס וועט אונדז געהערן. מיר וועלן דאָ מאַכן אַן אָרדענונג. איר וועט דאָס גלייך זען.

— הייל היטלער!

שטיל.

פון דער לימוזינע קלעטערט לאַנגזאַם אַרויס א דייטש. א רגע קוקט ער אָן דעם עולם אַרבעטער, קוקט אין זיי, ווי אין עפּעס א דורכזיכטיקער סובסטאַנץ. דאַן וואַרפט ער א באַפעל דעם אונטער־אָפיציר, וואָס שטייט אויסגעצויגן ווי א בלייען זעלנער־פיגורל אין א ריזיקן פאָרמאַט. דער „אונטער" ברומט א באַפעל. פון טויער מאַרשירן אַריין אין געשלאָסענע רייען עטלעכע צענדליק זעלנער און שטעלן אָן די באַגנעטן קעגן די ציגעלניקעס.

דער עולם ציט זיך צוריק. פאַר דער לימוזינע בלייבט אַ פרייער פּלאַץ. דער דייטש זאָגט עפּעס דעם פאַן זיעלינסקי, דער פאַן פּרוווט זיך אויסציען, ווי דער „אונטער", און דרייט זיך אויס צום עולם. אויף זיין פּנים א נבזהדיק שמייכעלע, זיינע פעטע אויגעלעך בייסן זיך איין אין די אַרבעטער, אַזוי ווי ער וואָלט עמעצן געזוכט.

— ווו זיינען די באָלשעוויקעס? די זשידעס? ווו איז יאַן, האַא?

שטיל...

— ווער וויל אונדז העלפן אויסרייניקן די דאָזיקע פעסט?

דער „הזיעדזיאַ„ לויערט אויפן עולם מיט זיינע שמאָלע, פאַר־גאָסענע אויגעלעך.

— נו, ברידער, ווער איז דאָ אַן אמתער פּאָליאַק?

דער עולם פרעסט זיך איין אין זיך, אין אייגענעם שווייגן. א לאַנגע, מוראדיק לאַנגע רגע. עס שטייט דער ברוין־געקליידעטער דזיעדזיץ, דער דייטש רויכערט פּאַוואָליע אויס זיין פּאַפּיראָס. דער „אונטער" איז שטרענג אָנגעצויגן. ס'גלאַנצן די באַגנעטן. א רגע און נאָך אַ רגע.

איבערן עולם גייט אַדורך א ציטער. פון המון טרעט לאַנגזאַם אַרויס אַ ציגעלניק, וואָיציעך גראַב, וואָיציעך דער שכור.

ער גייט לאַנגזאַם צום דייטש. סטאַסיעק דערמאָנט זיך: ווען דער פאַניטש האָט גערופן די „ברידער פּאָליאַקן אָפּצורעכענען זיך מיט די יידישע פּלוטאָקראַטן", איז וואָיציעך, א באַטרונקענער, מיט א דרענגל אין האַנט געשטאַנען הינטער דעם פאַניטש.

דער „דזיעדזיץ" גייט אים אַנטקעגן, ער רוקט אים אונטער זיין פעטע הענטל:

— וואָיציעך! ווי גייט עס דיר?

— מיט ברויט און זאַלץ באַגריסן מיר אייך, יאַשניע פּאַ־

ניע! — ענטפערט וואַיציעך און פאַרנייגט זיך פאַרן פריץ, פאַרן דייטש.

נאָך טיפער שווייגט דער עולם, נאָך ענגער פאַרקלעמט זיך די „אַסיעדליע".

וואַיציעך דרייט זיך אויס מיטן פנים צו די ציגעלניקעס. אַלע אויגן קלאַמערן זיך אין אים איין:

אַן אַנדער פּנים, אַן אַנדערער מענטש.

דער פאַן זיעלינסקי חזרט איבער זיין פראַגע:

— וועלכע זיינען דאָ די באָלשעוויקעס?

וואַיציעך שטרעקט אויס זיין האַנט און הויבט זי אויף איבער די ציגעלניקעס.

— דער!

דער „אונטער" ציט אַרויס זיין מאַוזער — הויבט אים לאַנג־זאַם אויף — באַך!

— יודאַש! גאַדזיוקע! — שרייט אויס האַנקאַ, אַ יונגע אַרבעטערין פון וואַיציעכס בריגאַדע. דער „אונטער" הויבט ווידער אויף זיין מאַוזער. צילט רואיק אין פאַרגליווערטן עולם.

אַ געשריי פון אַ פרוי. פון האַנקעס קאָפּ רוקט זיך אַראָפּ דאָס טיכל, די הענט כאַפּן מאָדנע די לופט און... ווידער שטיל...

איצט ווייזט וואַיציעך ווידער מיטן פינגער אויף אַן עלטערן אַרבעטער: „זשיד!"

דער ייד טוט אַ טראַט הינטער זיך. ער פרוווט פאַרזינקען אין דער מאַסע. צוויי זעלנער שלעפּן אים אַרויס אויפן פוסטן פּלאַץ.

שווערע זעצן מיט קאָלבעס, דער ייד פאַלט אויף דער ערד. דער „אונטער" כאַפּט אַרויס פון זעלנערס האַנט די ביקס, שטעלט צו דעם באַגנעט צום געפאַלענעם רוקן, ליינט זיך אָן מיטן גאַנצן גוף איבערן פריקלאַד.

— ווו איז יאַן, פאַניע וואַיציעך?

דער פאַן זיעלינסקי נעמט אַרום וואַיציעכן מיט זיין קורצער האַנט.

וואַיציעך לאָזט זיך אַריין אין דער מאַסע אַרבעטער. אַרום אים — פיר זעלנער מיטן „אונטער". ער קוקט יעדן אין פּנים. ער שפּאַנט זיכער. זיין בליק איז חוצפּהדיק, שפּיציק, קאַלט, ווי די באַגנעטן ביי די דייטשן. וואַיציעך פילט זיך שטאַלץ, ס'איז זיין גרויסער מאָמענט. ער דעצידירט וועגן לעבן און טויט. נעכטן נאָך אַ שכורער ציגעלניק, היינט — דעם „חזיעדזיצעס" און דעם דייטשס פאַרטרויאונגסמאַן. אין די אויגן פון די ציגעלניקעס זעט ער בלויז פּחד.

אַט דערנענטערט ער זיך צו סטאַסיעקן. די אַלטע וואַנדאַ וואָלסקאַ, כאַפּט אָן איר זון ביי דער האַנט. סטאַסיעק פילט, ווי דער מוטערס פינגער ברענען. עס באַהערשט אים אַ פאַרלאַנג אָנ־צוכאַפּן וואָיציעכן ביים גאָרגל און שטיקן, שטיקן. ער לעבט איבער דאָס זעלבע געפיל, ווי דאַן אַמאָל אין וואַלד, בעת דער פּאַניטש האָט אים געפּאַטשט פאַר גנבענען שפּנער, און ער האָט מורא געהאַט דעם פּאַניטש צוריקשלאָגן.

וואָיציעך קערט זיך אום צום „דזיעדזיץ”. ער שושקעט אים עפּעס אין אויער. און ווידער שניידט זיך אַריין וואָיציעך מיט די דייטשן צווישן די אַרבעטער.

— יאַנאָוואַ!

— בראָנקאַ — סטעפּעק יאַנס כלה!

— סטאַכאָוואַ! — גייט דורך אַ ציטער איבערן עולם.

די דייטשן שלעפּן די פרויען צו דער לימוזינע.

— מאַמאַ! — צעכליפּעט זיך אַ קינד.

אומזיסט פּרווון די ציגעלניקעס אויסבאַהאַלטן וויטעקן. דאָס קינד רייסט זיך צו דער מוטער.

פיר שווער באַוואָפנטע זעלנער מיט גלאַנציקע באַגנעטן און שטאָלענע קאַסקן. צווישן זיי — וויטעק, אַ קליין, פינף־יעריק יינגעלע מיט געקרייזלטע האָר און בלויע אויגן.

אַ קללה טראָגט זיך פון דער צעכוואַליעטער אַרבעטער־מאַסע.

די אַרעסטאַנטן פירט מען צו צו דעם פאַן זיעלינסקי און צו די דייטשן.

דער „דזיעדזיץ” קוקט אויף זיי אַ רגע. זיין שמאַלציק פּנים איז רויט און אָנגעבלאָזן.

— איר וועט אונדז שוין דערציילן, וווּ יאַן מיט זיינע זינדע־לעך געפינען זיך!

די אַרעסטאַנטן שליידערט מען אַרויף אויף אַ לאַסטוואָגן. די אַרעסטירטע פרויען קוקן שטום אָן די ציגעלניקעס. דער עולם קוקט שטום אָן זיינע ערשטע אַרעסטאַנטן.

דער „דזיעדזיץ” שטעלט זיך אויף דער לימוזינע:

— לכבוד דעם יום־טוב פון באַפרייאונג זענט איר צוויי טעג פריי. איבערמאָרגן פרי — ווער ס'קומט נישט צו דער אַרבעט ווערט באַטראַכט פאַר אַ 'דעזערטיר און פאַרעטער.

— די פּאָר טעג קאָנט איר זיך לאָזן וווילגיין... אַלץ וואָס גע־הערט די יידן איז אונדזערס.

— הייל היטלער!

* * *

— מוטער, ווי אזוי האבן מיר געקאנט שווייגן?

סטאסיעק האט די דאזיקע ווערטער ארויסגעזאגט זייער שטיל. די מוטער האט זיי מער דערפילט, ווי דערהערט. זי האט דערפילט אין זיי, ווי עס קאוועט זיך עפעס אין איר קינדס הארצן. זי האט פאראמאל אין אים דערזען זיין פאטער, וועלכער איז אוועק אין דער מלחמה פאר פוילן און האט זיך מער נישט אומגעקערט.

— מע מוז עפעס טאן — האט געזאגט סטאסיעק, און וואנדא וואלסקא האט פארשטאנען, אז ער געהערט שוין נישט מער צו איר. א ווייטיק האט פארקלעמט איר הארץ: אויך דער זון, איר איינציקער זון, ווי אמאל ער, איר מאן. נאר פונקט, ווי אמאל, האט האט וואנדא וואלסקא גארנישט גערעדט און קיין פאריבל נישט געהאט. זי האט צוגעדריקט זיך צו סטאסיעקס אקסל און אויסגעשעפ־טשעט: „א שווערע צייט איז געקומען, זונעלע!".

דער פּאָגראָם

דער פּאָגראָם האָט זיך אָנגעהויבן אין אָוונט. אויף דאָמיניקאַנסקאַ גאַס האָט אַרויסמאַרשירט אַן אָרקעסטער, נאָך אים — אַן אָפּטײלונג ס.ס.־לײט און אַ פּאָר הונדערט אָרטיקע כוליגאַנעס, וועלכע זײַנען מיטן דײַטש צוריקגעקומען אין דער שטאָט, צווישן זײ וואַיציעך — מיט אַ דרענגל אין האַנט. פּיאָן — דער שפּיצעל, וואָס האָט זיך אומגעקערט מיטן דײַטש, און זײַנס גלײַכן.

די גאַס איז טויט. די טירן געשלאָסן. דער אָרקעסטער שפּילט אויף אַ הילכיקן מאַרש.

די באַנדעס רײַסן זיך אַרײַן אין די הויפן. באַלד דערהערן זיך געוואַלדן. דאָ און דאָרטן — אַ שיסערײַ.

ייִדן לויפן אַרויס פון די וווינונגען. שפּאַלערס פון שלעגער לעגן אויס דער גאַס. אַט לויפט אַ ייִד. מען וואַרפט אים פון אײנעם צום צווייטן. ס'פאַלן אויף אים קלעפּ פון אַלע זײַטן. דער ייִד לויפט דורך אַ פּאָר טריט און פאַלט.

עס לויפט אַ קינד. די כוליגאַנעס שלאָגן עס איבער די פּיסלעך. זיי צווינגען עס צו שפּרינגען איבער די רימענס, איבער די שטעקנס. עטלעכע טריט, און דאָס קינד פאַלט איבער אַ שטעקן. אַן ס.ס.־ניק כאַפּט עס אָן פאַר די פּיסלעך, וואַרפט עס אַריבער צום צווייטן. נאָך אַ שלײַדער און נאָך אַ זעץ — דאָס קינד איז טויט. די שלעגער באַמערקן דאָס נישט, זיי זעצן פאָר זייער שפּיל, ביז אײנער כאַפּט זיך, אַז דאָס קינד איז „פּאַרטיק" און שלײַדערט דאָס אַוועק אין אַ זײַט.

דער אָרקעסטער שפּילט אַ הילכיקן מאַרש.

* * *

אין טויער פון פּאָטער וואַלעריס פּלעבאַניע דערהערט זיך אַ האַסטיק קלאַפּערײַ. דער פּאָטער לויפט שנעל אַרויס. פאַר אים שטייט מאַריע מיטן אַדוואָקאַט גאָסקי, אַ ייִדישן טוער פון דער קהלה און פון שטאָט־ראַט.

— פּאָטער, ראַטעוועט — אַ פּאָגראָם!

דער אדוואָקאַט שווייגט, בלויז זיינע ליפּן ציטערן. דער פּאַטער וואַלערי שווייגט אויך. ער פילט, ווי ס'רייסט זיך אים עפּעס אָפּ אין האַרצן, זיין פּנים באַדעקט זיך מיט אַ קאַלטן שוויים.

— בלייבט דאָ! — זאָגט ער. ער אַליין לאָזט זיך לויפן צו דער הויפּט־גאַס. דער פּאַטער וואַלערי לויפט מיט אַלע כוחות, עס פּלאָנטערט זיך אים פאַר די פיס די סוטאַנע, אויף זיין ברוסט וואַרפט זיך דער שווערער, זילבערנער צלם.

אַט הערט ער שוין די קלאַנגען פון דעם אָרקעסטער.

— האַלט!

אַ באַגנעט שטעלט זיך אַרויס קעגן זילבערנעם צלם.

— פּאַרצייַען זי — זאָגט דער זעלנער — אַהין קאָן מען נישט גיין!

— לאָזט מיך אַדורך! — שרייט נישט מיט זיין קול דער פּאַטער וואַלערי.

— איך קאָן אייך בלויז צופירן צום קאָמענדאַנט — זאָגט דער זעלנער און ער פירט אים אָפּ צו דער געביידע פון דער פּאָליציי־פּרעפעקטור.

אַ הויכער פעסט־געבויטער דייטש. ס'גלאַנצן די שטיוול, די רימענס. ס'גלאַנצט דער אַדלער אויפן טונקעלן מונדיר. אויף דער וואַנט — היטלערס בילד. אויפן טיש — אַ מאַוזער און אַ שפּיץ־רוט.

— מיט וואָס קאָן איך אייך דינען, געערטער פּאַטער?

דער דייטש איז העפלעך. ער שמייכלט אפילו.

— אויף דאָמיניקאַנער גאַס פּאָגראָמירט מען, מען מאָרדעט מענטשן.

— יידן, געערטער פּאַטער — באַמערקט דער קאָמענדאַנט מיט אַ קאַלטן שמייכל.

— שטעלט אָפּ דעם פּאָגראָם! מאַכט אָרדענונג! — שרייט דער פּאַטער וואַלערי.

— רואיק, פּאַטער, רואיק — זאָגט לאַנגזאַם דער קאָמענדאַנט — קאָנט איר מיר צושטעלן עמעצן פון דער יידישער קהלה?

— שטעלט אָפּ דעם פּאָגראָם, קאָמענדאַנט!

— ביטע, שיקט צו מיר עמעצן פון דער געמיינדע, וועלן מיר זען, וואָס צו טאָן.

— ביטע, גייט מיטן גלח — האָט זיך דער קאָמענדאַנט געווענדעט צו אַ יונגן לייטענאַנט מיט אַ כמעט קינדעריש פּנים.

* * *

— הייל היטלער! — האָט זיך אַ שטעל געטאָן דער לייטע־נאַנט.

— וואָס פאַרלאַנגט איר? — פרעגט דער קאָמענדאַנט ביי פאַ־טער וואַלערי.

— אָט איז אַדוואָקאַט גאָסקי פון דער קהלה, אַזוי ווי איר האָט געבעטן, ה׳ קאָמענדאַנט.

— געבעטן האָט איר, געענטפערט פאָטער, איך בעט נישט, איך באַפעל — האָט צווישן די ציינער אויסגעשיפעט דער קאָמענדאַנט.

פלוצלינג האָט ער זיך אַ קער געטאָן צום אַדוואָקאַט, האָט אים אָנגעקוקט פון קאָפּ ביז פיס.

— יודע!

דער אַדוואָקאַט האָט פאַרביסן די ליפּן.

— אין נאָמען פון הייליקן פאָטער, אויף יעזוסעס וווּנדן, שטעלט אָפּ דעם פּאָגראָם, הער קאָמענדאַנט — שרייט ווידער אויס דער פאָטער וואַלערי.

— באַפעלן באַקום איך בלויז פון דעם פירערס קוואַרטיר, פאָטער.

דער דייטש פאַרוויכערט זיין פייף און באַטראַכט פון אונטערן שטערן דעם פאָטער וואַלערי און דעם ייד.

— הערן זי, יודע. דאָס, וואָס קומט איצט פאָר, איז בלויז אַ נאַטירלעכער אויסדרוק פון דעם, וואָס די מאַסן פילן צו אייך. זיי נעמען נקמה פאַר יאָרן פון יידיש־באָלשעוויסטישן יאָך.

דער דייטש שווייגט אַ רגע.

— איר פאַרשטייט זיך אויף מוזיק? דאָס וואָס קומט איצט פאָר איז בלויז אַן אָוווערטורע.

— יאָ, בכדי צוליב טאָן דעם פאָטער און אַלס אויסדרוק פון אונדזער סימפּאַטיע צום פוילישן פאָלק, וועל איך באַפעלן דעם פּאָגראָם אָפּשטעלן, אָבער איר מוזט פּינקטלעך אויספירן מיינע פאַראָרדענונגען — האָט געלאָסן פאַרגעזעצט דער דייטש. — ביז מאָרגן צען אַזייגער אינדערפרי דאַרף איך באַקומען פון דער יידישער קהלה פאַר דער פעלד־קאָמענדאַנטור 100.000 דאָלאַר. פאַרשטאַנען?

זיי האָבן פאַרשטאַנען.

— די צווייטע פאַראָרדענונג איז — האָט מיטן טאַבאַק־רויך געצויגן דער דייטש — מאָרגן זיבן אַזייגער אינדערפרי מוזן אַלע מענער און פרויען, אין עלטער פון 15 ביז 55 יאָר זיך פאַרזאַמלען אויפן באַטאָרי־פּלאַץ — בכדי אַרויספאָרן אויף אַרבעט. בלויז די,

וועלכע אַרבעטן אין די פאַבריקן און שטאָט־אונטערנעמונגען דאַרפן דערשיינען אויף זייערע אַרבעטס־פּלעצער!

— הער קאָמענדאַנט, מיר וועלן אויספירן אייערע פאַראָר־דענונגען — באַפעלט אָפּשטעלן דעם פּאָגראָם! — האָט מיט אַ פאַרשטיקטער שטים אויסגערופן דער אַדוואָקאַט.

— יעדע מינוט פאַלן מענטשן, הער קאָמענדאַנט! — האָט הייס אויסגערופן דער פאָטער וואַלערי. דער דייטש האָט זיי אַ ווילדע אָנגעקוקט, נישט איילנדיק זיך, אויסגעלייזדיקט זיין פייף און ווידער אַמאָל אויסגעזופּט:

— לאַנגזאַם, מיינע הערן, ביי אונדז פירט זיך נישט, מען זאָל איבערייסן די רייד פון אַ רייכס־דויטשן אָפיציר. איך האָב אייך, געערטער פאָטער, שוין איינמאָל אויפמערקזאַם געמאַכט: מען הרגעט נישט קיין מענטשן, מען ליקווידירט יידן... יאָ, — פאַר־שטאַנען מיינע הערן?

זיי האָבן פאַרשטאַנען.

— איר וועט מיר איבערגעבן אַ רעיעסטער פון אַלע יידן. דאָס מוז צושטעלן די יידישע געמיינדע מאָרגן צען אינדערפרי. פאַר־שטאַנען? —האָט זיך געווענדעט דער קאָמענדאַנט צום יידישן אַדוואָקאַט.

גאָסקי האָט פאַרשטאַנען...

— די ווייטערדיקע פאַראָרדענונגען וועלן מיר אייך שוין אי־בערגעבן .

— הייסט אָפּשטעלן דעם פּאָגראָם, הער קאָמענדאַנט — האָט ווידער אויסגערופן דער פאָטער וואַלערי.

— שיקט מיר צו מאָרגן פרי אַ יודע וואָס פאַרמאָגט אַ דרוק־קעריי, אַ גוטע דרוקעריי און אַ שטאַב פאַכלייט — האָט פאַרגע־זעצט דער דייטש. צום ווידערזען ביז מאָרגן צען פאַרמיטאָג.

ער האָט זיך אויפגעהויבן און אָנגעוויזן דעם אַדוואָקאַט אויף דער טיר.

— אין נאָמען פון גאָט, שטעלט אָפּ דעם פּאָגראָם — האָט ווידער אויסגערופן דער פאָטער וואַלערי.

— איך האָב אייך שוין איינמאָל געזאָגט, געערטער פאָטער — איך טו אַלעס אין נאָמען פון פירער, דאָך וויל איך אייך צוליב טאָן... — דער קאָמענדאַנט האָט גענומען דאָס טעלעפאָן־טרייבל.

— הער שטורם־פירער, ביטע, באַפעלט אָפּשטעלן די אַקציע. הייל היטלער!

ווען דער ס.ס.־ניק האָט אָפּגעפירט דעם פאָטער וואַלערי און

דעם אדוואָקאַט אין שטאָט — האָט זיך אַ פּאַנצער־וואָגן מיט אַ מעגאַפאָן געדרוקט אין גאַס און אַרויסגעשריגן:

— האַלאָ, האַלאָ, האַלאָ! אין נאָמען פון שטאָט־קאָמענדאַנט דערקלער איך, אַז דער פּאַראַד איז געענדיקט.

— האַלאָ, האַלאָ, האַלאָ!

דער מיליטערישער אָרקעסטער האָט פריילעך אָפּגעשפּילט דעם האָרסט־וועסעל־הימן.

דער אַדוואָקאַט האָט שווייגנדיק געדריקט דעם פאָטער וואַ־לערים האַנט. דער גלח האָט מיט פאַרבלאַסטע ליפּן געמורמלט אַ תפילה.

אונטערן חלף

עס זיינען אוועק טעג מרה־שחורהדיקע, אנגעזאפטע מיט אומ־זיכערקייט און פארלוירנקייט. אונטער דער אייזערנער פויסט פון די רוצחים זיינען די מענטשן געווען, ווי באטויבט.

א יאוש האט פארכאפט די שטאט.

„יורזיקע" איז געווען אויף צוואנג־ארבעט צוזאמען מיט אלע יידן פון שטאט. מאריע האט שוין מיט קיין הינער נישט געהאנ־דלט. מיט זייטיקע וועגן פלעגט זי פון צייט צו צייט ברענגען צו שלעפן שווערע קוישן מיט קארטאפל, מיט מעל און אמאל אפילו א געשאכטענעם שעפס. פון אירע צוועלף זין האט זי נאך אלץ קיין ידיעות נישט באקומען. פונדעסטוועגן איז איר שטים געווען נאך אלץ שטארק און מונטער. זי פלעגט זיך אוועקשטעלן אויפן שול־הויף און אריינזאגן דעם הבונו של עולם, אז „ער אליין האט זיך מיטן אשמדאי פארבונדן".

פון דעם איז איר עפעס גרינגער געווארן אויפן הארצן.

די „אסיעדליע" איז ווידער געווארן זיעלינסקיס נחלה. דער פאן זיעלינסקי האט די ארבעט רעארגאניזירט. די אלטע וואנדא האט ווייטער געארבעט ביי די ציגל־פארמען און סטאסיעק האט געבא־לעגאלעוועט — געפירט ציגל, ליים, האלץ. וואיציעך דער „יודאש" — שטילערהייט האבן אים די ציגעלניקעס אזוי גערופן — איז גע־ווארן אויפזעער איבער די ארבעטער.

אין די אוונטן פלעגט סטאסיעק זיצן א פארטראכטער. מיט דער מוטער כמעט נישט גערעדט. די מוטער האט געפילט, ווי אונ־טער דעם דאזיקן שווייגן טאיען זיך בייזע געדאנקען, אז סטאסיעק זוכט א סטעזשקע, אן אייגענעם וועג.

אין די פינצטערע טעג איז דער פאטער וואלערי געלאפן פון דער שטילער פלעבאניע אין דער „אסיעדליע", אין די קווארטאלן פון דער ארעמקייט איבערגעבן זיין טרייסט, גאטסווארט, צו די געשלאגענע און ליידנדיקע. אבער אז דער פאטער וואלערי פלעגט זיך פארטראכטן וועגן זיך און וועגן דעם ארומיקן, פלעגט ער קו־מען צו עפעס גאר א משונהדיקן געדאנק: „איך אנטלויף פון גאט צום מענטש!" — האט ער איינמאל א קלער געטאן. שוהן לאנג

האָט דער פּאַטער וואַלערי אַפּגעקניט פאַרן בילד פון דער הייליקער מוטער — און איז ווידער צו מענטשן געלאָפן.

„טרייסטן זיי, צי ווילסטו ביי זיי טרייסט געפינען?" — האָט אויפגעפלאַטערט אין זיין באַוווסטזיין די פראַגע.

אין קלויסטער איז געווען פול. ס'זיינען געקומען מענטשן נישט נאָר צו דער הייליקער מוטער, זיי זיינען געקומען צו מענטשן, און אויך הערן דעם פּאַטערס דרשות.

— „קוואָ וואַדיס, דאָמינע?" — וווּ אַהין פירן דיינע וועגן, האַר מיינער? — האָב ליב דעם צווייטן, ווי זיך אַליין! — העלף דעם געפאַלענעם, העלף דעם ליידנדיקן, ווייל מענטשן־פריינטשאַפט איז גאָטס געבאָט, האָב ליב דיין ברודער, מענטש! מענטשן־ליבע איז שטאַרקער פון שנאה, שטאַרקער פון פייער און וועט ביי־שטיין יעדע רציחה.

אין רוים איז אויפגעשטאַנען אַ וואַלד פון צלמים, אויף וועל־כע די אַלמעכטיקע אימפּעראַטאָרן האָבן צוגענאָגלט די פרעדיקער פון גאָטס אמת, די פרעדיקער פון מענטשן־ליבע. זיי, די אימפּע־ראַטאָרן, האָבן באַלויכטן אויגוסטעס גאָרטן מיט לעבעדיקע פאַקעלן פון גלויביקע קריסטן. זיי האָבן די פרעדיקער פון מענטשן־פריינטשאַפט, געוואָרפן אויף די אַרענעס פאַר ווילדע חיות.

און רוים איז היינט די הויפּט־שטאָט פון קריסטנטום. די מערהייט פון דער מענטשהייט האָט גאָטס וואָרט דערהערט. און דער אָנדענק פון די אימפּעראַטאָרן איז פאַרבליבן אויף דור דורות, ווי אַ בילד פון צעפּוילטקייט, ווי אַן אייביקער אָנזאָג, אַז דעספּאָ־טיזם איז אַן אַכזריותדיקע גסיסה פון מענטשנפיינט און פון טייוולס קנעכט. אָבער נאָך דער גסיסה מוז קומען דער רומלאָזער אומקום, ווייל גאָט איז שטאַרקער פון דעם שד. ווייל ליבע איז שטאַרקער פון שנאה. און עס זיינען פאַרשוווּנדן די אימפּעראַ־טאָרן און זייערע געצנדינערישע אַריסטאָקראַטן, ווי אַ רויך פון אַ שריפה, ווי אַ מגפה, ווי אַ טריקעניש, און גאָטס נאָמען און גאָטס וואָרט, דאָס וואָרט פון דער אייביקער ליבע — האָט איבער־געלעבט די מגפה, די שרפות און די טריקעניש — ווייל גאָט איז אייביק און אייביק שיינט זיין ליכטיקער נאָמען".

די פאַרדייטשטע פאַנעס פלעגן אין קלויסטער נישט קומען. עס איז אַרויס פון דער מאָדע ביים „פירער". אָבער די מאַסן פלעגן יאָ קומען. פלעגן זיך צוהערן צום גלחס רייד, זיי פאַרשטיין, אויסטייטשן און צוגעבן אייגענע קאָמענטאַרן.

אין קלויסטער פלעגן אויך קומען סטאַסיעק מיט דער מוטער. סטאַסיעק האָט זיך גוט צוגעהערט צו דעם פּאַטערס פרעדיקן.

תחילת האָט זיך אים געטהאָכט דאָס זעלבע, וואָס אַמאָל, בעת דער גלח האָט גערעדט וועגן אונטערשטעלן די צווייטע באַק, ווען מען שלאָגט דיך אין דער ערשטער.

ליב האָבן דעם דייטש? — איז דען דער דייטש א מענטש? אָדער דער פאַן זיעלינסקי, צי זואַיציעך?

און דאָך, ווען סטאַסיעק האָט זיך בעסער אַריינגעטראַכט אין דעם פאָטער וואַלעריס ווערטער, האָט ער דערפילט און באַנומען, אַז דער גלח רעדט אַנדעריש, ווי אַמאָל. אַמאָל האָט ער געפּרעדיקט, אַז מען זאָל זיך לאָזן שלאָגן און אָננעמען אַלץ באהבה, היינט — הייסט ער ליב האָבן, טראָץ דעם, וואָס דאָס געזעץ הייסט דינען דער שנאה, היינט, זאָגט ער פאָרויס דעם אונטערגאַנג פון די רשעים — דעם אונטערגאַנג פון דער מאַכט. דער פאָטער רופט צו מענטשן־ליבע — היינט הייסט עס קאַמף. דער פאָטער הייסט נישט אונטערשטעלן די צווייטע באַק דעם דייטשישן שלעגער.

ביי דער מוטער האָט סטאַסיעק בלויז א פרעג געטאָן:

— וועלכע אויספירן דאַרפן מיר ציען פון דעם פאָטערס ווערטער, מאַמע?

— אַז גאָט איז שטאַרקער פון דעם דייטש, זונעלע! — האָט שטיל געענטפערט די מוטער.

— , גאָט איז שטאַרקער דערמלט, ווען די מענטשן העלפן אים, מאַמע, און דאַן העלפט ער אויך זיי — די מוטער האָט סטאַסיעקן גאַרנישט געענטפערט.

* * *

דער שטאָט־קאָמענדאַנט גרייזער איז געווען א גרויסער פיין־שמעקער אויף ציגאַרן. נאָכן „מאָלצייט” האָט גרייזער געגאַרט „רוהע” און ציגאַרן. אויך צו בריליאַנטן, גאָלד און אַנדערע „קער־פּער פון דווערנדער ווערט” פלעגט דער קאָמענדאַנט פילן א ספּע־ציעלע סימפּאַטיע. ער פלעגט אויך באַנקנאָטן נישט פיינט האָבן, כאָטש קיין איבעריקן צוטרוי האָט ער צו זיי נישט געהאַט — א קשיא אויף א מעשה, וואַליוטע איז דאָך לעצטנס א גאַנץ קאָנ־יונקטורעלער אַרטיקל.

האָט טאַקע פאַן זיעלינסקי אויפן קאָמענדאַנט געמאַכט א גאַנץ גוטן איינדרוק. נישט אַזוי א דאַנק דעם בריוו פון באַראָן פאָן־העלביין, ווי צוליב דעם „יודע”, וועלכן ער האָט אים רעקאָ־מענדירט אַלס יודען־ראַט־אָבמאַן.

דער ליטוואַק איז א „נוצלעכער יודע”. ער האָט אים צוגע־טראָפן, דעם קאָמענדאַנט, אין פּינטעלע אַריין. סיי מיטן קאַסטן האַוואַנער ציגאַרן, דעם גאָלדענעם שווערן פּאָרט־סיגאַר און, דער

עיקר, מיט די ברילִיאַנטענע רינגען, וועלכע ער האָט אויסבאַהאַלטן פון די באָלשעוויקעס!

דער קאָמענדאַנט איז זיך געזעסן אין זיין באַקוועמען פאָטעל, אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער פון דריטן שטאָק איבער די ברוינלעכע דעכער און גרינע ביימער־קרוינען פון דער פּרעמדער שטאָט. געלאָזט גראַנאַטלעכע רויך־באַלאָנען פון א „האוואַנע" און פאַרגעזעצט זיינע רעיונות.

— — יאָ, דער יודע האָט רעכט, נישט אים דאַרף מען באַשטימען פאַרן אַבמאַן. מע דאַרף אויסברייטערן דעם יודען־ראַט, אַריינזעצן אין אים אויך פּערזאָנען פּאָפּולערע צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. מען דאַרף באַשטימען דעם אַדוואָקאַט פאַרן אָבמאַן.

זיי וועט די באַפעלקערונג גלויבן.

* * *

דער אַדוואָקאַט גאָסקי איז געזעסן אין פאָטעל ביים שרייב־טיש אין זיין קאַבינעט. אויפן טיש האָט געלויכטן א גרינער לאָמפּ און געוואָרפן א מילדע שיין אויף די פּליושענע פאָטעלן, פאַנאַנ־דערגעוואַקסענע גרינע פיגוסן, ברייטן, פולן ביכער־שראַנק און אויף די בילדער אין טונקעלע, גאָלדענע ראַמען...

אין קאַבינעט האָט זיך גאָרנישט געביטן. נאָר אויפן פאָטעל זיצט שוין נישט מער דער אַמאָליקער גאָסקי. עס זיצט א פאַר־גרויטער ייד, וואָס אויף זיינע פּליִיצעס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן א ריזיקע, דריקנדיקע לאַסט — דער שטאָטקאָמענדאַנט, גריזע־, האָט אים, דעם פריערדיקן יידישן לאַוניק אין שטאָטראַט, נאָ־מינירט אַלס פאַראַנטוואָרטלעכן פאַרן יודען־ראַט.

א קליין נאַכטפלאַטערל ווירבלט אין גרינעם אַבאַזשור, שלאָגט אָן מיט די פליגעלעך און צעהייצטן לעמפּל, פאַלט אַראָפּ צום אַבאַ־זשור, דערנענטערט זיך ווידער אַמאָל מיט די לעצטע כחות צום ליכט פון לעמפּל און פאַלט אַראָפּ א פאַרברענטס אויפן שרייב־טיש. דער אַדוואָקאַט קוקט אויף דעם קליינעם טויטן פלאַטערל — אין אַזא שפּעטער צייט, סוף אָסיען — א פלאַטערל? לויפט דורך א געדאַנק אין זיין פאַרמאַטערטן מוח. א גרינגן טויט האָט עס געהאַט, דאָס פלאַטערל. עס איז געלאָפן צום ליכט, האָט זיך פאַר־ברענט די פליגעלעך — און אָט ליגט עס שוין טויט אויפן שרייב־טיש.

יאָ, דאָס פלאַטערל האָט געזוכט א וועג צום ליכט, און עס האָט זיך אָפּגעבריט, ווייל עס האָט אָנגענומען דאָס ליכט פון דעם

עלעקטרישן לעמפל פאר זונשיין, פאר טאג־ליכט. צי זיינען מיר נישט אלע, אזוי ווי דאס פלאטערל? — האט א טראכט געטאן דער אדוואקאט — ברענען מיר דען נישט אויפן פייער פון אונזערע ליכט־אילוזיעס? זיינען דען נישט גאנצע פעלקער אט ווי דאס דאזיקע פלאטערל?

דער אדוואקאט זיצט אין זיין פאטעל און טראכט:

— וויפיל איז דער שיעור? ווי לאנג קאן מען נאך?...

— — — היינט זיינען בעת דער ארבעט זיבן מענטשן אומגעקומען. דער אלטער סאלאוויטשיק איז אוועקגעפאלן אונטערן שווערן זאק — האבן אים זיינע צוויי זין געפרווט העלפן. א יונגער ס. ס.־וועכטער האט זיי אלע דערשאסן;

גלאבמאן איז געפאלן חלשות אונטער די שווערע קאסטנס געצייג, האט אים א דייטשישער זעלנער אנידערגעלייגט אויף די באן־רעלסן הארט פארן אנקומען פון דעם צוג:

— זאל ער זיך „אבמינטערן” — האט א לאך געטאן דער זעלנער;

דער לערער בירנבוים האט זיך אוועקגעזעצט אין מיטן בריק איבערכאפן דעם אטעם, — ס'האט אים אנגעהויבן שווינדלען אין די אויגן אין מיטן שלעפן די שווערע, אייזערנע שינעס — האט אים א פוילישער „פאלקס־דויטשער” אויפזעער אין ניעמאן אראפגעשטופט...

יא... און נאך און נאך...

נעכטן האבן די דייטשישע אפיצירן זיך לוסטיק געמאכט אין קאפעהויז „ראיאל”. ס'האט געשפילט מוזיק, פריילעך געקלונגען האבן גלעזער וויין.

האט מען צוואנציק יידישע מיידלעך אין קאפע געבראכט — אראפגעריסן פון זיי די קליידער, געהייסן זיי טאנצן אין אונטערוועש, געהייסן די פאלן וואשן, דאן זיך אנטאן און די שמוציקע פאמאיעס זיך אויף די קעפ ארויפגיסן. א היפשע צייט האט מען זיך איבער זיי איזדיעקעוועט און שפעטער — צעמזיתטע, האלבנאקעטע פון קאפעהויז ארויסגעווארפן.

אין מח פון אדוואקאט גאסקי האבן זיך ווייטער געצאפלט בילדער פון טאג: אט לויפט צמח א נאקעטער דורך דער גאס און נאך אים א לאסט־אויטא פון געסטאפא. ער לויפט מיט די לעצטע כחות צו דעם ביורא פון יודען־ראט. א מינדסטער שפרונג אין א זייט — איז טויט. דער בחור לויפט, און פון זיינע צעווונדיקטע פיס גיסט זיך בלוט אויף די שפיציקע ברוק־שטיינער. אט איז

שוין דער יודענראט. די מאַשין גיט שנעלער אַ יאָג — פאַרן יודענראַט ליגט אַ בלוטיקע מאַסע.

יאָ, דאָס איז די טאָג־טעגלעכקייט. יעדן טאָג — נייע באַפעלן. געלט, וואַליוטע, גאָלד, צירונג, קופּער. אויב נישט — טויט.

עס שווינדלט פאַר די אויגן די געלע לאַטע: היינט — אויפן האַרצן, מאָרגן — אויפן רוקן, איבערמאָרגן — אויפן אָרבל — אויפן האַרצן און אויפן רוקן — אויפן אָרבל און אויפן האַרצן, און ווידער גאָר אויפן האַרצן. ס'איז נישט קיין משוגעת, וואָס מען דאַרף אויספירן. ס'איז אַ סיסטעם, וואָס דאַרף משוגע מאַכן — — —

דער פאַרגרוויטער ייִד אין פּאַטעל קוקט ווידער אויפן טויטן פּלאַטערל. אַ פאַרמאַטערטער געדאַנק טויכט אויף אין זיין באַוווסטזיין:

און אפשר אַ סוף מאַכן?... וויפיל איז דער שיעור?...

אָבער זיי? זיי אַלע, וועלכע לויפן צו אים נאָך הילף, נאָך עצות?... וואָס וועט מיט זיי זיין?...

— — — איז וואָס קאָן איך זיי העלפן? צי בין איך מער ווי אַן אויספירער פון דעם שונאס באַפעלן? און אפשר... העלף איך גאָר דעם שונא?! — — —

— — — און די באַקאַנטשאַפטן? די פאַרבינדונגען מיט נישט־יידישע פריינט? די עטלעכע אויסבאַהאַלטענע ביי קריסטן? די פּאָר געראַטעוועטע. — דאָס האָט ער דאָך זיי געראַטעוועט... און איצט, דער נייער באַפעל וועגן געטאָ פון מאָרגן אָן?

— אַוועקגיין פון זיי איצט אין שווערן נסיון?...

— אפשר וועט מען דאָך קאָנען דורכלעבן דאָס גיהינום? אפשר וועט פאָרט די גאולה קומען? אפשר וועט ווידער ליכטיק ווערן?...

— — — נאָר ווי וועט מען עס קאָנען לעבן נאָך דעם אַלעמען? ווי וועט מען קאָנען צוריק זיין אַ מענטש מיט אַלע גלייך?

— — — מע וועט קאָנען! מע וועט דערלעבן די נקמה! מע וועט דערלעבן די פרייהייט! מע וועט ווידער זיין אַ מענטש צו מענטשן גלייך!

מע וועט...

אין פּאַטעל ביים שרייב־טיש אין דער מילדער שיין פון גריינעם לאָמפּ שלאָפט דער פאַרגרוויטער אַדוואָקאַט גאָסקי. אַרום אים ווײַנען שטיל די ווענט, דער ביכער־שראַנק, די פּלושענע פאָטעלן... פאַר אים שאָטנט זיך די משונהדיקע סילועטקע פון געטאָ.

אין וואַלד

בערל טשערעשקע ליגט אין אַ קופּע בלעטער ביים ברעג פון דער פּאָליאַנע. לעבן אים — זיין אויטאָמאַט, איבער זיין קאָפּ — אַ טשאַטע קראָען, הינטער זיין רוקן — די פּאַרטיזאַנער זעמליאַנקעס. אין זיין קאָפּ קראַקען די גערצאַנקען, ווי די קראָען פינצטערע און יעסיענדיקע. בערל האַלט די וואָך און קלערט וועגן די משונהדיקע געשעענישן פון די לעצטע מאָנאַטן. אָט שטייט פאַר זיינע אויגן די ערשטע נאַכט, ווען די מיליץ איז אַרויס אויף די פּאָזיציעס, עס לויפט אָן קאַפּיטאַן קרעסטנאָי און באַפעלט זיי צו צעטיילן זיך אויף קליינע גרופּקעס און זיך אַדורכריסן דורכן וואַלד אויפן מזרח, ווייל דער שונא איז שוין הינטער דער שטאָט. אַלע טרעפן זיך הינטער סאַרעטש, אין דער טיפעניש פון וואַלד אויפן אָפּגערעדטן פּלאַץ.

אַלע, חוץ די דריי גרופּקעס, וועלכע זיינען נישט דערגאַנגען. צווישן זיי — צוויי ברידער טשערעשקעס, אַבראַהמל און חיים. זיי גראָבן זיך אַריין אין דער פייכטער ערד פאַרן יאָר, פאַרמאַסקירן די זעמליאַנקעס מיט מאָך און בלעטער. איגנאַץ, יערמילאָוו, וויטעק און משהל טשערעשקע ברענגען דעם ערשטן טראַנספּאָרט פּראָדוקטן פון האַרף קרוזאַני. דאָס איז די ערשטע „זאַגאָטאָווקע". און אָט גייען זיי אויף דער ערשטער „זאַדאַטשע" — אויפן דרוזגיעניקער שאָסיי. ער, בערל, צוזאַמען מיט ניין חברים אונטער דער אָנפירונג פון סערזשאַנט יערמילאָוו.

ס'איז אַ פינצטערע נאַכט. עס שפּריצט אַן אָסיענדיק רעגנדל. ביים פאַרבייג פון שאָסיי האָבן די חברה איבערגעזעגן אַ בוים. צו זיין שטאַם האָט מען אָנגעבונדן שטריק און אַליין זיך אויסגעלייגט ביי דער זייט פון דעם שאָסיי. ווען מען דערהערן דריי מאָל קראַקען פון דער „אויסשפּירוואַראָנע" — שפּאַנט מען זיך איין אין די שטריק און מען שלעפּט דעם בוים געשווינד איבער דער ברייט פון שאָסיי.

שטיל. פון דערווייטן הערט מען דאָס זשוזשען פון מאָטאָרן. זיי דערנענטערן זיך. אָבער פון אויסשפּיר קומט קיין שום צייכן נישט. מע פּרעסט זיך איין אין דער ערד. עס גייען דורך עטלעכע

שווערע מאשינען. אָט הערט מען אַ מאָטאָרן־רויש פון דער צווייטער זייט. דער אויסשפּיר שווייגט. ווידער אַ סך מאשינען. פּלוצלינג אַ שטיל. אָבער דייטלעך קראַקען. מע שפּאַנט זיך שנעל איין אין דעם בוים. אַ צי — די „זאַוואַלע" איז פאַרטיק, די אויטאָמאַטן — גרייט. ס'גייט צו אַ מאַשין. ס'טוט אַ קריץ די ברעמזן. עס שפּרינגט אַרויס אַ דייטש.

— באַך! —

ס'קנאַלען אַדורך עטלעכע אויטאָמאַטן־זאַלפּן. די חברה פאַלן צו צו דער מאשין. יערמילאָוו דערלאַנגט צוויי סעריעס אין דער בורע. עטלעכע דייטשן קאָרטשען זיך אין לעצטע ווייען. צוויי קוילן־וואַרפער, דריי קאַסטנס מיט קוילן, אויטאָמאַטן, שיך, קאָנסערוון, סוכאַרעס, אַ פּאַקעט דאָקומענטן.

דער קאַפּיטאַן איז צופרידן. נאָך מער פון פּאַקעט דאָקומענטן, ווי פון דעם געווער.

און אָט — די ערשטע „זשעלעזקע".

נאָך אַ גענויעם אויסשפּיר האָט דער קאַפּיטאַן אויסגעאַרבעט אַ פּינקטלעכן פּלאַן. מע גייט אַרויס ווי נאָר עס פאַרגייט די זון. פאַראויס איינגאַנץ דער אויסשפּירער. אָט איז שוין דער אָטריאַד אויפן אָרט... די באַן־ליניע גייט איבער אַ הויכן וואַלד־בערגל, יערמילאָוו, סטאַך און יאַנקל טשערעשקע קלעטערן אַרויף צום וואַלד. דאָס קעסטל דינאַמיט ווערט איינגעגראָבן אונטער אַ שינע. סטאַך פאַרציט אַ דראָט ביז צו אַ פעלדז, וועלכער געפינט זיך הונדערט מעטער פון וואַלד. הינטער דעם פעלדז ליגט זיך אַוועק יערמילאָוו.

איינגאַנץ זיצט אויף אַ נוסבוים. פון דאָרטן — אַ שיין פון אַ באַטעריע, און יערמילאָוו וועט אַ ריס טאָן דעם דראָט. די חברה פאַרנעמען פּאָזיציעס עטלעכע מעטער איינער פון צווייטן. מע זיצט און מען וואַרט. ס'איז שוין נאָך איינס, דער צוג וואָלט שוין פון לאַנג באַדאַרפט זיין. די חברה איז אומגעדולדיק — וואָס איז געשען מיט דעם צוג? ענדלעך האָט זיך דערהערט דאָס געזאַנג פון דער באַן, וועלכן עס האָבן ריטמיש אויסגעקלאַפּט די רעדער:

— נקמה — נקמה — נקמה!

איבער די ברייטסטע שטרעקעס האָט דאָס דאָזיקע געזאַנג אָפּגעהילכט:

— נקמה! נקמה! — נקמה!

און — אַ דונער, — הימל און ערד אין פלאַמען. שטיקער וואַגאָנעס — מענטשלעכע געשרייען.

אנקע האָט אַזש אַ קוויטשע געטאָן פון פרייד. אַלעמען האָט אַרומגעכאַפּט אַ געפיל פון גליק. בלויז יערמילאָוו איז געבליבן קאַלט, און מיט אַ געוויינלעכער שטים אַרויסגעגעבן דעם באַפעל:

— אָפּטרעטן! — — —

בערל ליגט צווישן אַ קופּע בלעטער, וואַכט און טראַכט. נישט בלויז וועגן „זאַסאַדעס" און „זשעלעזקעס"... ס'טראַכט זיך אים וועגן כייטשעון, וועגן דער מאַמען, וועגן די שווערע ידיעות פון דער היים, וועגן דעם גיהינום אין שטאָט — און דער „יורזיקע".

ווי העלפט מען זיי? וואָס טוט מען?

עס קראַקען די קראָען, עס קראַקען די געדאַנקען. חיימס יינגעלע, מאַטעלע, — ווו איז ער איצטער?

און די מוטער? ווי וועט זי איבערטראָגן דעם טויט פון אירע צוויי זין?

אויך אויפן פראָנט איז נישט פרייליך. דער שונא שטייט ביי לענינגראַד, דערנענטערט זיך צו מאָסקווע.

נאָר ניין! מאָסקווע וועט דעם שונאס פוס נישט איבערטרעטן. דאָרט איז סטאַלין.

אין געטאָ

מאַריע איז געשטאַנען אין טיר פון ליטוואַקס דירה און האָט מכבד געווען מיט איר לשון דעם דיקן נגיד, וועלכער האָט נאָך נגידיוועט אפילו אין געטאָ. ער האָט נאָך געהאַט א רעזערווע גאָלד, און די געסטאַפּאָ האָט אים דערווייל געלאָזט זיך אויסקויפן. אויף צוואַנג־אַרבעט איז דער נגיד נישט געגאַנגען, ער האָט נאָך געגעסן צו דער צייט און זיך געפירט אויפן אַלטן שטייגער. דער נגיד איז געזעסן מיט זיין ווייב אין א צימער פאַר זיך אליין.

ער הערט זיך רואיק צו צו מאַריעס רייד און ענטפערט סטאַטעטשנע.

— מער וועל איך נישט געבן. איך קאָן קוים זיך אליין העלפן.

— וואַרעמסט דיינע געדערעם און זאָגסט זיך אָפּ העלפן דיין ברודערס קינדער! זיי גייען אויס פון הונגער, זיי פרירן אויפן פראָסט, און דו פעטער! האָ?

— ביסטו, מאַריע, דען דער יודען־ראַט? וואָס מישטו זיך אין קהלישע געשעפטן? היינט דאַרף יעדער דאגהן פאַר זיך!

— הער נאַר, דו! הכם פון מה נשתנה! מאַריע ווייסט אַלץ. מאַריע ווייסט אפילו, אז ביי דיין בריטשקאַזש וולאַצלאַוו ליגט נאָך עפעס פון דייניקע...

דער נגיד שפרינגט־אויף פון פאָטעל, זיין פּנים ווערט ווייס, רויט און ווידער אַמאָל ווייס.

— שרייט נישט אַזוי, מאַריע! — בעט זיך דער נגיד. — ווויפיל זאָל איך געבן פאַר יאָסלס קינדער?

* * *

אין ביוראָ פון יודען־ראַט שטייען: גאָסקי, יערסקי, ליטוואַק און דער לערער לאַנדער. פאַר זיי זיצט א הויכער ס. ס.־אָפיציר. די גלאַנציקע שטיוועלעך פאַרלייגט איינס אויפן צווייטן. די הענט — אין ברוינע לעדערנע הענטשקעס — בויגן א באַמבוס־שפּיץ־רוט, דער טויטן־שאַרבן גלאַנצט אַראָפּ פון די רימענס, פון דעם היטל. דער ס. ס.־אָפיציר רעדט קאַלט, אָבער העפלעך:

— די שניידער־וואַרשטאַטן גיבן נישט גענוג פּראָדוקציע. מיר פֿאָדערן אומבאַדינגט העכערן די פּראָדוקציע אויף 37 פּראָצענט. דאָס מוז פֿון מאָרגן אָן דורכגעפֿירט ווערן. אויב עס וועט נישט פּינקטלעך רעאַליזירט ווערן, וועלן מיר דאָס באַטראַכטן, ווי אַ סאַבאָטאַזש־אַקט. אין דער נייער אָרדענונג האָט דער דאָס רעכט צו לעבן, וואָס ער אַרבעט! פֿאַרשטאַנען, הערן יודען־ראַט־מענער?

— פֿאַרשטאַנען, הער אָבער־ליטענאַנט!

— אפֿשר האָט איר נאָך פֿראַגן, הערן יודען־ראַט־מענער?

אַ ווײַלע איז געווען זייער שטיל. מיט פֿאַרוווּנדערונג האָבן די יידן געקוקט איינער אויפֿן צווייטן. דאָס האָט נאָך נישט געטראָפֿן, אַז אַן ס. ס.־אָפֿיציר זאָל זיי דערלויבן שטעלן פֿראַגן. די האָפֿלעכקייט האָט אַ סך מער באַאומרואיקט, ווי אַ זידלוואָרט און אַפֿילו אַ שמיץ מיט דער שפּיצרוט. דאָס איז געווען ניי, און די דערפֿאַרונג האָט באַוויזן, אַז יעדע נייעס ביים דייטש איז אַ נייע רעפּרעסיע.

די יידן האָבן געקוקט איינער אויפֿן צווייטן. פּלוצלינג האָט יערסקי, אַ הויכער, ברייטביינעקער ייד, מיט שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, שוואַרצע גלאַנציקע האָר און קורצע וואָנצעלעך, דער פֿאַראַנטוואָרטלעכער פֿאַר דער געטאָ־פּראָדוקציע, באַשלאָסן צו ריזיקירן און האָט דער ערשטער זיך צום אָפֿיציר געווענדעט:

— הער אָבער־ליטענאַנט! צי איז נישט מעגלעך אַריינפֿירן אין די וואַרשטאַטן עטלעכע עלעקטרישע מאָטאָרן?

דער ס. ס.־אָפֿיציר האָט אַ רגע אָנגעקוקט יערסקין און די אַרומיקע. ער האָט קענטיק הנאה געהאַט פֿון זייער פֿיינלעכן, אָנגעשטרענגטן וואַרטן.

— די 37 פּראָצענט געהעכערטע פּראָדוקציע ווילן מיר אַרויסבאַקומען דורך פֿאַרגרעסערן די שפּאַנונג פֿון דער מענטשן־קראַפֿט, פֿון דער אינערלעכער געטאָ־ענערגיע. אויב מיר וועלן האַלטן פֿאַר נויטיק אויך צוגעבן עלעקטרישע ענערגיע, וועלן מיר עס טאָן, הער ראַטמאַן!

דער דייטש האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון זיין אָרט, העפֿלעך אויסגערופֿן „הייל היטלער” און, נישט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפֿער, פֿאַרלאָזט דאָס ביוראָ פֿון דעם יודען־ראַט. אין דער טיר שוין האָט ער אַ זאָג געטאָן צו די יידן:

— איך מאַך אייך פּערזענלעך פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַרן דורכפֿירן די דירעקטיוון, הערן ראַט־מענער!

דער אָבמאַן גאָסקי האָט געשיקט דעם שמש צונויפֿרופֿן די איבעריקע מיטגלידער פֿון יודען־ראַט אויף אַ ספּעציעלער באַראַ־

טונג. פון די אַנדערע צימערן זייַנען גלייַך אַרייַן עטלעכע יודען־האַט־מענער: דער שעף פון דער יידישער פּאָליציי — רובין, די פאַרבינדעטע מיט דער יידישער אָפּטיילונג ביי דער געסטאַפּאָ — שולק און באַסין.

ווען אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום דעם לאַנגן טיש, האָט גאַסקי, דער אָבמאַן, אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון וועגן די נייַע דירעקטיוון. אַלע האָבן אויסגעהערט דעם קורצן באַריכט, און יעדער האָט זיך באַזונדער אין זיך פאַרטראַכט. דער ערשטער האָט גענומען דאָס וואָרט דער נגיד, ליטוואַק.

— אַז די געסטאַפּאָ באַפעלט, מוז מען אויספירן. מען דאַרף תיכף איבערגעבן דעם באַפעל אין די וואַרשטאַטן. זאָלן זיי אַרבעטן נאָך דריי שעה, אָדער פאַרשנעלערן דעם טעמפּאָ אויף אַן אַנדערן אופן. מיר קאָנען נישט אויסשטעלן דאָס געטאָ אויף אַ טויט־געפאַר, מען מוז צווינגען די אַרבעטער אַרויסצוגעבן מער פּראָדוקציע!

נאָכן נגיד האָט גערעדט דער פּאָליציי־שעף.

— באַפעל איז באַפעל! מען דאַרף פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע פון יעדן אַרבעטער אויף 37 פּראָצענט און מאַכן יעדן פערזענלעך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייַן אַרבעט. מען מוז פאַרשטאַרקן די קאָנטראָלן אין די וואַרשטאַטן.

דער „פאַרבינדונגס־מאַן” שולק האָט דערקלערט:

— די גזירה איז געקומען נישט צופעליק. לעצטנס האָט זיך געפילט אַן אָפּשוואַכונג אין דער אַרבעט. מען זאָגט, אַז צווישן די אַרבעטער ווערט דורך אומפאַראַנטוואָרטלעכע עלעמענטן געפירט אַ פּראָפּאַגאַנדע צו סאַבאָטירן די פּראָדוקציע. דאָס שטעלט אין סכנה דאָס געטאָ. איך פאָדער שאַרפע מיטלען קעגן דער דאָזיקער פּראָפּאַגאַנדע.

יערסקי איז אויפגעשפרונגען פון זייַן אָרט:

— איר רעדט אַזוי, ווי איר וואָלט אין געטאָ נישט געווען. צי ווייסט איר נישט, אַז די אַרבעטער הונגערן? צי ווייסט איר נישט, אַז די כחות לאָזן זיך ביי זיי אויס? ווי קאָן מען פון זיי פאָדערן נאָך מער?

שולק האָט איבערגעריסן יערסקיס רייד.

— איך ווייס אויך, אַז די מענטשן הונגערן. דאַרף מען פּרווון קויפן ביים געסטאַפּאָ־שעף אַ רעכט אויף אַרייַנצופירן מער פּראָוויאַנט. צו דעם איז נויטיק אַ גרעסערע סומע געלט. אָבער מיר קאָנען נישט אַרויסשטעלן דאָס געטאָ אויף דאָס גרעסטע געפאַר

צוליב די אָפּגעשוואַכטע אַרבעטער. לאָמיר די שוואַכערע און קראַנ־קע איבערשיקן אין שפּיטאָל!

דער לערער לאַנדער האָט אַ געשריי־געטאָן צו שולקן:

— ווייסט איר דען נישט, אַז שפּיטאָל הייסט טויט?

דער נגיד ליטוואַק האָט זיך אַ שאַר געטאָן אויף זיין שטול.

— איר זאָגט קויפן — און פון וואַנען וועלן מיר נעמען געלט אויף צו קויפן כסדר אַלץ נייע רעכט ביי דער געסטאַפּאָ?

ס'איז אויסגעבראָכן אַ טומל. די יודען־ראַט־מענער זיינען כמעט געשפּרונגען איינער דעם צווייטן אין פּנים. דער אָבמאַן גאָסקי האָט אַ זעץ־געטאָן אין טיש. ס'איז געוואָרן רואיק.

— ביז איצט האָב איך זיך אין דער דיסקוסיע נישט באַ־טייליקט. איך האָב געטראַכט וועגן אייערע פאָרשלאַגן. אַזוי איז ביטער, און אַזוי איז שלעכט. מיר האָבן אָבער נישט קיין ברירה. איך לייג פאָר דעם פאָלגנדיקן פאָרשלאַג צום אָפּשטימען:

מיר וועלן מאָביליזירן די נויטיקע סומע ביי די פאַרמעגלעכע מענטשן אין געטאָ. מיר וועלן פּרוון צו קויפן וואָס מער פּראָ־וויאַנט און רעכט צו באַשעפטיקן אַ גרעסערע צאָל שניידער אין די וואַרשטאַטן אויף אונדזער חשבון, מיר וועלן רופן די פאַראַנט־וואָרטלעכע פאַר די וואַרשטאַטן און זיי דערקלערן, אַז די עקזיס־טענץ פון געטאָ איז אָפּהענגיק פון זיי. זאָלן זיי אונדז עצות געבן, ווי גובר צו זיין די גזירה.

ליטוואַק האָט געבעטן דאָס וואָרט. ער האָט גערעדט מיט אַן אויפגערעגטן טאָן. ער האָט זיך אַזש באַגאָסן מיט שווייס.

— פריינט גאָסקי! איר לייגט אַרויף אַ צו גרויסע לאַסט אויף די פּלייצעס פון די פאַרמעגלעכע יידן. אונדזערע רעזערוון שעפּן זיך אויס. גאָלד, הייסט היינט צו טאָג לעבן! איר נעמט ביי אונדז אַוועק אונדזער לעצטע האָפענונג אויף לעבן. די אָרעמע לייט, די שניידער, וועלן במילא נישט אויסהאַלטן. שפּעטער צי פריער, וועלן זיי זיך אויסשעפּן. און אפשר וואָלט זיי געווען גרינגער, ווען עס פּאַסירט גיכער... איר מאַכט ביי אונדז אַ קאָמונע, הער אַדוואָקאַט. ס'איז אָבער אַ קאָמונע, וואָס פירט צום טויט. בעסער זאָל זיך ראַטעווען אַ טייל, איידער קיינער נישט!

האָט זיך אַ הויב געטאָן יערסקי. ער האָט גערעדט דייטלעך מיט אַ פעסטער שטים, וועלכע האָט זיך קוים אַריינגעפּאַסט אין די ענגע געטאָ־ווענט. דער „מגן־דוד" אויף דער געלער לאַטע האָט זיך געהויבן און געפאַלן אויף זיין מעכטיקער ברוסט.

— פריינט ליטוואַק, הערט מיך אויס! איר לעבט נאָך אַלץ

מיט אייערע אמאָליקע געהאַנקען. און ס׳האָט זיך דאָך עפּעס געענדערט. היינט זיינען מיר דאָך אַלע פאַרשפּאַרט אין געטאָ אין דער „יורזיקע״. דער פראָנט איז ווייט, און דער טויט איז נאָענט. אייער ביסל באַהאַלטן גאָלד וועט דער דייטש במילא צונעמען. מיט גוטן צי מיט שלעכטן, ס׳איז אין זיינע הענט. איר וועט זיך אַזוי לאַנג אויסקויפן פון אינקוויזיציע ביז איר וועט שוין נישט האָבן מיט וואָס זיך אויסצוקויפן, און האַן... וועט קומען אייער סוף. שפּעטער, צי פריער! איז אפשר וואָלט אייך געווען גרינגער, ווען ער קומט פריער? אָבער ניין! איר ווילט קויפן יעדע מינוט פון לעבן, ווייל יעדער האָפט און וואַרט אויף אַ נס. אויך די שנייַדערס וואַרטן אויף אַ נס. זייטזשע נישט דער פּוסק אַחרון. מיר ליידן, אַלע, ווייל דער שונא ישראל הערשט. מיר אַלע זיינען יידן, און דער המן דאַרף אונדזער טויט. אין קבר וועט איר אייער גאָלד נישט מיטנעמען!

— איך האָב די זעלבע ווערטער געהערט פריער פון מאַריען, די הינער־פּעדערקופּניצע, הער יערסקי! — האָט מיט כעס איבערגעריסן ליטוואַק.

— מיינע הערן, איך שטעל מיין פאַרשלאַג צו אָפּשטימונג! — האָט אויסגערופן גאָסקי.

ס׳האָבן זיך געהויבן הענט. דער פאַרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן.

* * *

אין צימער זיינען פאַרבליבן דריי ראַטמענער: גאָסקי, יערסקי און לאַנדער. דער לערער לאַנדער האָט אָנגעהויבן אַ שמועס, וועלכער האָט געקלונגען גאָר אַנדערש, ווי ביז איצט:

— פון לאַנד קומען אָן מוראדיקע ידיעות. מען דערציילט וועגן מאַסןהריגות אין וואַרשע, ריגע און ווילנע. מען זאָגט, אַז דייטשן מאַכן זייף און ליכט פון די טויטע קערפּערס. מע זאָגט, אַז מען גרייט צו אַ מאָרד פאַר מיליאָנען מענטשן.

פון דער אַנדערער זייט, גיט מען איבער וועגן ערנסטע מפּלות פון די דייטשן אויפן רוסישן פראָנט. מע זאָגט, אַז די נאַציִשע אַרמיי איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן הונדערטער קילאָמעטער פון מאָסקווע. אויך אין אונדזער געגנט שטייט אויף אַ פּאַרטיזאַנישע מאַסן־באַוועגונג. מען רעדט וועגן אָרגאַניזירטן סאַבאָטאַזש. און מיר, מיר זוכן וועגן, ווי אַזוי צו הויבן די פּראָדוקציע!

לאַנדער איז אַנטשוויגן געוואָרן. גאָסקי און יערסקי האָבן זיך צוגעהערט צו זיינע רייד מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם.

— וואָס שלאָגט איר פאָר? — האָט שטיל אַ פרעג געטאָן יערסקי.

— מיר דאַרפן ראַטעווען וועמען עס לאָזט זיך! — האָט פאַרגעזעצט לאַנדער, — נישט העכערן די פּראָדוקציע פאַר אונ־חזירע תּליינים, נאָר צוגרייטן פאַלשע דאָקומענטן אויף קריסטלעכע נעמען פאַר די יונגע און קאַמפּספעיקע יידן. מיר דאַרפן זיי העלפן אַריבערצולויפן אויף יענער זייט געטאָ, אין דער שטאָט און צו די פּאַרטיזאַנער. מיר זיינען נישט אַליין. ס'זיינען דאָ קריסטן, וועלכע וועלן אונדז העלפן. מיר דאַרפן גראָבן מאַלינעס, שאַפן אַ בעסערע פאַרבינדונג מיט דער שטאָט, אויף אַ נישט־לעגאַלן אופן אַריינפירן מער שפּייז — שאַפן אַ קאָרידאָר צו דער וועלט!

יערסקי און גאָסקי זיינען געזעסן טיף פאַרטראַכט. דער ערשטער האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ יערסקי.

— לאַנדער, איר זייט גערעכט. מען מוז עפּעס טאָן!

ער האָט אַ דריק געטאָן לאַנדערס האַנט מיט ביידע הענט, אַזש די ביינער האָבן אַ קנאַק געטאָן. ס'האָט זיך אַ הויב געטאָן גאָסקי. אויף זיין פּנים האָט געבליט אַ ברייטער שמייכל.

— לאַנדער, דער טויט איז שרעקלעך, אויב מען טוט קעגן אים גאָרנישט. די קנעכטשאַפט איז שרעקלעך, ווען זי ווערט אַ טייל פון דעם שקלאַפס נאַטור. נאָך דער עקלהאַפטער דעבאַטע פון יודענראַט האָט איר מיר אַ נייע נשמה אַריינגעגעבן. מען דאַרף זיך ערנסט פאַרטראַכטן, ווי און וואָס טאָן.

די דריי יודענראַט־מענער האָבן פאַרלאָזט דאָס צימער.

גאָסקי איז געגאַנגען לאַנגזאַם דורכן גרויסן אַרומגעמויערטן הויף. אַמאָל איז דאָ געווען די שול פון דער רעליגיעזער אָרגאַניזאַציע — „יבנה". בשעת די הפסקות צווישן די לעקציעס האָבן קינדער אין היטעלעך און יאַרמולקעס אַרומגעשפּרונגען איבערן הויף און אָפט אַרויסגעלאָפן אין גאַס דורכן טויער, וואָס איז איינגעמויערט אונטער די וווינונגען. זיי פלעגן דערלויפן ביז דער דאָמיניקאַנער, ביזן גרויסן קלויסטער און אפילו ווייטער.

היינט איז אין טויער די וואַך פון געסטאַפּאָ און לעבן איר, אינעווייניק אין הויף, די יידישע פּאָליציי־קאָמענדאַנטור. איבער איר — די ביוראָען פון יודענראַט, עטוואָס ווייטער — וווינונגען, פערד־שטאַלן, אַ שמאָלער דורכגאַנג צו צאַרטקעס געסל, צו דער „יורזיקע" און „טראַיצע".

דער גאַנצער בלאָק פון פינצטערע איינגעשרומפּענע געסלעך — איז דאָס געטאָ. —

אַרום דעם אַלעמען ציט זיך אַ הויכער פּאַרקאַן, אַ שטעכל־

דראַטפּאַרצוימונג, וועלכע טײלט אָפּ דאָס געטאָ פון דעם גרויסן קאַשציאַל־הויף, פון דאָמיניקאַנער, זאַמקאָווע — וויכטיקע, אַרישע גאַסן — און פון די אַרעמקײט־קוואַרטאַלן: „אָסיעדליע", „קאַלאַ־זשע".

לאַנגזאַם איז גאָסקי געגאַנגען דורך דער טיפעניש פון געטאָ צו זײַן צימערל אויף „טראָיצע", פון צײַט צו צײַט אָפּגעענטפערט עמעצן אַ „גוט מאָרגן" און געטראַכט וועגן לאַנדערס פּלאַן.

* * *

דער פּאָטער וואַלערי איז געזעסן אין זײַן סוויעטליצע איבער דער ביבל. ער איז ערשט, מיט אַ קנאַפּער שעה צוריק געקומען פון דער זונטיקדיקער תּפילה און האָט איצט מיט מידע אויגן געוואַנדערט איבער די פאַרגעלטע זײַטלעך פון דעם אַלטן ספר. דער פּאָטער האָט זיך געפילט פאַרמאַטערט, ווי הינטער אים וואָלט געשטאַנען אַ שווערער טאָג אַרבעט. גרינג איז עס נישט געווען צוקוקן זיך צו די אויסגעדאַרטע פּנימער פון זײַנע גלויביקע, צו זייערע שאַרפע אויגן און פאַרביסענע מײַלער. ס'האָט פון זיי געווייעט מיט אומגליק און דערשלאָגנקייט.

— פּאַר אַ שווערן נסיון האָסטו אונדז אַוועקגעשטעלט, הייליקער פּאָטער! — האָט אויסגעזיפצט דער גלח.

פון די מרה־שחורהדיקע געדאַנקען האָט אים אַרויסגעריסן אַ האַסטיקער זעץ אין דער פּלעבאַניע־טיר. דער פּאָטער וואַלערי איז שנעל אַרויסגעלאָפן צום טויער. פאַר אים איז געשטאַנען סטאַסיעק, אַ בלאַסער. זײַנע האָר האָבן זיך געקלעפּט אין קאַלטן שווייס.

—פּאָטער! וויסאָ הוליעט שוין ווידער אויף דער דאָמיניקאַנער!

דער גלח איז שווײַגנדיק אַרויסגעלאָפן מיט סטאַסיעקן. ביים טויער האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן לעבן אַ מענגע מענטשן. דער המון האָט זיך צוגעקוקט צו דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אויף דער גאַס. פאָרגעקומען איז דאָרט אַ גאָר משונהדיקע זאַך.

עטלעכע צענדליק ייִדן האָבן געקניט אויפן פאַרשנייטן ברוק. וואָס זיי האָבן געטאָן האָט דער גלח נישט אַזוי גיך באַנומען. ער האָט בלויז געזען די פונאַנדערגעלאַכטע, כמעט גליקלעכע פּנימער פון די ס. ס.־מענער, וואָס זײַנען געשטאַנען מיט געווײַנלעכע בעלעגלהשע בײַטשן אין די הענט. צווישן זיי — אויך עטלעכע יונגע בוליגאַנעס און, ווי שטענדיק, דער שיכור וואָיציעך. אין עטלעכע רייען האָבן געקניט ייִדן ענג איינער לעבן צווייטן. ווען דער פּאָטער וואַלערי האָט זיך צוגעקוקט אַביסל נענטער, האָט ער צווישן זיי

דערזען דעם אָבמאַן גאָסקי, דעם היגן רבֿ, ר' וועלוועלע, דעם לעדער לאַנדער און נאָך באַקאַנטע.

דער גלח האָט באַמערט, ווי איבערן ברוק פאַלן קליינינקע קייקעלעך שניי. דאָס האָבן די ייִדן, און צוזאַמען מיט זיי, אויך די פון יודען־ראַט, גערייניקט די גאַס פון שניי מיט טיר־לעפעלעך.

דער פּאַטער וואַלערי איז געשטאַנען, ווי צוגעשמידט צו זיין אָרט. לעבן אים האָט שווער געאָטעמט סטאַסיעק. פּלוצלינג האָט זיך דערהערט פון צווישן די קניענדיקע אַ שטילער יאָמער. אַן אָפּהילך פון עטלעכע שווערע קלעפּ פון בייטשן און רעוואָלווערן־פּריקלאַדן. אַ ייִנגל איז אַנידערגעפאַלן אַ פאַרחלשטער אויפן ברוק.

— בלייב אויף דיין אָרט! — האָט אויסגערופן צו סטאַסיעקן דער פּאַטער וואַלערי און האָט זיך אַליין אַדורכגעשטופּט דורכן שווייגנדיקן המון צו דער גאַס, צו די קניענדיקע ייִדן. דער גלח האָט זיך געשווינד אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, אַרויסגענומען דאָס לעפעלע פון דעם ייִנגעלעס פאַרחלשטער האַנט און אָנגעהויבן צו שאַרן דעם שניי. די ווינטערדיקע זון האָט געבליאַסקעט אויף דעם גרויסן, זילבערנעם צלם, וואָס האָט זיך געוויגט אויף דער ברוסט פון דעם גלח, און אָנגעשלאָגן זיך ביי יעדער באַוועגונג, ביי יעדן בויג אין דער פאַרפרוירענעם ברוק. שווייגנדיק האָבן די ייִדן אין די רייען אָנגעקוקט דעם פּאַטער וואַלערי. צעמישט זיינען שטיין געבליבן די דייטשן, וואָציעכס חברה האָבן זיך אָנגעהויבן שאַרן אין אַ זייט.

פּלוצלינג האָט זיך די מענגע מענטשן אַ באַוועג געטאָן אויף די טראָטואַרן, זיך אַ בויג געטאָן און אַנידערגעפאַלן אויף די קני.

אַן אַלטע שטים האָט מיט אַ קלויסטער־ניגון פאַרצויגן:

— אָיטשע נאַש, קטורי יעסטעש וונעביע.

די מענטשן־מאַסע האָט אונטערגעכאַפּט די תּפילה.

מיט פאַרגליווערטע שמייכלען זיינען געשטאַנען די דייטשן.

דעם פּאַטער וואַלערים אויגן האָבן זיך באַגעגנט מיטן בליק פון אַדוואָקאַט גאָסקי. דער קניענדיקער ייִד, דער אָבמאַן, האָט צום פּאַטער וואַלערי געשיקט אַ שמייכל, ווי אַמאָל אין די אַלטע, רואיקע צייטן.

די זון האָט געפינקלט מיט אירע שטראַלן אויף די געלע לאַטעס פון די קניענדיקע ייִדן און באַשיינט דעם גרויסן זילבערנעם צלם, וואָס האָט אַראָפּגעלויכטן פון דעם פּאַטער וואַלערים טונקעלער סוטאַנע, ווי אַ געלע לאַטע.

דער אָבערסט ווייסאַ האָט אַ ברום־געטאָן:

— אופשטיין!

שנעל האָבן זיך אַ הויבן געטאָן די יידן. צוזאַמען מיט זיי איז גלייך אויפגעשטאַנען דער פאָטער וואַלערי. נאָך אים די מענגע קריסטן.

— אַבמאַרש! — האָט באַפוילן וויסאָ, דער געסטאַפאָ־שעף.

די יידן זיינען צוריק געטריבן געוואָרן אין געטאָ.

דער פאָטער וואַלערי האָט מיט אַ לאַנגן בליק באַגלייט די אַפּמאַרשירנדיקע יידן. פיר מענטשן האָבן געשלעפּט אויף די הענט חאַם פאַרחלשטע יינגל. זייערע קעפּ זיינען נישט געווען אָראָפּגעלאָזט. ס. ס.־מענער האָבן פונאַנדערגעטריבן דעם המון. סטאַסיעק איז צוגעלאָפן צום גלח. צוזאַמען זיינען זיי אַוועק מיט לאַנזאַמע טריט אין דער פּלעבאַניע. דעם גאַנצן וועג האָבן זיי געשוויגן. ווען די טויער פון דער פּלעבאַניע האָט זיך הינטער זיי פאַרפּראַלט, האָט סטאַסיעק שטאַרק געדריקט דעם גלחס האַנט. דער פאָטער וואַלערי האָט אים לייכט אָפּגעשטופּט פון זיך און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— מע טאָרף נישט, סטאַסיעק! מיר זיינען אַלע זינדיקע מענטשן!

— פאָטער! — האָט היים אויסגערופן סטאַסיעק — איר זייט זיך באַגאַנגען, ווי אַ הייליקער! די נאַציס וועלן זיך אין אייך נוקם זיין, פאָטער!

— גרוים איז גאָטס גערעכטיקייט, און הייליק איז זיין משפּט! — האָט רואיק אַ זאָג געטאָן דער גלח.

— פאָטער, איר דאַרפט זיך נישט צופיל אַרויסשטעלן! איר קאָנט אַ סך העלפן די געשלאָגענע, נאָר דאַמאָלט, ווען די נאַציס וועלן אויף אייך קיין ספּעציעלן חשד נישט וואַרפן.

דער פאָטער וואַלערי האָט אין סטאַסיעקס טאָן באַמערקט אַ באַזונדערע ערנסטקייט. ער האָט זיך לאַנג צוגעקוקט צו סטאַסיעקן און זיך געוווּנדערט. סטאַסיעק, דאָס קליינע יינגל, וועמען ער קאָן אַ סך יאָרן, איז שוין אַ דערוואַקסענער פעסטער יונג, מיט טיפע, ערנסטע, זייער בלויע אויגן און מיט ווייט נישט קיין קינדערש פּנים. דער גלח האָט זיך אויך געכאַפּט, אַז סטאַסיעק גיט אים, דעם פאָטער וואַלערי, עצות, אַז ער ווייזט אים אָן, ווי אַזוי זיך צו פירן.

— וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגן, סטאַסיעק? — האָט שטיל אַ פרעג געטאָן דער גלח.

— פאָטער, זיי גייען אוים פון הונגער. מען מאַרדעט זיי מאַסנווייז, עס גייען קלאַנגען, אַז ס׳גרייט זיך אויף זיי אַ גרויסע שחיטה. דער יודאַש וואַיציעך באַרימט זיך אָפּט דערמיט!

— ווי אזוי העלפן, סטאַסיעק?

סטאַסיעק האָט דעם פּאָטער שטיל אַריינגעזאָגט אין אויער, אזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט פאַר די וועגט אין דער פּלעבאַניע.

— פּאָטער, עס זיינען דאָ פּאַרטיזאַנער, אונדזערע פון דער „אַסיעדליע". מען דאַרף זיי העלפן זיך ראַטעווען!

דער פּאָטער איז שטיין געבליבן. שווייגנדיק האָט ער געדריקט דעם גרויסן זילבערנעם צלם צו דער ברוסט. ער האָט אָנגעהויבן צו שפּאַנען הין און צוריק, הין און צוריק. מיט אַמאָל האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט פאַר סטאַסיעקן און מיט עפּעס גאָר אַ פעסטער שטים אַ זאָג געטאָן:

— אַז די שלאַנג דערנענטערט זיך צו דיין קינדס וויג — דערשטיק זי! אַז דער מערדער הויבט זיין שווערד איבערן האַלדז פון אַן אומשולדיקן — האַק אָפּ זיין האַנט! — זאָל גאָט זיי העלפן, די קעמפער קעגן שלעכטס. גאָטס קנעכט וועט זיי אויך העלפן מיט וואָס ער וועט נאָר קאָנען.

* * *

אין צימער איז אָנגערויכערט. דער לאָמפּ אויפן טיש שיינט אַרויס פון אַ געדיכטן מאַכאָרקע־רויך. אַרום דעם טיש זיצן עטלע־כע יונגנטלעכע: די צווילינגען, סטאַסיעק, וולאָדעק און סטעפּאַ, אייניקל פון דער „אַסיעדליע", און העלקאַ, וועלכע איז געקו־מען פון דער שטאָט. די מוטער וואַנדאַ וואָלסקאַ קען זי נישט. די מוטער זיצט אין ווינקל און שיילט קאַרטאָפל.

„די שטאָטישע" דערציילט עפּעס שטיל און די „קינדער" שלינגען יעדעס וואָרט, ווי דעם בישאָפּס אַ „קאַזאַניע". זי גיט איבער סטאַסיעקן אַ קאָנווערט. די „קינדער" געזעגנען זיך, וולאָ־דעק נעמט די „שטאָטישע" אונטערן אָרעם, זיי לאַכן זיך עפּעס פונאַנדער.

ווי לאַנג שוין האָט מען אין דער שטוב נישט געלאַכט!

זיי גייען אַרויס. די מוטער פילט, אַז עפּעס איז עס נישט סתם אזוי אין דער וועלט אַ שמועס, עפּעס זיינען די קינדער צו ערנסט, און זייער געלעכטער קלינגט לעבנסלוסטיק און פרייליך. די מוטער רוימט אָפּ פון טיש דאָס אַש פון די פּאַפּיראָסן און קוקט נאָך סטאַסיעקן אין דער פינצטער. זי נעמט אין האַנט דעם לאָמפּ, גייט צו צו דעם אויסגעבליאַקירטן פּאָרטרעטל אויף דער וואַנט און קוקט זיך לאַנג איין אינעם פּנים פון איר מאַן. דאַן בוקט זי זיך פאַרן בילד פון דער הייליקער מאַריע און זאָגט אָפּ אין דער שטיל אַ תּפילה.

* * *

עטלעכע טעג שפעטער האט סטאסיעק אריינגעפירט א וואגן ציגל אינעם הויף פון יודען־ראט. די ציגל האט מען באדארפט צו פארריכטן דעם פערדשטאל. סטאסיעק האט לאנגזאם אראפגענו־מען די ציגל און פארזיכטיק זיך ארומגעקוקט. נאך א קנאפ פערטל שעה האט זיך אין דער נאענט פון שטאל געעפנט א טיר און אויפן הויף איז ארויס א ייד, א הויכער, א שווארץ־האריקער מיט א געלער לאטע אויף דער ברוסט. לאנגזאם האט ער געשפאנט איבערן הויף. דאן האט ער גענומען א ליידיק עמער און צוגע־גאנגען צו סטאסיעקס פערד. דער ייד האט געהויבן דאס ליידיקע עמער צו דעם פערדס מארדע. סטאסיעק האט א פרעג געטאן:

— רעכנסטו, ייד, אז מיין פערד טרינקט לופט?

— דער קראן איז עלף מעטער פון דאנען. ברענגען דיר וואַ־סער?

סטאסיעק האט זיך צעבייזערט און אויף דעם יידן א געשריי געטאן:

— גיב דאס עמער, איך קאן אליין ברענגען וואסער!

דער ייד האט סטאסיעקן דערלאנגט דאס עמער. בשעת ער האט זיך אנגעבויגן האט אים סטאסיעק שנעל דערלאנגט א קאנ־ווערט. דאס פערד האט זיי פארשטעלט מיטן רוקן. אויף איין אויגנ־בליק האבן זיך די בליקן פון סטאסיעקן און דעם יידן געטראפן און זיך פאראייניקט. סטאסיעק האט א ריס געטאן דאס עמער פון דעם יידן און גענומען אליין אנפאיען דאס פערדל.

לאנדער, דער ייד, האט זיך דערווייטערט מיט לאנגזאמע טריט אין דער ריכטונג פון יודען־ראט.

* * *

אין ביורא פון יודען־ראט זיינען געזעסן: לאנדער, יערסקי און גאסקי. אויפן טיש איז געלעגן א בויגן פאפיר באצייכנט מיט צי־פערן און טאבעלעס וועגן די מאסמיטלען, וואס זאלן העכערן די פראדוקציע.

לאנדער האט גערעדט שטיל. יערסקי און גאסקי האבן זיך איבערגעבויגן איבערן טיש, זיך דערנענטערט איינער צום צווייטן און מיט גרויס אויפמערקזאמקייט זיך צוגעהערט צו לאנדערס רייד.

— די דייטשן באציען זיך צו אונדז אלץ מער אכזריותדיקער. א טייל פון דער קריסטלעכער באפעלקערונג ווייזט אונדז ארויס מיטלייד, און אין דער שטאט מערקן זיך שוין סימנים פון ווידער־שטאנד. די אנטיפאשיסטן, וואס זיינען אריבער אין אקטיוון קאמף קעגן דעם שונא, זעען אין געטא זייער זיכערסטן פארבינדעטן. בעת

די ס. ס.־ניקעס האָבן אונדז געוואָלט שענדן און אויסלאַכן אין די אויגן פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, האָבן מיר געזען די גבורה פון פאָטער וואַלערי, וואָס האָט מיטגעריסן די מאַסן. אויב די דייטשן האָבן אויף דעם גלח נישט געשאָסן, איז דאָס אויך זייער סימפּטאָמאַטיש. און איצטער האָבן מיר באַקומען די ערשטע ממשותדיקע הילף: 26 דאָקומענטן אויף קריסטלעכע נעמען, פון זיי — 8 פּאָר יונגע מיידלעך און 18 פּאָר יונגע מענער. מען דאַרף בלויז צוקלעפּן אַ בילדל און צופּאַסן אַ שטעמפּל. דעם שטעמפּל האָב איך שוין באַשטעלט ביי דעם דרוקער מיכאַלאָוויטש, ער איז אַ זיכערער מענטש, מען קאָן זיך אויף אים פאַרלאָזן. איך האָב אויך אַ שטענדיקע פאַרבינדונג מיט דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע אין שטאָט. די דאָקומענטן זיינען פאַרבאַהאַלטן אין אַ זיכערן אָרט. איך מיין: מיר דאַרפן זיי איבערגעבן די מיידלעך און בחורים, וועלכע וועלן אויסניצן די פרייהייט אַמבעסטן אינעם קאַמף קעגן דעם שונא.

אַ ווײַלע האָבן אַלע געשוויגן. דער ערשטער האָט דאָס וואָרט גענומען יערסקי.

— די אָפּשאַצונג פון דעם פריינט לאַנדער איז אַ ריכטיקע! צו אייך, לאַנדער, האָב איך אַ ספּעציעלע ביטע. איך פאַרשטיי, אַז די צייט איז אַ שווערע, אַז מען דאַרף זיך היטן, איך פאַרשטיי, אַז איר זענט אין פאַרבינדונג מיט אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס אין איר שפּילן שטייען קאָמוניסטן. איר ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ ציוניסט און אַ געוועזענער בורזשוי. איר ווייסט אָבער אויך, אַז ווען די שטאָט איז אַריבער צו דער סאָוויעטןמאַכט, האָב איך פאַרגעזעצט מיין אַרבעט ווי איינער פון די דירעקטאָרן פון מיין פריערדיקער פאַבריק. איר ווייסט אוודאי אויך, אַז איך האָב געוויסע פאַרבינדונגען מיט ציוניסטישע קרייזן, געוועזענע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און אַנדערע. מיר ביידע און אונדזער חשובער פריינט גאָסקי זיינען דאָך די איינציקע מענטשן אין יודענראַט, וועלכע ווילן נישט פאַרוואַנדלען דאָס געטאָ אין אַ שעכטהויז פון שוצלאָזע און געהאָרכזאַמע שאָף. לאָמיר פאַראייניקן די אַקטיווע כחות פון געטאָ.

יערסקי האָט גערעדט מיט האַרץ. ער האָט זיך אַזש פאַרגעסן און אָנגעהויבן ריידן הויך. גאָסקי האָט אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און מיט אַ שמייכל באַמערקט:

— רעדט שטילער, יערסקי!

יערסקי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק, ער האָט

שווער געאָטעמט, אַזוי ווי ער וואָלט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן אַ וואָגיקע לאַסט.

גענומען האָט האָס וואָרט גאָסקי.

— מײַנע פרײַנט! ס'דוכט זיך מיר, אַז מיר האָבן נישט קיין סך ברירות. אָדער זײַן פּאַסיווע קרבנות, אָדער פאַלן אין קאַמף. איך בין שוין נישט קיין יונגער מענטש, כ'בין עלטער פון אײַך ביידע, אָבער דאָס האָט קיין שום באַדײַטונג נישט. די טעג פון געטאָ האָבן אונדז אַלע אַלט געמאַכט. דער טויט וועט אונדז, ווי ס'ווײַזט אויס, — אויך צוזאַמען פון דער וועלט אַוועקנעמען. איך ווייס נישט, צי קאָנען מיר טרוימען וועגן מאַסן־אָרגאַניזאַציעס. מיר קאָנען אָבער פּרוּוון אָרגאַניזירן צוזאַמען וואָס עס לאָזט זיך ראַטעווען, וועמען עס לאָזט זיך און טאָן אַלץ, בכדי צו פאַרגרעסערן דעם פראָנט פון דעם הינטערלאַנד מיט נײַע, געטרײַע קעמפער.

לאַנדער האָט אויפגעהערט צייכענען געאָמעטרישע פיגורן אויפן בויגן פּאַפּיר און אָנגעהויבן ריידן:

— פרײַנט! גוט וואָס דער דאָזיקער געשפּרעך איז ענדלעך פאָרגעקומען, איך בין פולשטענדיק מסכים מיט אײַערע פאָרשלאָגן. כ'וויל פאַר אײַך אָנצייכענען אַ געוויסן פּלאַן. ערשטנס, דאַרפן מיר וויסן, אַז די איבעריקע יודען־ראַט־מענער זײַנען געטרײַע דײַטשישע דינער. דער פּאָליציי־שעף און די פאַרבינדלער מיט דער געסטאַפּאָ — כאַבאַרניקעס און אויסוואָרפן. ליטוואַק — אַן אַלטער פּראָצענטניק, וואָס ליגט זײַן גאַנצע האָפענונג אויף זײַן געלד. פאַר די דאַרף מען זיך היטן פונקט אַזוי, ווי פאַר דער געסטאַפּאָ. צווייטנס, מוזן מען זײַן זייער פאָרזיכטיק. רעדן נאָר אין אייגענעם נאָמען. נישט דערמאָנען קיין נעמען און זיך פאַרבינדן מיט וואָס ווינציקער מענטשן. נאָר נישט פאַרשרײַבן. דריטנס, די טעג וועל איך אויף אַ פאַלשן פּאַס אַרויסשיקן אַ זיכערן מענטשן, בכדי צו פאַרשטאַרקן די פאַרבינדונג מיט דער שטאָט און אײַנשטעלן אַ קאָנטאַקט מיט די פּאַרטיזאַנער אין די מאַרציקאַנצער וועלדער. פערטנס, אונדזערע מענטשן אין די שנײַדער־וואַרשטאַטן פירן אַ ראַפינירטן סיסטעם פון סאַבאָטאַזש. די חכמה דערפון באַשטייט אין דעם, וואָס נישט פאַרקלענערנדיק די פּראָדוקציע, ווערט די אַרבעט געמאַכט אַזוי, וואָס נאָך אַ פּאָר מאָל טראָגן, צערײַסן זיך די בגדים און צעפאַלן זיך. אַ געוויסער אַפּטייקער האָט אויסגעאַרבעט אַ ספּעציעלן פּרעפּאַראַט, וועלכער ווערט אַרײַנגעשאָטן אין קאַסטן בײַם פּאַקן. אויך בײַם נייען ווערן אין עטלעכע וואַרשטאַטן געמאַכט „קונצן". דרײַ דײַטשישע מײַסטערס זײַנען אונטערגעקויפט. דעם דאָזיקן סיסטעם פון סאַבאָטאַזש, אַז אַן אויסערלעכער פאַר־

קלענערונג פון דער פּראָדוקציע, דאַרף מען אויסברייטערן אויך אויף די אַנדערע אַרבעטס־צווייגן. דאָס דאַרף מען פּאַרטרויען נאָר זיכערע מענטשן. פּינקטנס, מוז מען פאַרגרעסערן דעם אומ־לעגאַלן צופיר פון פּראָדוקטן. דערויף מוז מען מאַכן עטלעכע מאַלי־נעס חוץ דער, וועלכע ס׳פאַרבינדט דעם קאָשציאָל מיט אונדזער הויף. אַזאַ מאַלינע ווערט שוין געגרייט צווישן „ווהזיקע" און דער „אָסיעדלע". דאָס איז דערווייל אַלץ, וואָס איך האָב צו זאָגן.

יערסקי איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט און זיך אַ כאַפּ געגע־טאָן דריקן דעם לערערס האַנט. מיט זיין כאַראַקטעריסטישן טעמ־פּעראַמענט האָט ער אויסגערופן:

— לאַנדער, ס׳איז אַ גליק, וואָס עס זיינען דאָ אַזעלכע יידן ווי איר! איר האָט אונדז אַריינגעבלאָזן אַ נייע נשמה! — דאָ האָט ער זיך פּלוצלינג הילכיק צעלאַכט —

— אָבער, אַז איר האָט באַאַרבעט מיין דעפּאַרטאַמענט, דער־פון האָב איך גאָרנישט געוווסט!

לאַנדער האָט אים האַלב־ערנסט, האַלב אין שפּאַס געענט־פערט:

— אַט פרייט איר זיך, יערסקי, וואָס עס זיינען דאָ אויף דער וועלט קאָמוניסטן. זאָגן, זאָגט איר „אַזעלכע יידן" — איז עס דען נישט קיין גליק, וואָס עס זיינען דאָ אויך „אַזעלכע גויים", יערסקי! האַ?

אין דעם מאָמענט איז אַריין אין צימער דער פּאָליציי־שעף, דובין...

— וואָס פרייט איר זיך עפּעס, מיינע הערן? — האָט ער גלייך אַ פרעגגעטאָן ביים אַריינקומען.

— מיר זיינען צופרידן, וואָס עס איז געלונגען צו הייבן די פּראָדוקציע אין די וואַרשטאַטן אויף גאַנצע 37 פּראָצענט! — האָט יערסקי פריילעך אָפּגעענטפערט.

* * *

די קינדער פון געטאָ זיינען אַרויסגעלאָפן אויפן שולהויף אַ קוק־טאָן אויף דעם גרויסן וווּנדער.

שעפּסל דער בעל־עגלה האָט אויף אַ קייט געפירט... אַ קו. די קו איז געגאַנגען לאַנגזאַם, פאַרטראַכט אין זיך און מיט נאַס־לעכע קיעשע אויגן זיך אַרומגעקוקט. די קינדער זיינען אַרומגע־לאָפן אַרום דער קו. די דרייסטערע פון זיי האָבן אפילו געפּרוווט זי אַ גלעט צו טאָן.

פון שולהויף האָט זיך צעטראָגן אַ פריילעך געפילדער מיט קינדערשע שטימען.

— אַ קו, אַ קו, — אַ לעבעדיקע קו!

אויפֿן שול־הויף האָבן זיך באַוויזן אויך דעחוואַקסענע. ס'האָבן זיך געעפֿנט די פֿענצטער פֿון די וווינונגען און וואַרשטאַטן.

שעפּסל האָט געפֿירט די קו, געוואָרפֿן אַרום זיך פֿלומרשט גלייכגילטיקע בליקן, וועלכע האָבן אַזוי ווי געזאָגט:

— אַ קו איז אַ קו, אַ וויכטיקע מעשה? אַ קו!

אָבער שעפּסלס היטל, פֿאַרבויגן אויף אַ זייט, זיינע לאַנגזאַמע און זיכערע טריט, זיין גאַנץ געשטעל האָט געדופֿן:

— קוקט, וואָס פֿאַר אַ יאַט איך בין, אַ לעבעדיקע קו האָב איך אייך געבראַכט!

שעפּסלען אַנטקעגן האָט אַרויסגעשפּאַנט מאַריע. אַפֿילו זי, מאַריע, האָט זיך פֿאַרחוונדערט. זי האָט זיך געשטעלט און מיט גפֿלאַץ קעגנאיבער דער קו, האָט פֿאַרריסן דעם קאָפּ און מיט התלהבות אויסגערופֿן:

— רבונו של עולם, אַ נאַסטאַיאַשטשע קו!

מאַריע איז צוגעלאָפֿן נעענטער צו דער בהמה, האָט זיך פֿאַר איר געבויקט און האָט זי מקבל פּנים געווען מיט דער ברכה:

— ברוך הבאָ, בהמהלע!

שעפּסל מיט זיין קו זיינען אַרומגערינגלט מיט ווייבער, קינדער און אייניקע מענער.

— שעפּסעלע, דושאַ! — האָט זיך אַלץ געוואונדערט מאַריע — דו ביסט דאָך גאָר אַן אימפּעראַטאָר! ווי האָסטו דעם דאַזיקן לייב אַריינגעפֿירט! האַ?

— וויסאַ און ריגצלער זיינען אַוועקגעפֿאָרן צו די פּלעני־קעם — האָט דערציילט דער באַלאַגאָלע — האָט עס מיך געקאָסט צוויי גאָלדענע זייגערס, און די וואָך איז אַריין אויף אַ פּאָר מי־נוטן אין דער קאָמאַנדע.

די קו איז געוואָרן די סענסאַציע פֿון געטאָ. אין דעם טאָג האָט מען פֿאַר אַ גאָלדן רינגעלע באַקומען אַ קילאָ פֿלייש. די קראַנקע און די קינדער האָבן באַקומען בחינם אַ פּאָרציע.

אויף יענער זייט מויער

די מאַלינע, וועלכע האָט פאַרייניקט דעם הויף פונעם קאַשציאַל מיט אַ קעלער אונטער דעם פערד־שטאַל אין יודען־ראַט, האָט אייגנטלעך עקזיסטירט נאָך מיט פיל יאָרן צוריק. אין די אַמאָליקע יאָרן, בויענדיק דעם אַלטן קלויסטער, האָבן די אַרכיטעקטן, לויטן באַפעל פון בישאָף, אויסגעגראָבן א טיפן טונעל. צו וואָס דער בישאָף האָט דעם טונעל געדאַרפט, ווייסט קיינער נישט. די הייל האָט פאַרבונדן דעם קלויסטער מיט דעם בישאָפס פלעבאַניע, וועלכע איז פאַרברענט געוואָרן בעת דעם נאַפּאָלעאָנישן קריג. שפּעטער האָט מען דאָרט געבויט אַ גרויסע געבוידע פאַר סקלאַדן און קראָמען, וועלכע האָבן זיך מיט דער צייט פאַרוואַנדלט אין זווין־הייזער מיט שטאַלן, שאָפעס, קראָמען און מיט דער יידישער, רעליגיעזער שול „יבנהו״. איינצלנע מענטשן האָבן געוווּסט וועגן דעם טונעל. דער פאָטער וואַלערי האָט אין זיינער צייט איבערגעגעבן וועגן דעם אָבמאַן פון יודען־ראַט. איצט האָבן דעם סוד געקענט די דריי פון יודען־ראַט און אויך אייניקע פאַרטרויטע מענטשן.

דורך דער מאַלינע פלעגט מען אַריינשמוגלען אין געטאָ אַ היפּש ביסל פּראָוויאַנט. מיט דעם זעלבן וועג פלעגט פון צייט צו צייט אויך אַרויסגיין, פאַרשטעלט פאַר אַ קריסט, אַ שליח פון געטאָ. פון דאָרט איז אויך אַרויס ליזע וויטקין, אַ בלאָנד יידיש מיידל. אין איר קעשענע איז געווען אַ פּאַס אויפן נאָמען פון האַלינע בראָניעווסקאַ. ס׳איז געווען אַ זונטיקדיקער אָוונט. ליזע איז אַרויס אונטער אַ פאַרוואַקסענער וואַנט פון קאַשציאַל, האָט זיך פאָרזיכטיק אַרויסגעשאַרט אין הויף און מיט לאַנגזאַמע טריט אַרויסגעשפּרייזט אויף דער דאָמיניקאַנער גאַס. אויף איר האַלדז איז געהאָנגען אַ גאָלדן צלמל, אין איר לעדערנעם האַנט־טעשל — אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ קריסטלעכער משפחה און פון אַ יונגן פּוילישן חבר אין אַ „מאַציעיעווקע״, מיט דער אונטערשריפט: „ניידראָזשעי האַליניע, סטאַסיעק״, אַ פּאָר צענדליק זלאָטעס און עטלעכע טאַבלעטן אַספּירין, וועלכע זיינען אין דער אמתן געווען סם. מיט דעם דאָזיקן חבר אין דער „מאַציעיעווקע״ דאַרף זי זיך

טרעפֿן ביים קינאָ „פּאַלאַס" אונטער דער ליכט־רעקלאַמע. ער דאַרף רויכערן אַ פּאַפּיראָס און האַלטן אין דער רעכטער האַנט אַ פּושקע שוועבעלעך. די רעכטע האַנט וועט ער האַלטן אָנגעשפּאַרט אויף דער פֿילם־רעקלאַמע. לויט די דאָזיקע סימנים דאַרף זי אים דערקענען, צוגיין צו אים, אויסרופֿנדיק אויפֿן קול: „סטאַסיו!". ליזאַ האָט זיך לאַנג איינגעקוקט אין דעם אָפּנעם, מענערישן געזיכט אויף דער פֿאָטאָגראַפֿיע. זי איז געגאַנגען לאַנגזאַם, בסך־הכל איז נאָך צען מינוט צייט צו דער טרעפֿונג. ליזע קוקט זיך צו צו דער גאַס: אַ סך דייטשישע אָפֿיצירן, זעלנער און פּוילישע שפּאַצירער. מאַדנע האָט איר אויסגעזען די דאָמיניקאַנער, שפּעטער סאָוויעטסקאַ און איצט „געריגנג־שטראַסע", אָן יידן. מאַדנע האָט איר אויך אויסגעזען די דאָזיקע, גאָר אַנדערע וועלט. זי האָט זיך לעצטנס צוגעוווינט צו לעבן בלויז מיט יידן — און דאָ, פּלוצלינג איז זי גאָר האַלינאַ בראָניעווסקאַ מיט אַ צלם אויפֿן האַלדז און גייט זיך טרעפֿן מיט אַן אומבאַקאַנטן חבר. אָט גייט זי פֿאַרביי דעם קינאָ „אַפּאָללאָ". נישט ווייט פֿון דאַנען איז דער געטאָ־מויער, דאָ אין דעם געסל איז זי געבוירן געוואָרן און איבערגעלעבט פֿיל יאָרן פֿון איר לעבן ביזן געטאָ. דאָ, האָט זי זיך דערנענטערט צום קאָמסאָמאָל, האָט אָנגעהויבן קלערן וועגן קאַמף, דאָ איז געשטאָרבן פֿון שווינדזוכט איר מוטער. ליזע האָט זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט און דאַן נאָך אַ ווײַלע פֿאָרגעזעצט איר וועג. זי האָט זיך דערמאָנט ווו זי האַלט אין דער וועלט, דערמאָנט זיך, אַז זי איז דער שליח פֿון געטאָ, אַז זי גייט אויף אַ קאָמסאָמאָלישער אויפֿגאַבע.

אָט איז דער זייגער אויף דער פּאָטשט אַנטקעגן דעם שטאָטגאָרטן. אין גאָרטן קראַקען די וואָראָנעס, קאַלוזשעס וואַסער, טייבלעך צעטייעטער שניי לויפֿן אַראָפּ אין דער „ברעכאַלקע". דער ווינטער איז שוין אַוועק. ס'קומט אָן דער פֿרילינג.

דער זייגער ווייזט אַ מינוט פֿאַר זעקס. ליזע הויבט אָן צו גיין שנעלער. אָט איז שוין באַלד דאָס קינאָ. לעבן אים ס.ס.־ניקעס, זעלנער און אַביסל פּוילישע יוגנט. חוצפּהדיקע זעלנערישע אויגן. אַן ס.ס.־ניק פּרוּווט ליזען פֿאַרטשעפּען:

— פֿרוילײַן, זוכן זי דען מיך?

אַרום — אַ געלעכטער. אָט איז זי שוין ביי דער רעקלאַמע. אַ האַנט מיט אַ קעסטל שוועבעלעך — סטאַסיעק זעט זי נאָך נישט און נאָך אַ טריט — ער!

— סטאַסיו!

די האַנט לאָזט זיך אַראָפּ. שנעל דרייט זיך אויס אַ יונגער,

פעסט־געבויטער בחור. זיינע בלויע אויגן באגעגענען זיך מיט ליזעס.

א סעקונדע קוקן זיי זיך אָן.

— האַלינקאַ! — רופט אויס אַ פרעמד, וואַרעם און נאָ־ענט קול.

ער נעמט זי אונטערן אָרעם. זיי גייען אַרויס פון דעם המון. אַ רגע שווייגן זיי ביידע. ער דריקט איר שטאַרק די האַנט. זי פילט זיך גוט, זיכער ביי זיין אַקסל. ער רעדט אַזוי האַרציק, פריי אויפן קול.

— גוט, וואָס דו ביסט געקומען, האַלינקאַ! — די מוטער וואַרט שוין אויף אונדז, זי איז זייער אומגעדולדיק דיך צו זען!

זיי פאַרלאָזן די ליכטיקע גאַסן און אָט זיינען זיי שוין לעבן דער „אַסיעדליע". סטאַסיעק דערקלערט ליזען:

— די מוטער ווייסט וועגן אַלעמען. דו ביסט אונדזערע אַ ווייטע קרובה פון באַראַנאָוויטש. פון דאָרטן שטאַמט מיין מוטער. זועסט אַרבעטן אין דער ציגעלניע ביים ציילן ציגל.

סטאַסיעק צעלאַכט זיך. עס גלאַנצן זיינע יונגע, ווייסע צייַ־נער.

— אָט איז אונדזער הויז! — ווייזט סטאַסיעק אויף אַ זייַ־טיקער כאַטע.

ליזע בלייבט אַ רגע שטיין, זי קוקט זיך צו צו דעם שטרויע־נעם דאַך, צו די קליינע שייבלעך, פון וועלכע עס שיינט אַרויס אַ מילד ליכט פון אַ לאָמפּ. פון דער נאָענט דערטראָגט זיך דער ריח פון סאָסנעס, עס רוישט דער וואַלד, עס שמעקט מיט פרילינג.

— קום, האַלינקאַ! — רופט סטאַסיעקס נאָענטע, ליבע מענער־שטים. ער נעמט זי אָן ביי דער האַנט, עפנט די טיר און פירט זי אַריין אין דער איזבע.

אַ גערוך פון געקאָכטע קאַרטאָפל. אַ ריין, אָרעם צימער. פון ווינקל הייבט זיך אויף אַן עלטערע פרוי אין אַ טיכל און גייט איר אַנטקעגן. דאָס פנים — באַדעקט מיט קנייטשן. אַ פּאָר גוטע, מילדע אויגן. די פרוי עפנט אירע אָרעמס און רופט אויס:

— קום, מיין קינד!

האַלינקאַ פאַלט צו צו וואַנדאַ וואָלסקאַ. סטאַסיעקס מוטער קושט זי אין קאָפּ, טוליעט זיך צו איר און שעפּטשעט איר אין פנים:

— גאָשטש וו דאָם, בוג וו דאָם, קאָכאַניע! *)

ליזע דערפילט זיך גוט. זי דערפילט אַ ליבשאַפט צו דער פרוי.

---

*) אַ גאַסט אין שטוב, גאָט אין שטוב, טייערינקע.

— סאַראַ שיינינקע דו ביסט, האַלינקאַ! — רופט זיך אָפּ וואַנדאַ וואָלסקאַ, קוקנדיק אויף ליזען.

האַלינקאַ שטייט אַ ווײַלע צעמישט. וואַנדאַ גייט צו צום אויוון און שלעפּט אַרויס אַ טאָפּ קאַרטאָפל. עס צעגייט זיך אַ וואַרעמע פּאַרע.

— עסט, קינדערלעך! משום כאַטאַ באָגאַטאַ טים ראַדאַ". *)

* * *

— סטאַסיעק, זע נאָר, די לבנה איז, דוכט מיר, נייטראַל אין אונדזער קריג!

— וואָס?

— נייטראַל, זאָג איך, איז די לבנה!

— האַלינקאַ, דאַרפסט שוין גיין שלאָפן, ביזט זייער מיד!

— ענטפערט איר אָפּ זיין רואיקע, מענערישע שטים.

אַ מאָדנער איז ער, דער סטאַסיעק. ער באַנעמט זיך מיט איר זייער העפלעך, חבריש, אָבער לעצטנס, עפּעס אַזוי קאַלט, איינגעהאַלטן.

ליזע טוט אַ שמייכל.

איז ער אין באַצוג צו איר אויך נייטראַל — טוט זי זיך אַ קלער. אַט האָבן זיי געענדיקט אָפּציען אַ פּאָר הונדערט אויפרופן. דער ראָטאַטאָר איז שוין איינגעפּאַקט, די אויפרופן צוזאַמענגעלייגט. אַ ריח פון פרישער פאַרב און פּאַפּיר. סטאַסיעק זיצט אויף דער קאַיקע אין ווינקל, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די עלנבויגנס, באַמערקט זי כמעט נישט.

— סטאַסיעק, זע נאָר, וואָס פאַר אַ פרעמדקייט און דאָך שיינקייט עס שפּראָצט פון די ברייטע הימלען!

סטאַסיעק גייט צו צום פענצטער.

— ניין, חברטע האַלינקאַ, די שיינקייט פון דער נאַכט איז נישט פרעמד. ס'איז אַ טייל פון אונדזער לאַנד, פון אונדזער פרייהייט.

סטאַסיעק האָט זיך פאַרקוקט דורכן פענצטער. אַ רגע זיינען זיי געשטאַנען ביידע נאָענט, גאָר נאָענט איינער צום צווייטן. סטאַסיעק האָט דערפילט דעם טעם פון אירע האָר ביי די ליפּן. ער האָט דערפילט נעבן זיך איר יונגן, פרישן הייסן קערפּער. ער איז געשטאַנען רואיק, פאַרקוקט אין דער לבנה.

---

*) מיט וואָס דאָס הויז איז רייך מיט דעם איז עס גרייט צו דינען.

— האַלינקאַ איז דאָך אַ חבר, אַ מיטקעמפער. און די צייט איז אַזאַ מין ... — סטאַסיעק האָט אַ קלער געטאָן, האָט פאַר־קוועטשט די פויסטן, זיך אומגעקערט און אַפּגעגאַנגען צום טיש.

— אַ גוטע נאַכט, האַלינקאַ!

סטאַסיעק האָט גענומען דאָס פעקל אויפרופן מיט דעם ראָ־טאַטאָר און איז שנעל אַרויס פון צימער.

זי האָט דערפילט דעם קלעם פון זיינע פויסטן, די געמאַכטע רואיקייט אין זיין שטים.

— אַ גוטע נאַכט, סטאַסיעק!

* * *

ס'איז פרילינג. ווייסע, דורכזיכטיקע וואָלקנדלעך, קוים וואָס זיי זעען זיך אָן אויף דער צאַרטער הימל־בלויקייט. באַשפּריצט מיט מילדע זון־שטראַלן, ציען זיך שלאַנקע טונקל־גרינע סאָסנעס מיט פרייִדיקער יונגפרוישער גרייצקייט. מיט גראַנאַט־גליקע־לעך שפּראָצן די „סאַסאַנקעס", עס בלישטשען אַרויס פון פייכטן גראָז און באַרדיקן מאָך — לעבעדיק פריילעך „פּערוויאַסנקעס". הילכיק קלינגען די טרעלן פון דעם סקאָווראָנעק, וואָס האָט זיך ערשט אומגעקערט פון די וואַרעמע לענדער.

דער ניעמאַן איז אָנגעבלאָזן און ווילדטיק. זיינע וואַסערן שטייען הויך אין די ברעגעס און זיינען ברייט פאַנאַנדערגעגאָסן. אַרום ליגן די פעלדער צעפּראַלט. גרינינקע זאַנגען שפּראָצן אַרויס פון דער פאַרזייטער ערד. אויף די נאַקעטע ביימער שפּרינגען אַרויס שמעקעדיקע קנאָספּן. עס טראָגט זיך אַ הילכיק בילעריי פון די הויפישע הינט.

ס'איז זונטיק.

סטאַסיעק מיט ליזען האָבן זיך אַריינגעלאָזט טיף, טיף אין וואַלד. ווייט הינטער זיי איז געבליבן די „אַסיעדליע", די ציגעל־ניע, דאָס געטאָ. ווייט הינטער זיי — די ביטערע וואָר. ליזע און סטאַסיעק זיינען פאַרזונקען אין זיין גרינער שטילקייט, אין זיין פאַרצווייגטער טיפעניש.

אָט ליגן זיי אינמיטן פון אַ קליינער פּאָליאַנקע, אויף אַ מאָ־כיקן טעפּיך אונטער רואיקע, אַלטע ביימער.

סטאַסיעק ליגט אויסגעצויגן אויפן גראָז. ליזעס קאָפּ איז אָנ־געשפּאַרט אויף זיין אַקסל.

* * *

ס'איז נאַכט. אין דער „קאָמאָרע" איז כמעט פינצטער. דער קנויט אין לעמפּל איז אַראָפּגעדרייט אזוי, אַז נאָך איין ריר און דאָס פייערל גייט אויס. ליזע גייט צו צום פענצטערל, הוקט אָפּ

דעם שווערן, טונקעלן פארהאנג — לעצטנס ווערן שטרענג אפגע־היטן די פארארדענונגען וועגן פארטונקלונג. זי עפנט אויף דאס פענצטערל. סטאסיעק האט דאס לעמפל פארשטעלט מיט א שווארץ שטיקל טוך. ליזע עטעמט דורשטיק אריין די פרישע נאכט־לופט און פארקוקט זיך אין דער שטילער לבנה.

מארגנע. ס׳קוקט אראפ צו איר די זעלבע אלטע לבנה, א גרוי־סע, א פולע, א קיילעכדיקע, אזוי ווי ס׳וואלט גארנישט געווען קיין היטלער, קיין מלחמה, קיין געטא.

— האלינקא, — זאגט סטאסיעק — וואס מאכן די מענטשן קאליע אזא שיינע וועלט?

— עס זיינען דא פארשידענע מענטשן, סטאסיעק!.

ליזע שמייכלט צו אים הארציק. סטאסיעק פילט, אז ער וואלט לייכט אוועקגעגעבן זיין לעבן, בכדי האלינקע זאל שטענדיק קא־נען אזוי שמייכלען. ליזע זעט, ווי א שווערע כמארע פארטונקלט די בלויקייט פון זיינע אויגן.

— סטאסיו, קלער נישט וועגן דארטן. ס׳איז דאך אונדז אין דער רגע אזוי גוט!

א מאדנע מיידל — פארטראכט זיך סטאסיעק — אויף אירע שוואכע פלייצעס ליגט אזא לאסט, און דאך קאן זי נאך פילן גליק.

— , האלינקא! פון וואנען נעמט זיך צו דיר אזוי פיל כוח?

האלינקא שמייכלט ווידער.

— סטאסיו, ס׳איז פרילינג. אט קוק, ארום אונדז בליט דער וואלד. דער פראסטיקער ווינט פלעגט אפט איינבייגן די ביימער אין צווייען, ביז דער ערד זיי צודריקן, און דאך — האט ער זיי נישט צעבראכן. זיי זיינען שטארק פארווארצלט אין דער מוטער־ערד, סטאסיו. זיי זיינען בויגעוודיק, אבער זיי ברעכן זיך נישט! ווייל זיי זיינען נישט אויסגעטריקנט פון אינעווייניק. ווייל זיי לעבן! .

סטאסיעק גלעט האלינקעס האר.

— סטאסיעק, מיר זיינען אויך פארווארצלט אין לעבן, טיף ארייגעוואקסן אין א באדן. דער באדן איז — די פארטיי, דער קאמף, דער גלויבן! .

— האסט שטענדיק רעכט, האלינקא!

סטאסיעק נעמט זי ארום און ציט זי צו זיך.

— רייד, האלינקא רייד! איך האב אזוי ליב דיינע געדאנקען, האלינקא .

— סטאסיעק. איך האב ליב מענטשן. זע נאר, וואס פאר אן

אײדעלע חברים עס געפֿינען זיך אַרום אונדז. װעלן דען תּלינים בײקומען דעם מענטש? זע, סטאַסיעק, אומעטום, אין געטאָ, אין דער „אַסיעדליע" שטײט אױף אַ פֿרײער מענטש קעגן דער ברױנער בעסטיע. אַט קעמפֿט אונדזער רױטע אַרמײ, און אין די װעלדער לעבן און קעמפֿן פּאַרטיזאַנער!

— האַלינקאַ, איך װיל דיר נישט אָנװאַרפֿן קײן שװערע געדאַנקען. אָבער דאָך צװינגט מיך עפּעס דיך צו פֿרעגן. די דײטשן האָבן אַלע דײנע שװעסטער און ברידער טױט און פּײן געבראַכט, און דו — ביזט אַן אַנדערע, װי איך האָב געטראַכט, ביזט אַ בעסערע, איך האָב געגלױבט, אַז דו שטרעבסט נאָר נאָך נקמה.

האַלינקאַ איז געלעגן אַ פּאָר מינוט שטיל.

— סטאַסיעק, מיר װילן נישט בלױז נקמה, מיר װילן זיגן.

— האַלינקאַ! איך שרעק זיך אַזױ װעגן דיר!

— אױך איך שרעק זיך װעגן דיר, װעגן אַלעמען.

— האַלינקאַ! װען איך שטעל מיר פֿאָר, אַז דו פֿאַלסט אַרײַן אין די הענט פֿון דער געסטאַפּאָ, גײט מיר דורך אַ שױדער. װען איך זע דיך אין זײערע הענט — באַקום איך פּשוט מורא. איך בין נישט שטענדיק זיכער מיט זיך אַלײן. איך װײס נישט, צי װעט מיר קלעקן כּוח אױסצוהאַלטן די פּײניקונגען... צי בין איך נישט צומאָל קײן פּחדן...

— סטאַסיו! ביזט נישט קײן פּחדן, ביזט אײנער פֿון אונדזערע בעסטע קעמפֿער. מורא האָט יעטװעדער. מען דאַרף נאָר קאָנען גובר זײן דעם פּחד. סטאַסיו, איך בין מיט דיר זיכער.

פּלוצלינג האָט זיך פֿון דער נאָענט דערהערט אַ קנאַק פֿון אַ טרוקענער צװײַג. סטאַסיעק און ליזע האָבן זיך האַסטיק אַ ריס געטאָן פֿון אָרט. האַרט אַנטקעגן זײ האָט זיך אַרױסגעשאַרט אַ מענטשלעך געשטאַלט און הערזענדיק זײ, איז עס פֿאַרבליבן שטײן, װי פֿאַרגליװערט.

דאָס געשטאַלט האָט אױסגעזען װי אַ פֿאַרמאַכטע צװײַג, בלױז די אױגן האָבן געפֿיבערט און געגלאַנצט מיט פּחד און הונגער.

דאָס געשטאַלט האָט זיך אָנגעהױבן אַראָפּלאָזן, װי עס זאָל אײַנפֿאַלן, און געבליבן ליגן אײַנגעקאָרטשעט אױף דער ערד.

ליזע און סטאַסיעק זײַנען צוגעלאָפֿן צו דעם מענטש און גענומען אָנרײַבן אים די שלײפֿן מיט פֿײַכטע בלעטער. דער געחלשטער האָט געעפֿנט די אױגן, אָנגעהױבן באַװעגן מיט די ליפּן. די ליפּן — בלױע, אײַנגעשרומפּענע, װי פֿיאָלעטע שלענגלעך אין מיטן פֿון אַ באָרדיקער קנױל.

ליזען האָט זיך געזוכט, אַז פאַר איר ליגט אַן אָקאָרשט נייגעבוירן קינד, וואָס זוכט מיט הונגעריקע ליפּן דער מוטערס ברוסט.

— עסן.

סטאַסיעק האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו האַלינקעס טאַש, ווו עס איז געלעגן זייער פרישטיק.

דער אומבאַקאַנטער האָט מיט דורשטיקע בליקן נאָכגעפאָלגט סטאַסיעקן. בשעת סטאַסיעק האָט אַרויסגענומען פון דער טאָרבע עטלעכע קאַרטאָפל, איז דער הונגעריקער אויפגעשפּרונגען, אַרויסגעכאַפּט זיי פון זייַנע הענט און אָנגעהויבן זיי שטופּן אין מויל.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט דער אומבאַקאַנטער זיך שווער אוועקגעזעצט אויפן גראָז. ליזע האָט אים אַ פרעג געטאָן:

— פון וואַנען?

—פון דאָרטן — האָט שטיל געענטפערט דער אומבאַקאַנטער, אָנווײַזנדיק אויף דער צווייטער זייט ניעמאַן.

— פון וואַנען, פון דאָרטן? — האָט אַ שמייכל געטאָן אויף איר שטייגער ליזע.

— פון קעלבאַסין!

סטאַסיעק און ליזע האָבן זיך דורכגעקוקט מיט פאַרוואונדערטע בליקן.

— אַ קריגס־געפאַנגענער?" — האָט שטיל געפרעגט סטאַסיעק.

— יאָ, אַ רויט־אַרמייער, — האָט נאָך שטילער געענטפערט דער אומבאַקאַנטער. אַ רגע האָבן זיי אַלע געשוויגן.

— ווי אַזוי קומט איר אַהער? — האָט געפרעגט ליזע.

— איך בין אַנטלאָפן.

— צו אונדז קאָנט איר האָבן צוטרוי, חבר.

— איך האָב נישט קיין אַנדערע ברירה, ווי איך זיך אָנטרויען — אָדער שטאַרבן פון הונגער!.

„ווו האָב איך געהערט די דאָזיקע שטים?" — סטאַסיעק שטרענגט אָן זיין זכרון.

— חבר, זענט איר נישט אַמאָל געווען אין שטאָטישן גאַרניזאָן?.

— יאָ, חבר — האָט שטאַמלענדיק געענטפערט דער רויט־אַרמייער.

סטאַסיעק איז פּלוצלינג אויפגעשפּרונגען.

— חבר, געדענקט איר דעם משפט איבער זשעלינסקיס באַנדע?

דער רויט־אַרמייער האָט געשווינגן אַ רגע. סטאַסיעק און האַ־ לינקאַ האָבן געפילט, ווי ער ראַנגלט זיך עפּעס מיט אַ געדאַנק.

— יאָ, חבר! איך געדענק דעם משפּט.

— לייטענאַנט יעפּימאָוו!" — האָט אויסגערופן סטאַסיעק.

* * *

פון דעם קאַלאַזשער באַרג ציט זיך אַ בלאָטיקער וועג. אַ פּאָר הונדערט מעטער פון וואַלד, ביי דער „אַסיעדליע", קומט מען אַרויף אויף אַ ברוקירטן שאָסיי, וועלכער נעמט אַרום די „אַסיעד־ ליע", דאָס געטאָ, און גייט אַרויס אויף די הויפּט־גאַסן.

אויפן וועג שלעפּט זיך אַ וואָגן הויך פאַרוואָרפן מיט טרוקע־ נע צווייגן. דאָס פערדל גייט געלאַסן, ווי פאַרזונקען אין וויכטיקע רעיונות. סטאַסיעק האַלט גריינג די לייצעס און קנאַקט פון צייט צו צייט מיט דער בייטש איבער דעם פערדישן רוקן, פייפט זיך צו אַ לידל. דאָס פירט ער אַ וואָגן כרוסט אין דער פלעבאַניע. אין דער קעשענע געפינט זיך ביי אים אַ באַשטעטיקונג פון דעם פאַן זיעלינסקים גאַיאָווי, געחתמעט פון דעם דייטשישן וואַלד־דעפּאַר־ טאַמענט. דער וואָגן פאָרט אַרויס אויף דער הויפּטגאַס. אויף די בריקלעך דרייען זיך אַרום אָפיצירן, זעלנער, זשאַנדאַרמען. אַ פּאַ־ ליציי־פּאַטרול שטעלט אָפּ סטאַסיעקן. סטאַסיעק באַווייזט זיין דאָקו־ מענט און פאָרט ווייטער. פּלוצלינג שיטן זיך אַרויס פון דעם באַר „דויטשלאַנד" עטלעכע שיכורע ס.ס.־ניקעס. אָט זיינען זיי שוין אויפן וואָגן. אין סטאַסיעקס קאָפּ צאַפּלען זיך געדאַנקען. וואָס טאָן? ווי אַזוי האַנדלען? דריי פון די ס.ס.־ניקעס זיינען אַרויפגע־ קראָכן אויפן ברוסט און זיך צעליגט גאַנץ באַקוועם. זייער שיכור געלעכטער שניידט, ווי מיט בייטשן.

— וויאָ! — שרייט דער פערטער, אַרויסרייסנדיק די לייצעס פון סטאַסיעקס הענט. סטאַסיעק צעלאַכט זיך פריילעך און שפּאַנט לעבן דעם ס.ס.־ניק. דעם שכור געפעלט די מעשה און ער שמייסט כסדר דאָס פאַרחלומטע פערדל.

— וויאָ, יודען־פערד! — שרייט דער ס.ס.־ניק.

אַ הונדערט מעטער זיינען זיי אַזוי אָפּגעפאָרן. פּלוצלינג דער־ זעען זיי אַ דראָזשקע און אויף איר עפּעס אַן עלטערן קריסט. די „חברה" שפּרינגען אַראָפּ פון וואָגן, וואַרפן אַראָפּ דעם קריסט, יאָגן אַראָפּ דעם דראָזשקאַזש און טראַסקען שוין אין אַ פאַרקער־ טער ריכטונג. פון סטאַסיעקס ליפּן רייסט זיך אַראָפּ אַ שטילע קללה.

אָט איז שוין דער קאָשציאָל און אַביסל ווייטער די פלעבאַניע. ברייט עפנט זיך דער טויער, און סטאַסיעק פאָרט אַריין אין דעם

לאַנגן, שטילן הויף. די אַלטע, פאַרצוווייגטע קאַשטאַן־ביימער זייַנען צעבליט מיט ברוינע קנאָספּן. אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל וואַרט אַ געעפנטע טיר פון אַ שטעלעכל. סטאַסיעק דרייט אויס דעם וואָגן און שטעלט זיך אָפּ מיט די הינטערשטע רעדער הארט ביי דעם טירל.

דער הויף איז פּוסט, מען זעט קיין מענטש נישט. בלויז דער פּאָטער וואַלעריי שפּאַצירט מיט רואיקע טריט איבער אַ קורצער און שמאָלער אַלעע. אין שטעלעכל ביי דער וואַנט ליגט אַ לאַנגער, הילצערנער קאַסטן מיט אַן אָפן טירל. סטאַסיעק הויבט אויף מיט אייזערנע ווילעס אַ שפּאַר ביסל קופּעס צווייגן פון וואָגן און וואַרפט זיי אַריין אין שטעלעכל ביי דער וואַנט איבערן קאַסטן. אויפן קאַסטן ליגט שוין אַ באַרג צווייגן. דער וואָגן איז שוין ביז דער העלפט אויסגעליידיקט. סטאַסיעק כאַפּט ווידער אַמאָל אַ בליק איבערן ליידיקן הויף, שטעלט אַוועק ביי דער וואַנט די ווילעס און מיט די הענט שאַרט ער אויף דעם אונטערשטן שיכט צווייגן.

— חבר ליטענאַנט — שעפּטשעט סטאַסיעק אין דעם הויפן כרוסט פון וואָגן — מיר זיינען אויפן אָרט. דאָ איז אייער מעליינע! קריכט אַרויס.

באזע מ.

ליזע איז געלעגן אויף א קופע היי אין א פויערישן וואָגן, האָט זיך צוגעהערט צום סקריפּען פון די רעדער, צו דעם גערויש פון וואַלד און צו די אייגענע געדאַנקען. ליזע האָט געפּרוווט זיך בייזערן אויף זיך אַליין. פאַרוואָס אייגנטלעך קלערט זי אַזוי פיל וועגן זיך, אין דער צייט ווען איר וועג און איר אויפגאַבע זיינען דאָך פיל וויכטיקער. פּאַרנדיק אויף אַן אויפגאַבע צו דעם פּאַרטיזאַנישן שטאַב, ווי א פאַרטרויאונגס־מאַן פון דער שטאָטישער גרופּע, האָט זי, לויט איר מיינונג, צופיל געקלערט וועגן פריוואַטע ענינים, וועגן איר סטאַסיעקן.

הינטער זיך האָט ליזא געהאַט דאָס געטאָ. אין געטאָ — איר גאַנצע משפּחה, אַלע אין טויט־געפּאַר — פאַר זיך האָט זי געהאַט די באַזע מ....

* * *

איבער א שעה האָט ליזע געשפּרייזט מיט צוויי יונגע פּאַרטיזאַנער דורך שמאָלינקע סטעזשקעס, דורך קלעצלעך און קלעצער, אַריבערגעוואָרפענע איבער גרונטלאָזע זומפּן, דורך דעם אייביק שאָטנדיקן וואַלד. אויף זייער וועג האָבן עטלעכע מאָל זיך צעפּייפט סאָלאָוויען, און די בחורים האָבן אָפּגעענטפערט, ביז זיי זיינען אַרויס אויף אַ פּאָליאַנע, וואָס איז געווען אַרומגענומען פון ברייטע, פיל־יאָריקע דעמבעס. אויף דער פּאָליאַנע זיינען געשטאַנען עטלעכע שאַפּעס פון קלעצער און מאָך און עטלעכע גריבנע אין דער ערד פאַרגראָבענע שאַלאַשן.

— חברטע, מיר זיינען אויף דער באַזע — האָט פריילעך אויסגערופן איינער פון אירע באַגלייטער.

ליזע האָט געפילט, ווי א כוואַליע פון פרייד פאַרפלייצט איר האַרץ. הונדערטער באַוואָפנטע מענטשן, צווישן זיי אויך קינדער און פרויען — טויזנט קילאָמעטער הינטערן פראָנט! א פּאַרטיזאַנישע שטעטל!

ליזע האָט זיך דאָס גאָר אַנדערש פאָרגעשטעלט. זי האָט געקלערט וועגן, פאַרמאַסקירטע מעלינעס, אונטערערדישע באַהעלטענישן און דאָ — נאַדיר א גאַנץ שטעטל.

— קוקנדיק אויף אייך, קאָן מען מיינען, אַז דער פראָנט איז ערגעץ לעבן בערלין — האָט זי אויסגערופן מיט אַ געלעכטער.

— דער פראָנט איז אומעטום, ווו מע קעמפט! — האָט שטאָלץ געענטפערט אַ פּאַרטיזאַן.

דער שטאַב האָט זי געפונען אין אַ גרויסער שאָפּע אויף דער פּאָליאַנע.

דערווייל האָט ליזע קיין באַקאַנטע נאָך נישט געטראָפן. ווען מ'האָט זי אַריינגעפירט אין אַ ברייטער, אָנגערויכערטער איזבע, האָט זי ביים הילצערנעם טיש מיט אַמאָל דערזען אייניקע, אַלטע באַקאַנטע.

דער אַלטער יאַן האָט רואיק געפּיפּקעט די ליולקע, דער קאַפּיטאַן קרעסטנאָוו האָט עפּעס געצייכנט אויף אַ קאַרטע. אין דער טיר פון צווייטן צימער האָט זי דערזען משהלען דעם „טורעמ־שטשיק". זיי אַלע האָט זי געקענט בלויז פון זעען און אַ סך זיך אָנגעהערט וועגן זיי. פערזענלעך האָט זי געקענט נאָר איין משהלען. זיין יינגסטע שוועסטער איז געווען איר בעסטע חברטע. אויך משהל האָט גלייך דערקענט ליזען. זי איז געשטאַנען אַ צעמישטע. משהל האָט זי צוגעפירט צום טיש, פאָרגעשטעלט זי פאַרן קאַפּיטאַן און פאַר יאַנען. — „אַן אַלטע קאָמסאָמאָלקע, חבר קאָמענדאַנט!" — האָט ער אויסגערופן שמייכלענדיק. קרעסטנאָוו האָט זי אָנגענומען פאַר ביידע הענט, וואַרעם געשמייכלט און זי אַ פרעג געטאָן:

— פאַרמאַטערט פון וועג, חברטע?.

באַלד איז אויך צוגעקומען דער אַלטער יאַן.

— נו, זיי באַגריסט, טייערינקע! מיר וואַרטן שוין לאַנג אויף אַ שליח.

מ'האָט זיך אַרומגעזעצט אַרום דעם טיש. ליזע האָט איבערגעגעבן אַ דיקן, פאַרחתמעטן בריוו. קרעסטנאָוו האָט שנעל אויפגעריסן דעם קאָנווערט, ער האָט אַרויסגענומען פון דאָרט און פאַנאַנדערגעוויקלט אויפן טיש אַ דינע קאַרטע, באַצייכנט מיט אַ בליישטיפט, און אַ בריוול. דאַן האָט ער אויסגערופן מיט פרייד:

—חברה־לייט — די שטאָטישע יאַטן שיקן אונדז אַ געשמאַקן ליבעס־בריוו.

דער קאַפּיטאַן האָט אַריינגעלייגט די קאַרטע מיטן בריוו אין דער לעדערנער טאַש, וואָס איז אים געהאַנגען ביים פּאַס.

— דאָס בלייבט אויף שפּעטער, חברים! און איצט, חברטע, דערציילט אונדז אַלץ.

— מע שרייבט, אַז איר האָט אונדז א סך צו דערציילן.

רופט דעם שטאַב! — האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צו עמעצן אין צווייטן צימער.

עס זיינען אַריינגעקומען כאַנקע טשערעשקע, וויטעק, יערמי־לאָוו — אויך זיי האָט ליזע שוין אַמאָל געהאַט געזען ערגעצוווּ— און עפּעס אַן אומבאַקאַנטער, פעסט־געבויטער, בלאָנדער מאַן אין גאָלדענע ברילן, דורך וועלכע ס׳האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר ערנסטע, ברוינע אויגן. דער מאַן האָט געטראָגן אַן אויסטערלישן גרינעם קאַפּעליוש מיט ברייטע ראַנדן. ליזע האָט זיך שטאַרק פאַרוווּנדערט, דערהערנדיק זיין דייטשישן: „גוטן טאָג!".

— חברטע! — האָט אויסגערופן קרעסטנאָי בשעת אַלע זיינען שוין געווען פאַרזאַמלט אַרום דעם טיש — און איצט דערציילט אונדז.

ליזעס אויגן האָבן געוואַנדערט איבער די פּנימער פון די פאַרזאַמלטע — זי האָט געטראַכט:

איינענע, טייערע מענטשן.

זי האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און אָנגעהויבן צו דערציילן. די מיטגלידער פון שטאַב האָבן זיך מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט צוגעהערט צו אירע ווערטער.

— אין קעלבאַסינער לאַגער זיינען 25 טויזנט קריגס־געפאַנ־גענע געשטאָרבן פון הונגער. בכדי צו פאַרטויבן אין די אַרומיקע דערפער דעם יאָמער פון די מענטשן, האָט מען קעלבאַסין אַרומ־געשטעלט מיט ראַדיאָ־זענדער און דורך זיי דערלאַנגט טאָג און נאַכט מוזיק־פּליטן. די רויט־אַרמייער זיינען אויסגעגאַנגען פון הונגער־טויט אונטער די הילכיקע קלאַנגען פון וואַלסן און פאָקסטראָטן. די דאָזיקע ידיעות האָט מיטגעבראַכט דער לייטע־נאַנט יעפימאָוו, וואָס ס׳איז אים געלונגען צו אַנטלויפן פון אַ טויטן־טראַנספּאָרט. ער געפינט זיך איין אַ זיכער אָרט און וואַרט אויף דירעקטיוון.

דאָ האָט קרעסטנאָי שטיל איבערגעריסן:

— דער לייטענאַנט וועט אונדז נאָך אַ סך העלפן!

ליזאַ האָט פאָרטגעזעצט איר באַריכט:

— אין שטאָט הערשט אַ הונגער, דער אַרבעטס־טאָג איז פאַר־לענגערט געוואָרן. די געסטאַפּאָ מאָרדעט טאָג־טעגלעך צענדליקער מענטשן — דאָס רוב ייִדן. אויך נישט ווייניק פּוילישע און ווייס־רוסישע אַרבעטער און אינטעליגענטן באַצאָלן מיטן לעבן. דאָך וואַקסט דער ווידערשטאַנד מיט איטלעכן טאָג. צוריק איז ביים קי־נאָ „אַפּאָללאָ" דערשאָסן געוואָרן דער פּוילישער געסטאַפּאָ־אַגענט זיעמבאַ. דעם זעלבן אָוונט האָבן די דייטשן דערשאָסן דרייסיק פּוילישע לערער, אַדוואָקאַטן און דאָקטוירים.

—אין דער ציגעלניע איז פאראן א פארצווייגטע ארגאניזאציע. זיעלינסקי דער פאלקס־דויטשע האט באפוילן ארויסצופירן אין לאגער 20 יונגטלעכע העפטלינג, ווייל די פראדוקציע האט אנגעהויבן צו פאלן. אין שטאט און אפילו אין געטא האבן זיך געעפנט „רייזע־ביוראען" פאר עמיגראנטן קיין שלעזיען. די רייזע־ביוראען רופט מען אין שטאט: „חברה־קדישא", אדער „טאוואזשיסטווא פאגזשעבאווע". מען ווייסט, אז שלעזיען הייסט „אויף יענער וועלט". אין געטא עקזיסטירט און אנטוויקלט זיך א ברייטע סאבאטאזש־באוועגונג. די סאבאטאזש־אקטן ווערן אדורכגעפירט נישט דורך פארקלענערן די פראדוקציע, נאר דורך פארניכטן זי ביים פאקן. אין געטא גראבט מען מעליניעס. דער קאנטאקט מיט דרויסן ווערט אויפגעהאלטן נאר דורך דער פארייניקטער, אנטי־פאשיסטישער פאלקס־ארגאניזאציע. אין געטא בושעוועט דער געסטאפא־טעראר. ליטווישע, אוקראינישע, פוילישע און יידישע פאליציי רעקרוטירט זיך פון דער אונטערוועלט. דאס איז די פארפייניקונגס־ארמיי פון די נאציס, דער יידישער פאליציי־שעף, רובין, פירט בלינד אויס די באפעלן פון דער געסטאפא. ביים טויער האט מען אויסגעבויט דריי לאנגע קאמערן, אין וועלכע מען שמייסט די, וואס פארשפעטיקן זיך, אדער די יענע, ביי וועמען מען געפינט פראוויאנט. דער פאריין פון די באן־ארבעטער ליפערט פראוויאנט דורך דער מעליניע. אבער אין געטא הערשט א שווערער הונגער.

— די פראגן, וועלכע איך האב אייך צו שטעלן, זיינען פאלגנדיקע:

— צי קאנט איר פאר אונדז דרוקן און אריינשיקן אין שטאט ליטעראטור און אויפרופן?

צי האט איר פארשלאגן וועגן פארשטארקן דעם פארנעם און פארבעסערן די מעטאדן פון דער סאבאטאזש־אקציע?

— צי קאנט איר זיך פארבינדן מיט דער „ארמיא קראיאווא" און פאדערן פון איר, זי זאל ענדערן די באציונג צו אונדז?'.

— די הויפט־פראגע איז — צי האלט איר פאר ריכטיק אויפשטעלן א גרעסערע „מיליטערישע ארגאניזאציע" אין געטא, וואס זאל שטעלן א ווידערשטאנד די רציחות. אדער האלט איר פאר ריכטיקער איבערצושיקן צו אייך די בעסטע, קאמפסלוסטיקסטע חברים?

— אייניקע האלטן, אז מע דארף צוגרייטן דאס געטא צו אן אויפשטאנד.

ליזע איז אנטשוויגן געווארן. ס'איז געווען שטיל, און דאך האבן אלע נאך ווי געהערט ליזעס רייד. דער קאמענדאנט האט

עפּעס געצייכנט אויף אַ בלעטל פּאַפּיר. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אויפגעהויבן זײַן שאַרפן בליק, אַ קוק געטאָן אויף ליזען און זיך אָפּגערופן.

— איך וויל אַרויסזאָגן מײַן מיינונג איבער אַלע פּראָבלעמען, וואָס זײַנען באַרירט געוואָרן. אַביסל ליטעראַטור קאָנען מיר דער שטאָט שיקן, אָבער אַ דרוקערײַ מוז פונקציאָנירן אויפן אָרט אין שטאָט, אָדער אין געטאָ. איך מיין, אַז מען דאַרף פאַרשטאַרקן די אַגיטאַציע וועגן סאַבאָטאַזש, אַנדערע מיטלען אַ חוץ די, וועלכע זײַנען שוין איך באַקאַנט, קאָן איך דערווײַל נישט. מיט דער אַזוי גערופענער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" פּרוּוון מיר זיך כּסדר צו פאַרבינדן, אָבער זיי האָבן צו אונדז אַ פײַנטלעכע באַציִונג. אין דער פראַגע וועגן קאַמף קעגן דײַטש, האַלטן זיי, אַז מע דאַרף אויסוואַרטן. איך ראָט אײַך, צו זײַן פאָרזיכטיק מיט די פּרוּוון צו פאַרבינדן זיך מיט די דאָזיקע לײַט. לאָזט עס איבער פאַר אונדז. און איצט וועגן דער הויפּט־פראַגע.

דעם געטאָ וועלן מיר העלפן מיט געווער און מיט מענטשן, אויב איר וועט באַשליסן אַזאַ מין אַקציע דורכצופירן, אָבער פון מיליטערישן שטאַנד־פּונקט גענומען, שײַנט מיר, אַז אויסקלײַבן אויסשליסלעך דעם געטאָ פאַר אַ שלאַכט־פעלד איז פאַלש. די דײַטשן וועלן מיט דער מאָדערנער, מיליטערישער טעכניק, לײַכט ליקווידירן יעטוועדן ווידערשטאַנד אין געטאָ. זייערע קרבנות וועלן דערבײַ זײַן מינימאַלע.

אַנדערש זעט אויס די לאַגע אין וואַלד. דאָ זײַנען מיר שטאַרק. דאָ זעען מיר דעם דײַטש, און ער זעט אונדז נישט. דאָ איז די פּראָפּאָרץ פון קרבנות אַ פאַרקערטע. פונדאַנען אויס צווינגען מיר דעם שונא צו אַזאַ קריג און אויף אַזאַ אָרט, ווו ס'איז אונדז באַקוועם און ווו ער ריכט זיך אויף אונדז אַמווייניקסטן. מיר פאַרטיזאַנער עפּענען טויזנטער פראָנטן אין דעם רוקן פון דער פאַשיסטישער אַרמיי. מיר רינגלען אַרום זייערע אָפּטיילונגען און זײַנען גענוג באַוועגלעך, בכדי צו קאָנען לײַכט בײַטן אונדזערע פּאָזיציעס. שיקט בעסער, וואָס מער קעמפער צו אונדז.

— און אײַער מיינונג, חברים? — האָט זיך קרעסטנאַי געווענדעט צו די פאַרזאַמלטע.

משהל טורעמשטשיק, פאַרדרייענדיק אַ לאָק איבערן שטערן האָט אויסגערופן:

— דער קאַפּיטאַן איז גערעכט. די וויכטיקסטע פּאָליטישע און אַזוי אַרום פּראַקטישע און מאָראַלישע אויפגאַבע איז: וואָס שנעלער זיגן! דעם דאָזיקן פּלאַן מוז אַלץ אונטערגעוואָרפן ווערן.

וואָס שווערער עס וועלן זיין דעם שונאס פאַרלוסטן, אַלץ שנעלער וועלן מיר אויסקעמפן דעם זיג.

— נו, און ווי איז אייער מיינונג, חברטע?

— מיר מיינען, אַז רעצידירן אין דעם ענין דאַרפט איר. איר זענט אין דעם מער באַהאַוונט.

— רעצידירן דאַרפט איר, חברים! איר זענט דאָך בעסער באַהאַוונט אין די פראַגן פון אונדז, שטאָטישע!

— גוט, מיר וועלן מיטשיקן מיט אייך אַ חבר, וואָס זיין אויפגאַבע וועט זיין צו העלפן אייך אָרגאַניזירן די אַרבעט סיי אין שטאָט און סיי אין געטאָ, ווי אויך אָנצוהאַלטן אַ סטאַבילן קאָנטאַקט מיט אונדז.

* * *

די באַראַטונג האָט זיך פאַרענדיקט ערשט אין אָוונט. ליזע איז געווען זייער מיד, דאָך האָט עס זי געצויגן אין דרויסן. עס האָט איר פאַרכאַפּט דאָס פּאַרטיזאַנישע שטעטל, דער שיינער זומער־אָוונט אין דעם אור־אַלטן וואַלד.

אָבער דער קאַפּיטאַן האָט זיך נישט גערעכנט מיט קיין סענטימענטן. ער האָט ליזען פאַרבאָטן פריי זיך אַרומצודרייען אין „שטעטל”. ער האָט נישט געוואָלט, עס זאָלן זי דערקענען די פאַרטיזאַנער פון איר שטאָט. ער האָט אָפּגעהיטן איר קאָנספּיראַציע און פון איר געפאָדערט נישט צו פאַרלאָזן די שאָפּע פון דעם שטאַב. דאָ האָט זי גענעכטיקט.

אויף צומאָרגנס אינדערפרי האָט קרעסטנאָי ביים געזעגענען אַ זאָג־געטאָן צו ליזען:

— חברטע, איר קערט זיך אום צום וואָלף אין די ציינער. גרויס און וויכטיק איז אייער אַרבעט. באַגריסט די חברים אין שטאָט און דריקט זיי אויס דעם דאַנק פון שטאַב פאַר זייער איבערגעגעבענער פּאַטריאָטישער טעטיקייט. געדענקט, חברטע! מיר זיינען די באַוואָפנטע פויסט. איר, די שטאָטישע קעמפער, זענט אונדזער אויג און אויער! מיר וועלן זיך טרעפן אין דער באַפרייטער שטאָט!

ליזע האָט געפילט, ווי עפּעס גאַר שטאַרקס, שטאָלצס, טייערס, פאַרבינדט זי מיט די מענטשן. ליזע האָט זיך געטראַכט: דער מענטש איז אומבאַזיגבאַר.

* * *

שוין די צווייטע נאַכט, ווי בערל מיט ליזען זיינען אַרויס מיט די וואַלד־שליאַכן אויפן וועג צו דער שטאָט. בייטאָג זיינען זיי געשלאָפן, איינגעגראָבן אין קוסטעס און צווייגן.

בערל טשערעשקע האָט די וואַלד־שליאַכן געקענט בעסער, ווי פאַן זיעלינסקי זיין טייסטער און ווי דער פאַטער וואַלערי די ביבל. בערלען האָט קרעסטנאַי געשיקט אין שטאָט אָרגאַניזירן די מענטשן, וואָס דאַרפן אַריבער צו די פּאַרטיזאַנער. בערל האָט אויך געדאַרפט איבערגעבן די דרינגנדיקע ידיעות פון דער שטאָטישער אָרגאַניזאַציע אינעם שטאַב פון די פּאַרטיזאַנער. צו דעם צוועק האָט ער געדאַרפט העלפן דעם לייטענאַנט יעפימאָוו אויפשטעלן אַ ראַדיאָ־זענדער און איבערגעבן דעם לייטענאַנט קרעסטנאָס שיפר. דעם שיפר האָט בערל געהאַט באַהאַלטן אין אַ קליין האַנט־גראַנאַטל.

* * *

בערל האָט דערציילט ליזען זייער אַ סך פאַקטן וועגן דער פּאַרטיזאַנקע. — גאָר שנעל זייענען זיי פון צוויי זוואָדן געוואָרן איין אָטריאַד, און אַט זייענען שוין באַלד אַ בריגאַדע פון עט־לעכע הונדערט קעמפער.

זיי האָבן אויפגעריסן ציענדליקער באַנען, פּאַרניכטעט פיינט־לעכע טראַנספּאָרטן, אויפגעריסן בריקן. געווער האָבן זיי געהאַט גישט ווייניק, דער עיקר — דעראָבערטע ביים דייטש. אין דער בריגאַדע — דאָס רוב אָרטיקע קעמפער, אָבער אויך נישט ווייניק „וואָסטאָטשניקעס". צו די „וואָסטאָטשניקעס" — די קעמפער פון דער רויטער אַרמיי, פון די אַלטע סאָוויעטישע געביטן — האָט זיך בערל באַצויגן מיט גרויס דרך־ארץ.

— זיי קאָנען קעמפן מיט דער ביקס און מיטן וואָרט!

ער האָט איר אויך דערציילט, אַ איבער 50 קינדער וווינען אין דעם שטעטל. אַז מ'הויבט זיי אָן צו לערנען. עס שאַפט זיך אויך אַ שפּיטאָל.

— און דאָס אַלץ אין אַ קנאַפּ יאָר פון דעם באַפרייאונגס־קריג! — האָט ער צוגעגעבן מיט שטאָלץ.

אָט איז שוין קאַלאָזשע. ליזע פילט, אַז ביי בערלען קלאַפּט דאָס האַרץ. בערל פאַרבאָרגט עס נישט.

— אוי, חברטע, טיאָכקעט ביי מיר די נשמה — רופט ער שטיל אויס.

אַ פּאָר הונדערט מעטער פון זיי שטייט די ציגעלניע. אין דער גראָקייט פון דער אויסגייענדיקער נאַכט און אין דער בלייכקייט פון פאַרן פרימאָרגן צייכנט זיך דער טונקעלער קאָנטור פון קויל־מען. לעבן דער ציגעלניע — די „אָסיעדליע". די דריטע כאַטע רעכטס — סטאַסיעק.

די שמרעקע איז א קורצע, אָבער זייער א געפערלעכע, ס'דרייען זיך דאָ ארום וועכטער, פּאָליציאנטן און הינט.

מען וואָלט געקאָנט ארומגיין די ציגעלניע און ארייגדרינגען צווישן די כאטעס — אָבער די הינט!

בערל נעמט אָן האַלינקען פאַר דער האַנט. זיי לאָזן זיך איינגעבויגן אריין אין דעם האלב־פינצטערן פעלד. זיי גייען פאַרביי די ציגעלניע פון א היפשן מרחק. זיי זיינען שוין ביי דער „אָסיעדליע״ א הונדערט טריט בלויז.

פּלוצלינג צעקרייט זיך דער האָן. נאָך אים — א צווייטער. א דריטער.

בערל און ליזע ליופן געבויגן צו די כאַטעס. אָט באַלד, נאָך א פּאָר צענדליק מעטער. זיי גלייכן זיך אויס. בערל נעמט אָן ליזען און זיי שפּאַנען רואיק אריין צווישן די כאַטעס.

סאיז שטיל. די "אָסיעדליע" איז פאַרזונקען אין א שווערן, פאַרהאַרעוועטן שלאָף. פון הערוויינטס דערהערט זיך א בילעריי פון הינט און ווידער ווערט שטיל.

אַלץ שלאָפט. בערל צעשמייכלט זיך און זאָגט שטיל:

— מיין מוטער האָט פאַר אזא פאַרטאָג, — אז מיר פלעגן דאַרפן אויפשטיין, פירן די הינער צום שוחט — געהאַט אירס א ווערטל: „ווי קאָן דאָס לעבן זיין גוט, אז דער טאָג הויבט זיך אָן פון אויפשטיין און די וואָך פון זונטיק!״.

ליזע האָט א טראַכט געטאָן — שטענדיק זיינען ביי זיי דאָ גלייכווערטלעך, אָט ביי די טשערעשקעס.

זיי שטייען שוין פאַר דער כאַטע.

— איצטער ווענדט זיך אַלץ אין דעם אויף וויפל אייערע פריינט האָבן א געזונטן שלאָף — האָט אויסגעשעפּטשעט בערל און שטיל אָנגעקלאַפּט אין פענצטער.

א בילעריי פון א הונט.

דאָס פענצטער האָט זיך שנעל געעפנט. וואַנדא וואָלסקאַ האָט דאָס מאָל נישט געדאַרפט וועקן מיט כוח איר זון. סטאַסיעק איז שוין געווען ביי דער טיר.

— האַלינקאַ!

— סטאַסיו!

די טיר האָט זיך שנעל פאַרמאַכט הינטער ליזען און בערלען. די מוטער האָט אריינגעפירט בערלען אין דער איזבע. ליזע און סטאַסיעק זיינען נאָך געשטאַנען ארומגענומען.

אין דרויסן האָבן געקרייט די הענער. אין דער איזבע פון

וואַנדאַ און סטאַסיעק וואָלסקי האָט שוין דער שלאָף מער קיין שליטה נישט געהאַט. אין דעם גראָען פרימאָרגן פון אַ שטאָט אונטער דער הערשאַפט פון דייטש פרייען זיך מיטן לעבן אַ יונגער פּאָליאַק און אַ יידיש מיידל, אויף וועלכע עס לויערן טויזנטער געפאַרן — אין זיי אָבער ריזלט די שמחה פון באַגעגעניש, די פרייד פון הערשטיקטער בענקשאַפט.

שטאָט און געטאָ

ווי נאָך ס׳ איז געוואָרן טונקל האָט סטאַסיעק אָוועקגעפירט בערלען צו דער נייער מעלינע.

* * *

ביים ברעג פון דער אַמאָליקער „אָזיערע,, אין וועלכער ס׳האָבן זיך טאָג־איין, טאָג־אויס געגראָבן די ציגעלניקעס — האָבן זיך געקרימט און געהויקערט עטלעכע כאַטעס. זייערע הויפן האָבן זיך אָנגעשפאַרט מיטן רוקן אין דער געטאָ־וואַנט. אין איינער פון די כאַטעס האָט געוווינט סטעפקאַ מיט איר באָבען און זיידן און אַן אַכט־יעריק ברודערל און זעקס־יעריק שוועסטערל.

איירע עלטערן זיינען עטלעכע יאָר פאַרן קריג אומגעקומען בעת דער טיפוס־עפּידעמיע.

די באָבע און דער זיידע זיינען געווען שטילע, גוט־מוטיקע אַלטיטשקע מענטשן, וואָס האָבן אויף דער וועלט געזען בלויז זייערע אייניקלעך און געהערט בלויז די דרשות פון פּאָטער וואַלערי. הינטער זייער כאַטע זיינען געשטאַנען צוויי אַלטע באַרן־ביימער: פּאַרצוויגטע, פאַרדרייטע, פאַרוואַקסענע, וועגן וועלכע די אַלטיטשקע פלעגן זאָגן, אַז זיי זיינען נאָך עלטער פון זיי. אונטער די ביימער האָבן די אַלטיטשקע פאַרפלאַנצט אַ גערטנדל, פאַרזייט דאָרט מערעלעך, קרויט און קאַרטאָפל. עטוואָס ווייטער האָט זיך צו דער ערד געבויגט אַ שטעלעכל, וועלכעם זיי האָבן שטאָלץ גערופן: „קלאַדאָווקאַ”. אָט פון דער קלאַדאָווקע האָט זיך אָנגעהויבן די מעלינע. אין אַ פינצטער ווינקל, וואָס איז געווען צוגעדעקט מיט דרענגלעך און פאַרשאָטן מיט פרוכנער ערד, האָט זיך איינגעטוליעט דער אַריינגאַנג צו דער מעלינע. דער דורכגאַנג האָט זיך געצויגן טיף אונטער דער ערד, אונטער די קאַנאַליזאַציע־רערן, דורך וועלכע דאָס שמוציקע וואַסער פון געטאָ און פון דער שטאָט פלעגט אַריינפליסן אין דער האָראָדניטשאַנקע — אַ ברודיק, שטראָמיק טייכל. מיט די רערן האָט מען געקאָנט דערפויזען אונטערן געטאָ. דאָ האָט אַן אונטערערדישער קאָרידאָר, עטלעכע מעטער די לענג, פאַרבונדן די רערן מיטן פאַרליגטן קעלער אונטער דעם שניידער לוצקיס צימער. לוצקי, זיינע צוויי זין, באַצ־

קל און יאנקל, די טאכטער כייטשע, בערלס כייטשע, זיינען געווען מיטגלידער פון דער קאמוניסטישער ארגאניזאציע. לאנגע מאנאטן האט מען אין די נעכט געגראבן פון ביידע זייטן די מעלינע.

געארבעט האבן קאמיוניסטן־ציגעלניקעס: סטאסיעק, וולאדעק, סטעפקא, האלינקא — פון איין זייט, די משפחה לוצקי — פון דער צווייטער זייט. געארבעט האט מען נאך שווערע טעג הארעוואניע ביים דייטש מיט פארחלשטע הענט, מיט א ברעכעניש אין רוקן, אין קאפ, אין די פיס — געארבעט פויזענדיק אויף אלע פיר מיטן פנים אין דער בלאטיקער ערד, מיט פארביסענע ציי־נער. ביטער האבן זיי געהארעוועט און זיך צוגעהערט צו יעדן שארך פון דרויסן. געהיט האט מען זיך נישט נאר פארן דייטש. מ'האט זיך אויך געהיט פאר די שכנים, אפילו פאר סטעפעקס אלטיטשקע און קליינוואקס. די אויסגעגראבענע ערד פלעגט מען מיט קוישלעך ארויסטראגן. די ארבעט האט זיך באוועגט לאנגזאם, אבער כסדר פאראויס. אויף ביידע פארטיזאנישע קעמערלעך פלעגט פון וואך צו וואך איבערגעגעבן ווערן א גענויער באריכט וועגן דעם פארלויף פון דער ארבעט. אויף א באראטונג פון זיין קעמערל האט סטאסיעק א זאגעגעטאן:

— אט אזוי גראבנדיק דעם טונעל, טראכט איך אפט, אז דאס גראבן מיר א וועג צו עמעצן, וואס איז פארשאטן געווארן אונטער דער ערד. פון דעם טעמפא פון אונדזער ארבעט איז אפ־הענגיק דאס לעבן פון די פארשאטענע!

— אזוי איז עס טאקע, סטאסיעק! — האט געענטפערט זאסיא.

אט אזוי פלעגט מען שמועסן אויפן קעמערל, און געגראבן האט מען זיך אלץ טיפער און אלץ ווייטער.

ביז אין איינער א נאכט האט די יונגע גרופע פון דער „אסיעדליע”, וועלכע האט שוין געריכט די וועגן אין דעם קא־נאליזאציע־סיסטעם — זיך אנגעטראפן פנים אל פנים מיט די לוצקים.

* * *

ביי סטעפעקן האט בערל אנגעטאן א רעקל מיט א געלער לאטע פון פארנט און אויפן רוקן.

ער האט זיך מיט סטאסיעקן אראפגעלאזט אין דער מעלינע. סטאסיעקן איז גוט באקאנט געווען דער האזיקער וועג. ער האט אים שוין נישט איינמאל אדורכגעמאכט, פירנדיק פראוויאנט און גייענדיק אויף טרעפונגען מיט די יידישע חברים. אונטער

זייערע פיס האָט גענישומעט אַ שמוציקער, עיפּושדיקער שטראָם. זיי זיינען געגאַנגען געבויגן, דורך דער ברייטער ריער.

בערל האָט געשפּירט אַ ווייטיק און פרייד:

הייסט דאָס: דאָס איז דער וועג צו דער מוטער, צו כייטשען, דער וועג צו דער היים.

דורך דעם געפּיל פון ביטערן צאָרן האָט פּלוצלינג אַרויסגע־שטראַלט אַן אַנדערע מחשבה:

אַ קעמפערישע האַנט האָט דעם וועג געבויט, אַ קעמפער־רישע האַנט פון דער „אַסיעדליע" און „יורזיקע"!

בערל איז שטאָלץ געווען מיט זיינע חברים.

אַט זיינען זיי שוין אַרויס פון דער ריער, זיך פאַרנומען רעכטס, בערל טאַפּט אַן איבער זיין קאָפּ אַ באַלקן, „ביי די זייטן— פייכטער באָדן. סטאַסיעק גיט אַ צי פאַר אַ שטריקל, עס דערהערט זיך אַ שאָרך — דאָס ברעט רוקט זיך אָפּ. סטאַסיעק קריכט אַריין אין שפּאַלט אונטער דעם ברעט, בערל נאָך אים — אַ פינצטערער קעלער. אַ סילועט פון אַ מאַן און אַ פרוי.

— איך האָב אייך געבראַכט דעם חבר פון דער באַזע! — הערט בערל סטאַסיעקס שטים.

— גוט, חבר! קיין בעסערע בשורה האָט איר אונדז נישט געקאָנט אַנזאָגן — הערהערט בערל אַ פרייליכע שטים.

— כייטשע!

בערל האָט שטילערהייט אויסגעשעפּטשעט די גרויסע בענק־שאַפט פון זיין האַרצן.

— כייטשע !

— בערעלע!'.

* * *

דעם זעלביקן אָונט האָט לאַנדער זיך אַראָפּגעכאַפּט צו בער־לען אין קעלער. דורכן טונעל זיינען פון דער קריסטלעכער גאַס אָנגעקומען די חברטע זאָסיאַ, דער חבר פּיאָטר און האַלינקאַ. דאָס האָט דער שטאָטישער שטאַב פון דער פאַראייניקטער, אַנטי־פאַ־שיסטישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אָפּגענומען דעם באַריכט פון די פּאַרטיזאַנישע שליחים. כייטשע און בײדע ברידער לוצקי האָבן געהאַלטן וואַך אויבן, אויף דער ערד, אין צימער און ביים טויער.

בערל האָט איבערגעגעבן אין קורצן די סיבה פון זיין קומען. געוויסע פּאָזיציעס פון דעם פּאַרטיזאַנישן שטאַבס־פּלאַן האָט דער אָרטיקער שטאַב שוין געהאַט אַדורכגעפירט. פּאַסיקע מענטשן פון געטאָ האָט מען איבערגעשיקט צו די פּאַרטיזאַנער. זאָסיאַ איז גע־ווען אַן אָנגעשטעלטע אין אַ ביוראָ פון דעם „היימאַטס־אַרמיי־

קראַפּט־פּאַרק". זי איז דאָס געווען די, וואָס האָט אַרויסבאַקומען די בלאַנקעטן, וועלכע לאַנדער האָט אויסגעפּילט מיט גענויע פּערסאָנאַלע פּרטים, מיט אַרישע נעמען. די איבעריקע פּונקטן פון פּלאַן זיינען דורכדיסקוטירט געוואָרן בלויז פון טעכנישן שטאַנדפּונקט. אויס־אַרבעטן דעם פּלאַן וועגן אַוועקשטעלן אַ זענדער, בכדי צו קאָנען מיט זיין הילף שנעל אינפאָרמירן דעם פּאַרטיזאַנער־שטאַב — איז איבערגעגעבן געוואָרן די חברים זאָסיאַ און פּיאָטר. זיי האָבן אויך געדאַרפט געפינען אַ פּאַסיק אָרט פאַר דער דרוקעריי. לאַנדער האָט געדאַרפט מיט די יידישע חברים, וועלכע האָבן געאַרבעט אין דער שטאָטישער דרוקעריי, דורכרעדן זיך וועגן שאַפן בוכשטאַבן און פאָרמעס. מ'האָט אויך באַשלאָסן, אַז בערל בלייבט אין קעלער ביז מען וועט צוטרעטן צו דער אַרבעט ביים זענדער. האַלינקאַ האָט איבערגעגעבן וועגן דער שטעלונג פון דעם פּאַרטיזאַנער־שטאַב צו דער פראַגע פון ווידערשטאַנד און פון אַרויסשיקן מענטשן אין וואַלד.

נאָך זיי האָט גענומען אַ וואָרט לאַנדער:

— די געטאָ־מענטשן, — האָט ער געזאָגט — כאַפּן זיך אָן אין יעדן שאָטן פון האָפענונג. זיי ווילן נישט זען די געפאַר, ווי זי איז. טייל גלויבן נישט, אַז טרעבלינקע איז אַן אמת. זיי ווילן לעבן, און שטאַרבן דעריבער מיט פאַרמאַכטע אויגן. קרעסנטאַי איז גערעכט. וועגן אַן אויפשטאַנד אין געטאָ איז פריציייטיק צו קלערן. די פּאַרטיזאַנער קעמפן שוין, זאָלן מיר שטאַרקן די פּאַרטיזאַנישע אַרמיי.

—חברים! ס'איז אַ גרויסע פרייד צו הערן וועגן דעם קאַמף פון אונדזערע פּאַרטיזאַנער. דאָס איז פאַר אונדז אַ טרייסט, אַ דערהמו־טיקונג. דער לעבעדיקער גרוס פון זייער קאַמף פון זייערע נצחונות וועט אונדז העלפן לייכטער אויסצושטיין אונדזער שווערן געראַנגל קעגן דעם שונא!

דער שטאָטישער שטאַב האָט אָנגענומען די שטעלונג פון דעם פּאַרטיזאַנישן שטאַב.

* * *

ערשט דעם צווייטן אָוונט האָט זיך בערל געטראָפן מיט דער מוטער.

פאַרנאַכט איז כייטשע צוגעלאָפן צו מאַריען און איר איינגע־רוימט אין אויער:

— מאַמע, איך ברענג דיר אַ גוטע בשורה!

מאַריע האָט כייטשען אַרומגענומען, צוגעדריקט צום האַרצן און שטיל אויסגערופן:

— רייד, טייערינקע, דושאַ!

— , בערעלע איז דאָ!

ביטשע האָט דערפילט, ווי ס'טוט אַ ציטער די גרויסע מאַריע, איר שטים איז מאָדנע צוגעשטיקט:

— ווו קאָן מען אים זען, סערחצע, סערדיענקאָ!?

— איך וועל אים ברענגען צו שייע בערן אין דער קלאַדאָווקע — ס'דאַרף אָבער קיינער נישט באַמערקן, אַז איר גייט אַהין, מאַמע!

ביטשע האָט באַמערקט, אַז מאַריעס האַרץ קלאַפּט, ווי אַ גרויסער וואַנט־זייגער.

— איך וועל אַהין צופאָרן באַגיסן מיין גאָרטן, טייבעלע, איך וועל שוין זיין אָסטראָזשנע — פאַרלאָז זיך שוין אויף מאַריען, דושאַ!

* * *

דעם פרילינג האָבן אַלע יידן פאַרפלאַנצט גערטנער, לויט דער פאַראָרדענונג פון דעם יודען־ראַט. די גערטנער האָט מען געמעגט בלויז פלאַנצן אין דעם געטאָ־שטח, ווו קיין סך פרייער באָדן איז נישט געווען, זיינען יידן מיט זייערע גערטנער ממש אויף די גלייכע ווענט געקראָכן. קאַרטאָפל, ציבעלעס, מערן און קרויט האָבן זיך געוויקלט ווי וויין־שטאָקן אויף דעכער, אויף ווענטלעך, אויף מיסט־קאַסטנס און קוימענס. איינער האָט פאַרזייט בוראַקעס אין אַ וואַנע. אַ צווייטער האָט אָנגעשאָטן אַ פולע קאָדיזשקע מיט ערד און פאַרפלאַנצט אין איר פּאָמידאָרן.

— אינגיכן וועלן מיר נאָך פאַרפלאַנצן מאַראַנצן־ביימער — האָט געשפּאַסט מאַריע. זי האָט זיך טאַקע פאַרשאַפן דעם משונה־דיקסטן גאָרטן אין געטאָ. מאַריע האָט ערגעץ אַרויסגעקראַצט אַן אַלט, קינדעריש וועגעלע. זי האָט אויסגעבויערט עטלעכע לעכער אין זיין דעק, אָנגעפילט מיט ערד און פאַרזייט קאַרטאָפל. דעם גאָרטן האָט זי געפלעגט, ווי אַן אייגן קינד.

אין די פאַרענגטע געסלעך פון געטאָ האָט די זון מער געשאַטנט, ווי געשיינט. אָבער, אַז מאַריעס גאָרטן האָט זיך גענויטיקט אין זון, פלעגט זי אַ נעם טאָן דאָס וועגעלע און אַרויספירן איר גאָרטן אויפן שול־הויף.

— אָנוואַרעמען זיינע ביינדעלעך.

וואַסער פלעגט מען שלעפּן פאַר דער גאַנצער גאַס פון שייע בערס ברונעם. קיין וואַסער־ליטונג האָט אין געטאָ נישט פונקציאָנירט. פאַר איר גאָרטן האָט מאַריע קיין וואַסער נישט באַדאַרפט פירן. זי פלעגט פירן דעם גאָרטן „באָדן” צום ברונעם.

בייזע צינגער אין געטאָ פלעגן זיך וויצלען:

— דאָס דריטצנטע טשערעשקעלע.

אַזוי ווי יעדן געוויינלעכן אָוונט, איז אויך דאָס מאָל מאַריע פֿאַרפֿאָרן מיט איר גאָרטן צו שייע בערן. ווי געוויינלעך האָט זי אויך דאָס מאָל געלאָזט שטיין איר גאָרטן ביים ברונעם און איז אַריין צו שייע בערן אַ פּלוידער־טאָן.

שייע בער איז געווען אַ בעל־עגלה. די דייטשן האָבן צוגענומען ביי אים די קליאַטשע און איבערגעלאָזט בלויז דעם ברונעם. חוץ דעם ברונעם האָט שייע בער פֿאַרמאָגט נאָך אַ שטעלעכל, אין וועלכן עס האָבן געוווינט זיינע צוויי זין.

די זין האָבן זיך געכאָוועט מיט כייטשען, שייע בער — מיט לוצקין. דאָס זיינען געווען איידעלע מענטשן.

איינבויגנדיק איר גרויסן גוף, איז מאַריע לאַנגזאַם אַריין אין שטעלעכל. אין דער פֿינצטער האָט מאַריע בערלען נישט דערזען, בערל האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו איר און אַרויפֿגעפֿאַלן אויף איר האַלדז. בערל האָט געפֿילט אין דער מוטערס קושן די לאַנגע, שווערע מאָנאַטן פֿון בענקשאַפֿט נאָך אירע צוועלף זין, מוטער־פּחד וועגן זייער גורל און אירע אייגענע ביטערע צרות אין דער טאָג־טעגלעכקייט פֿון געטאָ.

— אַלע זיינען געזונט, בערעלע, אַלע? — האָט מאַריע געפֿרעגט.

זי האָט אַרויסגעזאָגט די ווערטער שטיל, אָבער אונטער זייער רואיקייט האָט זיך געטאַיעט סיי ווייטיק, סיי האָפֿענונג, אפֿשר, אפֿשר?...

— מיר זיינען אַלע אין אָטריאַד, מאַמע! חוץ...

בערל האָט מיטאַמאָל אָפּגעהאַקט. עס האָט אים פֿאַרפֿעלט אָטעם צו פֿאַרענדיקן דעם זאַץ.

— חוץ? — האָט אונטערגעכאַפּט די מוטער מיט אַ ציטערדיק קול.

— אַברהמל און חיים זיינען צו דער באַזע נישט דערגאַנגען, מאַמע!

בערל האָט עס אַרויסגערעדט מיט איין אָטעם און איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט מאַריען געהאַלטן פֿאַר די הענט און געפֿילט, ווי זיי שליסן זיך שטאַרק, שטאַרק אין פֿויסטן און איר גרוי־געוואָרענער גרויסער קאָפּ בייגט זיך און וואַקלט זיך.

— מיין מאַמעלע איז שוין גאָר אַ יתום — האָט אויסגעשעפּטשעט מאַריע.

— מאַמע, מיר נעמען נקמה! — האָט אויסגערופֿן בערל —

מיר ליגן זיי אויס, די היצלעס — מיר גיבן זיי פעפער צו שמעקן, אוי גיבן מיר זיי פעפערלעך!

— גוט, בערעלע, גוט קינדערלעך! זאָל דער אויבערשטער שטאַרקן אייערע הענט. זאָל ער אייך געבן די כוחות פון שמשון הגבור און די שנאה פון אַלע יתומים און אַלמנות. בערעלע, איך וויל דיר העלפן. איך וויל אייך העלפן. זאָג, וואָס זאָל איך טאָן?

— מאַמע! דו היטסט אָפּ אונדזערע קינדער און פרויען.

— וואָס רעדסטו עפּעס פאַר אַ נאַרישקייטן? וועמען קאָן מאַריע היינטיקע צייטן אויסהיטן? דער דייטש וועט דאָך אונדז אַלעמען אויסענדיקן. נאָר אין וואַלד, נאָר אין שלאַכט קאָן מען דערציען ביז זייער שוואַרצן סוף. בערעלע, אפשר פירט מען אַרויס די קינדער ערגעץ צו אייך אין די וועלדער? האַ?

— מיר טראַכטן וועגן דעם, מאַמע! איצט מוזן מיר זיך געזעגענען. ביטשע וועט דיר איבערגעבן וועגן מיר, מיר וועלן זיך נאָך זען.

מאַריע האָט ווידער אַמאָל אַרומגענומען בערלען און אים אַריינגעשושפּטשעט:

— זאָלסט נישט איינשטעלן זיך, זונעלע, צוליב טרעפן זיך מיט מיר. דו ביזט דאָך אַ פּאַרטיזאַן.

די מוטער האָט אים שטאַרק אַרומגענומען און איז אַרויס פון שטיבל.

מאַריע איז אַוועק מיט איר גאָרטן.

בערל האָט נאָך געהערט דאָס סקריפּען פון די רעדער און האָט געקלערט, ווי ווייל עס איז אים, אַז ער, בערל, איז אַ זון פון אַזאַ מוטער, אַז ער, בערל, קאָן זיין אַזוי שטאָלץ מיט זיין מאַמען, מיט זיינע ברידער, מיט ביטשען און, נישקשה, בערל טשערעשקע אַליין פאַלט ביי זיך אויך נישט אַראָפּ.

* * *

קעגנאיבער דעם קעלבאַסינער לאַגער האָבן זיך געצויגן די מיליטערישע גאַראַזשן און מעכאַנישע וואַרשטאַטן, די ביוראָען און קאַזאַרמעס פון דער אַזוי גערופענער „היימאַטס־אַרמיי־קראַפטס־פּאַרק".

פיל יידישע פּאַבליט פון געטאָ האָבן דאָ געאַרבעט. די דייטשן פון א. ק. פּ. זיינען געווען עלטערע און יינגערע פּאַבליט, וועלכע זיינען אין דער געגנט באַקאַנט געווען דערמיט, וואָס זיי האָבן אויף זייער חשבון קיין ספּעציעלע רציחות נישט געהאַט. אפילו די יידישע פּאַבליט אין א. ק. פּ. האָבן געהאַט אויסצושטיין ווייד

ניקער צרות און געאַרבעט אין פֿאַרהעלטנישמעסיק בעסערע באַדינגונגען.

אין איינעם פֿון די ביוראָען האָט וורובלעווסקאַ געאַרבעט אַלס הויך־קוואַליפֿיצירטע אָנגעשטעלטע. וורובלעווסקאַ איז געווען די אָנפֿירערין פֿון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע אין שטאָט. דאָס איז געווען די חברטע זאָסיאַ.

וורובלעווסקאַ האָט געשטאַמט פֿון אַ משפּחה פּוילישע אינטעליגענטן. איר מוטער איז געווען אַ דייטשקע. אירע עלטערן האָבן זיך מיט פּאָליטיק נישט פֿאַרנומען, געפֿירט אַ פֿאַרזיכערט לעבן פֿון פֿאַרמעגלעכע קלייני בירגער. זאָסיאַ האָט געוווינט מיט אירע עלטערן אין וואַרשע, דאָרט שטודירט און זיך דערנענטערט צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ווען די דייטשן האָבן פֿאַרנומען וואַרשע, האָט זאָסיאַ פֿאָרטגעזעצט איר בילדונג און גלייכצייטיק זיך באַטייליקט אין דער לינקער אַנטי־פֿאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע. נאָכן 22־טן יוני איז זאָסיאַ מאָביליזירט געוואָרן צו דער אַרבעט אין די ביוראָען פֿון אַרמיי־קוואַרטיר־פּאַרק און דאָ האָט זי זיך איינגעשאַפֿט אַ גרויסן צוטרוי ביי אירע שעפֿן. זאָסיאַ האָט באַקומען די נויטיקע פֿאַרבינדונגען אין שטאָט. זי האָט זיך אַלץ מער פֿאַרבונדן מיט די קעמפֿער און אַלץ גרעסערע נוצן געבראַכט דער באַוועגונג.

מיט דער הילף פֿון די בלאַנקן, וועלכע זי האָט אַרויסבאַקומען, זיינען צענדליקער יידן אַריבער אויף דער קריסטלעכער זייט. זי האָט יעפֿימאָוון אַריינגעפֿירט אויף פֿאַלשע דאָקומענטן אַלס מעכאַניקער אין די גאַראַזשן פֿון א. ק. פּ. זי האָט מיטן פֿאַטער וואָלערי איינגעטענהעט, אַז ער דאַרף זיין פֿאָרזיכטיקער אין זיין פֿרעדיקן און אין זיין האַנדלונג. זי האָט געשאַפֿן ביי אים אין דער פֿלעבאַניע אַ באַהעלטעניש פֿאַר די איבערלויפֿער. זי האָט זיך אַפֿילו פֿאָרזיכטיק פֿאַרבונדן מיט אַ דייטשן מאָלער, וואָס זיין פֿאַמיליע־נאָמען איז אויך געווען מאָלער — אַ סערזשאַנט אין די גאַראַזשן — וועלכער האָט פֿון זיין זייט געהאַלטן פֿאַרבינדונג מיט צוויי שאָפֿערן־קאָמוניסטן.

זי האָט אויך נישט איינמאָל איבערגעגעבן וויכטיקע ידיעות אין פּאַרטיזאַנער־שטאַב, איבערגעשיקט צייכענונגען, קאַרטעס, פּלענער און אַנדערע זאַכן. זי האָט עס אינפֿאָרמירט די קאָמיטעט־מיטגלידער פֿון געטאָ וועגן טרעבליניקע און וועגן קעלבאַסין.

אַ דאַנק איר איניציאַטיוו איז געשאַפֿן געוואָרן דער איינהייטלעכער קאָמיטעט פֿון שטאָט און געטאָ. די חברים, וועלכע זיינען געווען קעגן אַזאַ קאָמיטעט צוליב די ספּעציפֿישע באַדינגונגען פֿון שטאָט און געטאָ, האָט זי שאַרף געענטפֿערט:

— נישט מיר האָבן געשאַפן חאָס געטאָ. דער שונא האָט אויפגעשטעלט די געטאָ־וואַנט, בכדי צו צעשפּליטערן אונדזערע כּוחות, בכדי צו שאַפן פאַר אונדז, קריסטן, אַן אילוזיע, אַז מיר זיינען די פּריווילעגירטע, אַז מיר קאָנען אונדזערע פּריווילעגיעס היטן דורך אַ פאַראייניקונג מיטן דייטש אין קאַמף קעגן דער „יידישער סכּנה". מיר מוזן אויפקלערן די מאַסן, אַז די דאָזיקע „פּריווילעגיע" באַדייט נאָר איינס: אויסגעראָטן ווערן עטוואָס שפּעטער פון די יידן. מיר מוזן קעמפן פאַראייניקט קעגן דעם שונא. אַ בשותפותדיקער קאָמיטעט הייסט — איינהייטלעכע אָנפירונג, איין פראָנט, איין לאַגער. דער ראַסן־טעאָריע מוזן מיר אַנטקעגנשטעלן אונדזער וועג פון פעלקער־פאַרברידערונג.

די חברטע זאָסיאַ האָט איבערצייגט די חברים. דער טונעל איז אויסגעגראָבן געוואָרן. דורכן טונעל האָבן זיך געראַטעוועט אַ סך מענטשן. דער טונעל האָט פאַראייניקט דעם קאַמף אין שטאָט און אין געטאָ.

זאָסיאַ און פּיאָטר האָבן געפונען אַ פּאַסיק אָרט פאַרן זענדער.

דער חבר פּיאָטר איז געווען אַ לאָקאָמאָטיוו־מאַשיניסט. געווינט האָט ער מיט זיין משפּחה אין אַ קליין הייזל מיט אַ גאָרטן ביי דעם לאָסאָסנער וואָקזאַל. אַלס סובלאָקאַטאָר האָט ביי אים געווינט אַ מעכאַניקער פון אַ. ק. פּ., יאַן פּעטרענקאָ, אַן אוקראַינער. דאָס איז געווען יעפימאָוו. ביים לאָקאָמאָטיוו־מאַשיניסט אין הויז, איבערן בוידעם איז געווען אַ טויבן־שלאַג. צענדליקער ווייסע טויבן האָבן געפירט ראָמאַנסן איבער פּיאָטרס דאַך. נישט איינמאָל האָבן די ס.ס.־ניקעס, פאַרבייגייענדיק, געשאָסן אויף זיי. זאָסיאַ, פּיאָטר און יעפימאָוו האָבן באַשטימט, אַז הינטערן טויבן־שלאַג וועט זיין דאָס פּאַסיקסטע אָרט פאַרן זענדער. אויך די סביבה — אַ. ק. פּ. און דער קעלבאַסינער לאַגער — איז געווען זייער אַנטשפּרעכנדיק.

יעפימאָוו, שמחה, אַ יידישער שלאָסער, און פּיאָטר האָבן ביסלעכווייז אויסגעפונען די נויטיקע טיילן, וועלכע האָבן געפעלט צום זענדער. די וויכטיקסטע טיילן האָבן מיטגעבראַכט פון דער באַזע בערל און האַלינקאַ. איינציקע וואָכן נאָך בערלס און האַלינקעס אָנקומען אין געטאָ האָט קרעסטנאָי, וועלכער איז צופעליק אַליין געזעסן אין דער אָפּגערעדטער צייט ביים ראַדיאָ, דערהערט:

— ליליאַ, ליליאַ, ליליאַ!

דער קאַפּיטאַן האָט שנעל שיפרירט.

— דער זענדער איז אויפגעשטעלט. אַ טראַנספּאָרט מאַנטיר־

טע טאַנקען וועט מאָרגן זיבן פערציק אין אָוונט אַרויסגעשיקט ווערן פון דער באַן־סטאַציע לאָסאָסנע אין דער ריכטונג אויף באַראַנאָוויטש.

— ליליאַ, ליליאַ, ליליאַ!

אַ מינוט שפּעטער האָט יעפּימאָוו שויפירט דעם ענטפער:

— ניעמאַן, ניעמאַן, ניעמאַן!.

— מיר גראַטולירן די שטאַטישע חברים. די 12 קעמפּער פון געטאָ זיינען אויף דער באַזע אָנגעקומען.

— ניעמאַן, ניעמאַן, ניעמאַן!

* * *

— וואָיציעך — „דער יודאַש" — איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע אויפזעער אין דער ציגעלניע. ספּעציעל פלעגט ער וואַרפן אַן אויג אויף די יונגע אַרבעטערינס. ווען וואָיציעך האָט סטעפּקאַן אַוועקגעשטעלט ביי אַן אַנדערער אַרבעט, אַ גרינגערער און בעסער באַצאָלטער — ביים ציילן די וואַגאָנעטקעס — האָט איר עפּעס אַ קלעם געטאָן ביים האַרצן.

דעם אָוונט איז ביי סטעפּקאַן אין שטוב פאָרגעקומען אַ זיצונג פון דעם „אַסעדליער" פּאַרטיי־קאָמיטעט.

ווען די חברטע זאָסיאַ האָט אָנגעהויבן דעם רעפעראַט איז האַלינקאַ, וואָס איר אויפגאַבע איז געווען צו היטן דאָס טויער, אַריינגעלאָפן אַ פאַרכאַפּטע און אויסגערופן:

— וואָיציעך גייט!

די טיר האָט זיך גלייך געעפנט און מיט אַ ברייטן „גוטן אָוונט" איז אַריין וואָיציעך. ער איז געווען אויסגעפּוצט און טויט־שכור. מיט וואַקלדיקע פיס איז ער צוגעגאַנגען צום טיש. ער האָט נישט גלייך באַמערקט, ווער עס זיצט אינעם צימער. זיין שכורער בליק איז געלאָפן פון איינעם צום צווייטן און האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף זאָסיען. אַ ווײַלע האָט ער זיך פאַרטראַכט. אַלע האָבן געזען, ווי ער שטרענגט אָן דעם זכרון און באַמיט זיך צו דערמאָנען, וווּ ער האָט זי ערגעץ געזען. זיין בליק האָט זיך אויסגענירכטערט.

— האַ, האַ — האָט ער אַ ברום־געטאָן — וואָס טוט איר דאָ אַלע צוזאַמען, האַ?

דאָס צימער האָט זיך געשטיקט אין אַ שווערן שווייגן. בלויז וואָיציעכס „האַ" מיט זיין קייכן האָט איבערגעריסן די שטילקייט. סטאַסיעק האָט באַשלאָסן: נישטאָ קיין ברירה.

צוויי טריט פון אים, אויף דער קאָמאָדע, איז געלעגן אַ שווע־

רעד האמער. וואַיציעך איז געזעסן אַ צוויי טריט נאָך דער קאָ־מאַנדע.

„פיר טריט״ — האָט ביי זיך גערעכנט סטאַסיעק.

אַ שפרונג.

וואַיציעכס מויל האָט זיך געעפנט אַרויסצוגעבן אַ געשריי, נאָר ס׳האָט זיך אַרויסבאַקומען אַ גוססדיק כאָרכלען.

אַ רגע זיינען אַלע געבליבן צעחושט.

סטאַסיעק האָט באַפוילן:

— אין בונקער!

סטאַסיעק און וולאַדעק האָבן גענומען אַרויסשלעפן דעם קער־פער.

— וואַיציעך איז נישט געווען אַליין: ער האָט זיך געזעגנט ביים טויער מיט דעם געסטאַפּאָ־אַגענט „בער״ — האָט האַלינקאַ אויסגערופן.

אַלע האָבן דערפילט, ווי אַ פּראַקטיקע כוואַליע נעמט זיי אַרום.

די ערשטע איז צו זיך געקומען — זאָסיאַ.

— חברים, איר מוזט אַלע תיכף נעלם ווערן. וולאַדעק, סטאַסיעק און האַלינקאַ זיינען אין דער „אַסיעדליע״ באַקאַנט פאַר גוטע חברים — דאָס הייסט, אַז דאָס גאַנצע קעמערל איז דורכגעפאַלן. און נישט נאָר דאָס קעמערל, אויך די מעלינע וועט אויפגעדעקט ווערן, מען דאַרף גלייך איבערגעבן די לוצקים — זיי זאָלן זיך אַפּטראָגן. דו, סטעפקאַ, געזעגן זיך מיט דיינע אַל־טיטשקע, און דו, סטאַסיעק, מיט דער מוטער און גלייך — היידאַ אין וואַלד! ביי דער פאַרברענטער טערפענטין־זאַוואָדיע וועט מען אויף אייך וואַרטן, מאָרגן צען אַזייגער ביינאַכט. די קאָנטאַקטן און דעם סימן קאָן האַלינקאַ. מיט די לוצקים וועט איר זיך טרעפן אין מאַליטיוווקע און אַפּמאַרשירן צוזאַמען.

מיט פאַרקלעמטע הערצער האָבן די חברים אויסגעהערט זאָ־סיעס דירעקטיוון.

— וואָס וועט זיין מיט די אַלטע, מיט די קינדער? — האָט אַ פרעג געטאָן סטעפקאַ.

— יוזשעקן וועסטו מיטנעמען אויף דער באַזע. מאַניוסיאַ איז אַלט סך הכל זעקס יאָר, זי וועט מען אפשר נישט טשעפּען, די אַלטע, קענסטו נישט העלפן.

וואַיציעכן האָט מען טיף באַגראָבן אונטער די רערן. זאָסיאַ האָט אַלע אַרומגענומען און מיט יעדן זיך היים צעקושט. מען איז זיך צעגאַנגען, שווייגנדיק, נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט.

* * *

אויף אַ קורצער באַראַטונג מיט די לוצקים איז באַשלאָסן געוואָרן גלייך צונויפֿצופֿירן די צווייטע פּאַרטיזאַנער־גרופּע. צען בחורים און דריי מיידלעך דאַרפֿן זיך אַרויסלאָזן אויף דער באַזע. בערלס אויפֿגאַבע איז געווען איבערפֿירן די גרופּע. כייטשען האָט ער איבערגעשיקט צו דער מוטער, און זי האָט אים געבראַכט מאָטעלען. בערל האָט באַשלאָסן דאָס קליינע יאַטל מיטצונעמען צו די פּאַרטיזאַנער.

ס׳האָט זיך גראָד אָנגעהויבן אַ שטאַרקער רעגן און אין דער נאַסער פֿינצטערניש איז לייכט געווען אַריבערצופֿירן אַ גרעסערן טראַנספּאָרט.

דער רעגן האָט געקלאַפּט אין די צווייגן און בלעטער, איז פֿאַרקראָכן הינטערן קאָלנער, אין די שיך.

אויך אויף דער נשמה איז געווען רעגנדיק.

די ערד איז געוואָרן דורכגעווייקט, מ׳איז געווען געצווונגען צו גיין מיטן ברעג פֿון ניעמאַן, אין וואַסער, בכדי נישט איבערצולאָזן קיין שפּורן. פֿאָראויס האָבן געשפּאַנט בערל און סטאַסיעק. אונטער די מאַנטלען האָבן זיי געהאַלטן שווערע נאַגאַנען.

סטאַסיעקן האָט געטאָטשעט אַ פּחד וועגן דער מוטער. ער האָט נאָך געפֿילט איר הייסן קוש. עס האָט אים פֿאַרפֿאָלגט דער פֿאַרזאָרגטער בליק פֿון אירע אומעטיקע אויגן, אין זיינע אויערן האָבן נאָך געקלונגען אירע לעצטע ווערטער:

— סטאַסיעק, זאָל דיר גאָט העלפֿן צו אַ ליכטיק רויִק לעבן!

אַ שווער פֿאַרגעפֿיל האָט זיי ביידע פֿאַרכאַפּט — אַז ס׳איז דער לעצטער קוש, אַז זיי געזעגענען זיך אויף אייביק.

סטאַסיעק האָט געגלעט דאָס גאָלדענע צלמל, וואָס די מוטער האָט אים אָנגעטאָן אויפֿן האַלדז. דאָס צלמל האָט זי, די מוטער, אויסגעטראָגן דאָס גאַנצע לעבן. דאָס צלמל האָט געשמעקט מיט דער מוטערס לייב, מיט דער מוטערס ליבע. אין רוקזאַק האָט סטאַסיעק מיטגענומען דאָס אָפּגעבליאַקעוועטע פּאָרטרעטל פֿון זיין פֿאָטער, אַ פּאָר שטיקער ברויט און געבאַקענע קאַרטאָפֿלעס.

סטעפֿקאַ איז געווען דערשלאָגן און צעבראָכן. אָן אויפֿהער האָט זי געפּייניקט אַ שווערע פֿראַגע: צי האָט זי דאָס רעכט איבערצולאָזן די אַלטיטשקע אין דער גרעסטער לעבנס־סכנה? די דייטשן וועלן דאָך זיכער זיך אין זיי נוקם זיין.

כאַצקל לוצקי האָט שטיל געשמועסט מיט זיין פֿאָטער. ער

האָט דאָס געאַרבעט אין דער דרוקערײַ. טאָג־עטלעך — געשלעפּט בוכשטאַבן און פֿאָרמעס און פֿאַרן אַרײַנגיין אין געטאָ — זיי איבערגעגעבן אַ שטאָטישן חבר. איצטער וועט זייער שוועער זײַן צונויפֿצושטעלן די דרוקערײַ. אַ גליק, וואָס עס פֿעלט שוין נישט קיין סך.

און ווידער איז די אײנציקע בריק, וואָס האָט פֿאַרבונדן דאָס געטאָ מיט דער שטאָט פֿאַרבליבן די מאַלינע, וואָס האָט זיך געצויגן פֿון דעם יודען־ראַט־הויף ביזן קאָשציאָל.

אין דרויסן איז געוועזן כּמורנע. כּמורנע איז אויך געווען אויף דער נשמה.

שווערע וואָלקנס האָבן זיך געזאַמלט איבערן געטאָ און איבער דער „אָסיעדליע".

* * *

„ליליאַ — ליליאַ — ליליאַ".

משהל טיורעמשטשיק האָט שיפֿרירט די מיטיילונג.

„הײַנט צען אין אָוונט — אַ טראַנספּאָרט פּאַרטיזאַנער און וויכטיקע טוער פֿון דער שטאָטישער אָרגאַניזאַציע. דערהאַלטן אַ דירעקטיוו — אַנטלויפֿן. טרעפֿונג פּונקט צען.

„ליליאַ — ליליאַ — ליליאַ".

* * *

גלײַך אינדערפֿרי, בעת דער ציילונג האָבן אַלע געפֿילט, אַז עפּעס אומפֿאַרהאָפֿטעס איז שווערס וועט פֿאָרקומען. פֿון מויל צו מויל איז געגאַנגען די בשורה:

— סטאַסיעק, האַלינקאַ, וולאַדעק און סטעפּקאַ — זײַנען נישטאָ.

וואַנדאַ וואָלסקאַ האָט דערציילט, אַז פֿון נעכטן נאָך דער אַרבעט זײַנען זיי מער אַהיים נישט געקומען.

מ'האָט אויך גלײַך באַמערקט, אַז וואָציעך איז אין דער ציגעלניע נישט געקומען.

— מסתּמא האָט ער זיך ווידער אָנגעשכורט — האָבן געשמועסט צווישן זיך די אַרבעטער, אָבער בײַ זיך אין האַרצן האָט יעדער געטראַכט אַנדערש. אינסטינקטיוו האָט מען געפֿילט עפּעס אַ צוזאַמענהאַנג צווישן דעם פֿעלן פֿון די פֿיר אַרבעטער מיט דעם פֿאַרשווינדן פֿון דעם „יודאַש".

צוועלף אַזייגער מיטאָג־צײַט האָט עס זיך אָנגעהויבן.

די ציגעלניע איז פּלוצלינג אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אַן אָפּטיילונג פֿון ס. ס.־לײַט. אויפֿן הויף האָבן זיך אַרײַנגעריסן עט־

לעכע אויטאָס מיט געסטאַפּאָווצעס און פּאָליציאַנטן. דער ציגעל־ניע־גלאָק האָט זיך צעקלונגען. די אַרבעטער זיינען זיך צוזאַמענ־געלאָפן. די ס. ס.־אָפּטיילונג האָט אַריינגעטריבן די אַרבעטער אין אין ווינקל. אין דער זעלבער צייט האָט אַ צווייטע אָפּטיילונג אַרומ־גערינגלט די „אָסיעדליע", אַרויסגעיאָגט אַלעמען פון די הייזער און געטריבן אין הויף — אין דער ציגעלניע.

אַן אויטאָ מיט ס.ס.־ניקעס איז צוגעפאָרן צו כּטעפּקעס הויז. ס'זיינען אַרויסגעשפּרונגען דער געסטאַפּאָ־שעף רינצלער, דער „בער" און עטלעכע ס. ס.־מענער. זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער איזבע, איבערגעקוקט אַלע חפצים, געניששטערט אויפן הויף, אין שטעלעכל אין גערטנדל — און גאָרנישט געפונען.

ווייסאָ און דער „בער" זיינען צוגעשפּרונגען צו דער איבער־געשראָקענער אַלטיטשקער. דער „בער" האָט איר אַ זעץ־געטאָן אי־בערן פּנים און מיט רציחה אויסגעשריגן:

— ווו איז וואָיציעך?

דער אַלטיטשקער איז צוגעלאָפן צו זיין אַלטער, און מאַניוסיאַ האָט זיך הויך אויפן קול צעוויינט, זיך געטשעפּעט ביי דער באָבעס פּאַטשיילע.

— ווו איז וואָיציעך? — האָט אַלץ געשריגן דער „בער", רייסנדיק דעם אַלטן פאַר דער באָרד.

— יאַקי וואָיציעך? — האָט שווער אַרויסגערעדט דער אַל־טער, נישט ווייסנדיק, וואָס מען וויל פון זיי האָבן.

די אַלטע האָבן טאַקע פון גאָרנישט געוווּסט. בעת דאָס קע־מערל האָט אָפּגעהאַלטן די זיצונג, זיינען זיי צוזאַמען מיט מאַניו־סיאַן און יוזשעקן געשלאָפן אין קיך איבערן אויוון.

—ווו איז סטעפּאַ? — האָט זיך געוואָרפן דער „בער".

— מיר ווייסן נישט — האָט רואיק געענטפערט דער זקן.

—איר וועט שוין וויסן! — האָט אַ ברום געטאָן דער „בער".

מיט פּחד האָבן די מענטשן געקוקט אויף דעם „בער", אויף זיין קצבישן רוקן, לאַנגע הענט, האַמערדיקע פויסטן.

אויף זיין ברייטן האַלדז זיינען אַרויסגעשפּרונגען פיאָלעט־רויטלעכע אָדערן. זיינע אויגן, גרינע אויגן, חיהשע, ווילדע, משוג־געגע אויגן — האָבן געלויערט, פּאַספּאַריזירט און כּמעט געפּענ־טעט די קרבנות.

דער „בער" האָט געשריגן אויף דעם זקן, זיינע קליינע, שוואַר־צע היטלער־וואָנסעלעך האָבן זיך אויפגעשטעלט, ווי נאָדלען ביי אַ יאָזש.

— נעמט זיי! — האָט ער אַ רעווע געטאָן.

מ׳האָט זיי אַרויפֿגעוואָרפֿן אויפֿן אויטאָ, ווי אַ פּאָר זעק אַלטע שמאַטעס. רינצלער האָט אָנגעכאַפּט מאַגיוסיען ביים קאָלנער, גע־געהויבן זי, ווי מען הויבט אַ הינטל, און זי אַרויפֿגעשלייַדערט צו די זקנים.

* * *

אויפֿן הויף פֿון דער ציגעלניע האָבן זיך אַריינגעריסן רינצ־לער און דער „בער".

דער „בער" איז גלייך צוגעפֿאַלן צו וואַנדאַ וואָלסקאַ.

— וווּ איז דיין זון מיט זיין כאַפּטע? — האָט ער אַ רעווע־געטאָן איבערן גאַנצן הויף.

וואַנדאַ האָט געשוויגן. געשוויגן האָבן — די ציגעלניע, די אַרבעטער, זייערע פֿרויען און קינדער. נאָך אַ לאַנגער רגע האָט וואַנדאַ שטיל און רואיק געענטפֿערט:

— מיין זון מיט דער כלה זיינען נעכטן פֿאַרנאַכט אַוועק און נאָך נישט צוריקגעקומען.

— וווּ זיינען זיי? — האָט זיך געוואָרפֿן דער „בער".

וואַנדאַ וואָלסקאַ האָט בלויז אַ שאָקל־געטאָן מיט קאָפּ, זי ווייסט נישט. — מ׳האָט זי אַרויפֿגעוואָרפֿן אויפֿן אויטאָ.

אויפֿן הויף איז אַרוים פּאַן זיעלינסקי. זיינע עכברישע אויגעלעך האָבן געשפּריצט מיט רציחה, זיין נאַקעטער פּליך האָט זיך באַדעקט מיט טראָפּנס שווייס. דער פּאַן האָט שווער געסאָפּעט, זיינע פּעטע גוידער־פֿאַלדן זיינען פֿאַרלאָפֿן מיט בלוט. די פּעטע פֿינגער האָבן נערוועז געטאַנצט אויפֿן גרויסן בויך.

— נעכטן אין אָוונט איז נעלם געוואָרן אונדזער באַליבטער אויפֿזעער, וואָיציעך. ווער פֿון אייך קאָן אונדז איבערגעבן עפּעס אַן אינפֿאָרמאַציע וועגן דעם?

דער פּאַן האָט זיין פֿראַגע געוואָרפֿן אין צעטומלטן המון.

רינצלער האָט אַרויסגענומען אַ גרויסן גאָלדענעם זייגער און האָט עפּעס אַ זאָג־געטאָן צום „בער" אויף זיין לשון. דער „בער" האָט זיך הכנעהדיק פֿאַרנייגט פֿאַר רינצלערן און אויסגעדונערט מיט זיין געזונטער שטים:

— דער הער מאַיאָר גיט אייך 5 מינוטן צייט. מיר וואַרטן אויף אַן ענטפֿער!

דער עולם האָט זיך אַ וואַקל־געטאָן. ס׳האָט זיך געדוכט — אַ שוואַרצער, גרויסער פֿויגל האָט אַ פּאַכע־געטאָן נידעריק איבער די קעפּ, אַ וויעיע־געטאָן מיט די ברייט־צעשפּרייטע פֿליגל, אויף

אַ רגע פֿאַרשטעלט די זון און — די מאַסע איז פֿאַרגליווערט געוואָרן אין שטומען וואַרטן.

פֿינף מינוטן — אַן אייביקייט.

די ס. ס.־אָפּטיילונג פֿאַרדרענגט מיט באַגנעטן די אַרבעטער און טרייבט זיי צו דער וואַנט.

די פֿינף מינוטן זיינען אַריבער. רינצלער זאָגט עפּעס דעם „בער", און דער „בער" לאָזט זיך אַרויס מיט אַן אַטריאַד קעגן דער ריי דערשראָקענע מענטשן. דער „בער" ציילט לאַנגזאַם, אָנווייזנדיק אויף יעדן מיט דעם נאַגאַן. יעדן צענטן מענטשן שלייערט מען אַרויף אויף די לאַסטוואָגנס.

איינס, צוויי — די מענטשן פֿאַרזשמורען די אויגן. דעם „בערס" ציפֿערן שניידן דורך די לופֿט, ווי שאַרפֿע קוילן, אַ שווער כאַפּט אָן יעדן ביים האַרצן בעת דער האָזיקער לאָטעריי פֿון טויט.

קאַלטע, פֿאַרשוויצטע שטערנס בויגן זיך פֿאַרן „בערס" מאַוזער, מיט פֿאַרחלשטע הערצער חזרן די מענטשן און ציילן־נאָך דעם „בער" — אַנדערע פּרוּוון אים אַריבעריאָגן אין ציילן. אויגן קריכן ממש אַרויס פֿון די שאַרבנס. אָט, אָט שוין באַלד, שוין נאָענט, שוין... פֿאַרביי. אויף אַ רגע דערפֿרייט מען זיך געוואַלדיק מיטן געוווּנענעם לעבן, אויף אַ קורצער רגע און — ווידער קריכן די אויגן אַרויס פֿון די שאַרבנס, ווידער צאַפּלען זיך די הערצער מיט אַ פֿראַגע, ווער? אַ ברודער? אַ מאַן? אַ פֿרוי? אַ קינד? אַ חבר? ווער?

— איינס, צוויי, דריי — צען!

— אין לאַגער! — באַפֿעלט קאַלט און דייטלעך רינצלער. דער עולם ציטערט־אויף אויפֿן קלאַנג פֿונעם שרעקלעכן וואָרט.

אַ יאָמער, אַ געשריי. פֿרויען רייסן זיך צו די וועגענער און שלעפּן מיט זייערע קינדער. די ס. ס.־ניקעס וואַרפֿן זיי אָפּ מיט די ביקסן־פּריקלאַדן. — ס'טוען אַ ברום די מאָטאָרן.

אויגן — פֿאַרגאָסענע מיט טרערן. שטערנס — אין קאַלטן שווייס. ביז בלוט פֿאַרביסענע ליפּן. הענט — פֿאַרביילט אין פֿויסטן. אַ קאַלטער קלונג פֿון באַגנעטן. אַ היסטערישער קוויטש פֿון אַ פֿרוי. אַ יאָמערדיקער רוף: „יעזו!". אַ פֿאַרווייִנטער, אַזאַ טיפֿער בליק...

מיט אַ ברום פֿאַרלאָזן די מאַשינען דעם הויף.

* * *

הינטער די זקנים און מאַניוסיען האָט זיך מיט אַ קריץ פֿאַרהאַקט אַ שווערע, אייזערנע טיר. אויפֿן טיש ברענט אַן עלעקטרי־

שער לאַמפּ, אַרומגענומען מיט אַ דיקן, רויטן אַבאַזשור. ביים לאַמפּ ליגט אַ שאַרבן און קוקט מיט גרויסע אויגן־לעכער אויף דער טיר. אין דער נאָענט — אַ לאַנגע שפּיץ־רוט, און אויסטערליש גרויסע צוואַנג. אין אַ זייט שטייט אַ צווייטער לאַנגער און שוועדער טיש און צו אים צוגעשמידטע קייטן. אין אַ צווייטן ווינקל ברענט אַ „בורזשויקע״, און אייזערן אייזעלע, און לעבן דעם ליגן לאַנגע אייזנס מיט הילצערנע הענטלעך.

אַרום דעם טיש שטייען עטלעכע ס. ס.־ניקעס אין שוואַרצע קאָמבינעזאָנען, דער „בער״ און ווייסע אויך אין שוואַרצן. די טונ־קעלע שטראַלן פונעם לאַמפּ וואַרפן אויף זייערע פּנימער רויטע שאָטנס. עפּעס פון שדים האָבן אין זיך די טונקעלע פיגורן, עפּעס פון גיהינום האָט אין זיך די פּייניקונג־קאַמער — האָט זיך טאַקע די אַלטע איבערהגעצלמט און אירע פאַרבלייכטע ליפּן האָבן גע־שעפּטשעט תּפילות. דער אַלטער האָט בלויז אַ קוק־געטאָן מיט אַ פאַרקלעמטן בליק אַרום זיך — אַראָפּגעלאָזט די אויגן און גע־בליבן שטיין שטיל, איינגעשרומפּן.

— באַבעניו! איך האָב מורא! — האָט זיך צעוויינט מאַניוסיאַ.

— ווו איז סטעפאַ ?

— וואָס איז געשען מיט וואַציעכן ?

ס'פאַלן פראַגן פון בײדע ווינקלען אין פינצטערן צימער. די זקנים שטייען צעטומלט, בלאַס, און מאַניוסיאַ טוליעט זיך צו דער באָבען.

— ווו? — וואָס?

די פראַגן דראָען, ווי דאָס שיפּען פון אַ שלאַנג.

אַ פּאָר פעסטע הענט כאַפּן אָן דעם זקן און קייטלען אים צו צום טיש. מען רייסט אים אַראָפּ די „כאַדאַקעס״ פון די פיס. דער־אַלטער ווערט זיך נישט. ער פאַרמאַכט די אויגן, פאַרבייסט די צייי־נער. פון טיש הענגען אַראָפּ אויסגעדאַרטע הענט — איינגעשרופּט אין קייטן־רינגען. אַ ווייסע צעשויבערטע באָרד שטעקט אַרויס, ווי אַ פליגל פון אַ געקוילעטער טויב. אַ גלי פון צעזשאַריעטן אייזן. אַ שוואַרצער טייוול מיט אַ פלאַם אין האַנט דערנענטערט זיך צום טיש. אַ נישט מענטשלעך געשריי.

— זיידעניו!

מאַניוסיאַ שטייט און קוקט מיט ברייט־צעפּראַלטע אויגעלעך. אויף איר פּנימל, צעקרימט פון פּחד, קייקלען זיך גרויסע, בליש־טשענדיקע טרערן.

— האָט רחמנות — מיר ווייסן דאָך גאָרנישט! — שרייט דער אַלטער און פאַלט אויף די קני.

עטלעכע שאַרפֿע שמיץ רייסן אַדורך די לופֿט. די אַלטע פּאַלט אין חלשות. — אַן עמער קאַלט וואַסער אויפֿן קאָפּ.

דער „בער“ כאַפּט דעם אַלטן ביים אָפּגעסמאַליעטן פּוס און פּאַרקלעמט אים מיט אײַזערנע צוואַנגען. דער אַלטער שרייט, וואַרפֿט זיך אויפֿן טיש — ביז צעקלינגען זיך די קייטן — שטיל.

ווידער אַן עמער קאַלט וואַסער.

— מיר ווייסן נישט, מיר ווייסן גאָרנישט — חזרן איבער צום צענטן און צוואַנציקסטן מאָל פֿאַרבלוטיקטע זקנישע ליפּן. די שוואַרצע קאָמבינעזאָנען פֿלעכטן זיך צונויף אין איין פֿינצטערער, צעטאַנצטער מאַסע. ס׳טאַנצט דער באַלקן, ס׳וויגט זיך דער לאָמפּ, ס׳לאַכט דער שאַרבן אויפֿן טיש.

— יעזו, מאַריאַ! — שעפּטשען אַלץ די פֿאַרבלוטיקטע ליפּן.

מאַניוסיאַ שטייט אין מיטן צימער מיט פֿאַרגלייוערטע טרערן אין די אייגעלעך, מיט אַ פֿאַרגאַווערט ברייט־פֿונאַנדערגעעפֿנט מײַלעכל און שווייגט. דער קאָמענדאַנט וויסאַ טרעט צו צו די אַלטע און פּאַלט אויף זיי אָן מיט אַ זידלערײַ אין אַ געבראָכענעם פּויליש:

— הערט נאָר, איר אַלטע סטערוועס, האָט איר שוין באַקומען לשון?

— מיר ווייסן גאָרנישט, מיר ווייסן גאָרנישט!

— נעמט זי! — שרייט וויסאַ.

אַ שוואַרצער קאָמבינעזאָן כאַפּט אָן מאַניוסיען. דאָס מיידעלע גליטשט זיך אַרויס פֿון זײַנע הענט, שפּרינגט אָפּ אין אַ זײַט און ווערט נעלם אונטערן טיש. מאַניוסיאַ דרייט זיך איין אין דרייען און כאַפּט מיט ביידע הענטעלעך די דיקע, הילצערנע פֿיס פֿון דעם טיש. אַ צווייטער שוואַרצער קאָמבינעזאָן לאָזט זיך נאָך איר און כאַפּט זי אָן פֿאַר די צעפּלעך. מאַניוסיאַ רײַסט זיך פֿון די שטאָלענע לאַפּעס, זיי האַלטן ווי צוואַנגען. פּלוצלינג טוט אַ קוויטש דער גרויסער, שוואַרצער ס.ס.־ניק — מאַניוסיאַ האָט זיך אײַנגעביסן טיף אין זײַן גראָבן פֿאַרשוויצטן פֿינגער מיט אירע שאַרפֿע ציינדלעך.

— פֿאַרפֿלוכטע קאַץ!

אַ זעץ איבער פּנים...

מאַניוסיאַ ליגט שוין אויפֿן שרייב־טיש לעבן רויטן לאָמפּ מיטן פֿאַרגעלטן שאַרבן. איר קליינינקער, קינדערשער גוף טרייסלט זיך אין ספּאַזם, אונטער די שווערע לאַפּעס פֿון די ס.ס.־ניקעס. די זקנים קוקן מיט פֿיבערדיקע, פֿאַרלוירענע בליקן.

— וואָס איז דאָס?

מען רייסט אַראָפּ פון דעם מיידעלע די זאַכן.

ווּיסאָ פאַרוייכערט אַ ציגאַר. דער רויך וויקלט זיך אַרום דעם לאָמפּ, דעם שאַרבן, און מאַניוסיען. וויסאָ דערנענטערט דעם אָנגעצונדענעם פּאַפּיראָס צו מאַניוסיעס רוקן.

— איר וועט רעדן?

די אַלטע קוקן מיט פאַרשטאַרטע אויגן. דער פּאַפּיראָס לאָזט זיך לאַנגזאַם אַראָפּ און באַרירט מאַניוסיעס לייב.

אַ שניידנדיקער קינדערשער קוויטש. עפּעס גאָרנישט קיין קינדערש קול, עפּעס ווי אַ געקריי פון אַ נישט דערקוילעט הינדל.

— קינדער־מערדער! גאָט וועט אייך באַצאָלן! — שרייט אויס דער אַלטער און ברעכט אויס מיט אַן אָפּגעריסן זקניש געוויין.

— איך ווייס, איך ווייס. איך וועל אייך אַלץ זאָגן! — כריפּעט אויס די אַלטע.

* * *

די ס.ס.־מענער האָבן וואָכיקעכס קערפּער אין דער מאַלינע נישט געפונען. סטאַסיעק און וולאַדעק האָבן אים באַגראָבן אונטער די קאַנאַליזאַציע־רערן. די אַלטע האָט געוווּסט נאָר וועגן דער מאַלינע, אָבער גאָרנישט וועגן וואָכיקעכן. דערפאַר אָבער האָבן די דייטשן געפונען דעם וועג צום געטאָ דורך די קאַנאַליזאַציע־קאַנאַלן און דורכן קעלער פון דעם הייזל, אין וועלכן ס'האָבן געוווינט די לוצקיס. לוצקיס וווינונג איז איינגעטלעך געווען אַ חורבה, וועלכע איז פון קיינעם נישט געווען באַוווינט.

דאָס געטאָ איז גלייך אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אַ גרעסערער צאָל ס.ס.־אָפּטיילונגען. אין מיטן נאַכט איז צוזאַמענגערופן געוואָרן דער יודען־ראַט און וויסאָ האָט די איבערגעשראָקענע יידן דערקלערט:

— אין צוויי שעה פאָדער איך אַ רשימה פון 200 יונגע יידן, וועלכע איר זענט חושד אין דער קראָמאַלע.

דער געסטאַפּאָ־אָפיציר האָט זיך קאַנטיק אַ קער געטאָן און שוין ביים אַרויסגיין האָט ער, נישט אויסהרייענדיק זיך, אַ וואָרף געטאָן צו די יידן:

— אויב נישט, וועט איר באַצאָלן מיט אייערע קעפּ!

אין צימער האָט געהערשט אַ געדריקטע שטימונג. דער ערשטער איז אויפגעשטאַנען דער אָבמאַן גאָסקי און האָט שטיל אַ זאָג־געטאָן:

— איך וועל קיין רשימה נישט צוגרייטן. איך האָב עס שוין געגנוג. איך ליג פאַר אַנצונעמען א באַשלוס, וואָס וואַרפט אָפּ ווי־סאָס פאָדערונג.

ליטוואַק איז האַסטיק אויפגעשפּרונגען פונעם אָרט און מיט א שוים אין די מויל־ווינקלען זיך צעשריגן:

— אויב איר ווילט באַגיין זעלבסמאָרד, טאָ מאַכט עס וואָס שנעלער. מיט אונדזערע לעבנס קאָנט איר זיך נישט וואַרפן. איך האָב שטענדיק געטענהט, אז די לינקע וועלן אויף אונדזערע קעפּ אָן אומגליק ברענגען. זאָלן זיי אָפּגעבן זייערע קעפּ פאַר די וואַנ־טורעס פון זייערע חברים!

ליטוואַק האָט אָנגעשפּאַרט זיין קײלעכדיק בייכל אויפן טיש און געפאָכעט מיט זיינע הענטלעך פאַר גאַסקיס פּנים.

דער אַדוואָקאַט איז געזעסן אויף זיין אָרט. א טויטע בלאַס־קייט האָט פאַרדעקט זיין פּנים. די קלוגע, עטוואָס פאַרזשמורעטע אויגן האָבן מיט גרויס אומעט געקוקט ערגעץ איבערן קאָפּ פון דעם צעשריגענעם נגיד.

שולק — דער פאַרבינדונגס־מאַן — האָט אויסגעקרימט זיין פּרישטשעוואַטע פּנים אין א מיאוס שמייכעלע, פאַנאַנדערגע־לייגט די הענט און רואיק א זאָג־געטאָן.

— די צוויי הונדערט מענטשן וועלן מיר נישט האַטעווען. מיר וועלן בלויז זיך אַליין אומברענגען. רובין! מאַכט די רשימה — ס'איז אייער אויפגאַבע, אַלס שעף פון דער געטאָ־פּאָליציי.

יערסקי האָט א שפּרונג געטאָן פון זיין אָרט. זיין אַטלעטישע ברוסט האָט זיך האַסטיק געהויבן, א שווערע קללה האָט זיך אָפּ־געריסן פון זיין מויל:

— יידן זענט איר? פאַררעטער! איר!...

יערסקי האָט זיך א וואָרף־געטאָן אויף שולקן. לאַנדער האָט זיך בליץ־שנעל אריינגעשטעלט צווישן זיי ביידע, אָנגעכאַפּט יער־סקין ביי די הענט און אים אָוועקגעשלעפּט אין א זייט.

— טעראָריסט! שלעגער! כוליגאַן! — האָט זיך פונאַנדערגע־קוויטשעט ליטוואַק.

ס'איז געוואָרן א טומל.

גאַסקי האָט אָנגעהויבן צו רעדן אינעם טומל. ביסלעכווייז האָבן זיך די מענטשן באַרואיקט.

— הערן יודן־ראַט־מענער, דאָס וואָס מיר האָבן צו באַ־שליסן, איז נישט נאָר א פראַגע פון לעבן און טויט. ס'איז א פראַ־גע פון געוויסן.

— נישט איצט איז די צייט, אַז איינער זאָל דעם צווייטן שפּרינגען אין פּנים, מיינע העררן! דער חלף איז אויפגעהויבן געוואָרן איבער אונדזערע קעפּ. צי דאַרפן מיר ווערן תּליינים ביז מיר וועלן זיך פאַרוואַנדלען אין קרבנות? איך לייג פאָר באַשליסן אריבערצוגיין איבער דער פאָראָרדענונג פון געסטאַפּאָ צום טאָג־אָרדענונג. נישט צוגרייטן קיין שום רשימות און אויפקלערן זיי, די וויסטאָם און רינצלערס, אַז אַזעלכע „אַרבעטן" וועלן מיר פאַר זיי נישט מאַכן!

גאָסקי האָט זיך אָװעקגעזעצט. ליטוואַק האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ ביטולדיקן שמייכל. וואָס רעדט ער עפּעס, דער עובר־בטלניק? ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָבן די יידישע־פאַרבינדונגס־מענער — שולק און באַסין — געבראַכט צו פירן צו ליטוואַקן ווי־סאָן. דער דייטש האָט באַקומען דאָס פּעקל דאָלאַרן, געטרונקען אַ לחיים און אים, ליטוואַקן, צוגעזאָגט, אַז די יעניקע יידן, וואָס פאַרמאָגן געלד און שכל — די וועלן קאָנען מאַכן אַ לעבן.

אָט בעט טאַקע באַסין דאָס וואָרט:

— פאַניע קאָלעגאַ (לויט זיין פריערדיקן באַרוף איז באַסין אַן אַדוואָקאַט). — לאָזט אָפּ די אינטעליגענטישע שטיק!

— סוואָלאָטש! מנוול! — איז ווידער אויפגעשפּרונגען יערסקי.

— רואיק, רואיק! — האָט מיט בלייכע ליפּן אויסגעשעפּטשעט גאָסקי.

— די דייטשן וועלן זיך אליין נעמען די צוויי הונדערט, מיר קאָנען קיינעם נישט ראַטעווען. — באַסין האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק צו יערסקיס אויסגעשריי און האָט געלאָסן פאָרגעזעצט זיין אַרגומענטאַציע. — זאָלן מיר באַשליסן, אַז רובין דאַרף צוגרייטן די רשימות.

רובין, אַ שיכור און כּאַבאַרניק, אַ געוועזענער שעף פון די פייערלעשער, האָט אָפּט געטרוימט, ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען אָנשטאָט אַ ייד וואָלט ער געבאָרן געוואָרן אַ דייטש. וואָס פאַר אַ געסטאַפּאָ־שעף וואָלט ער דאַן געווען...

ער האָט אין וויכּוח קיין אָנטייל נישט גענומען. ער האָט געוואַרט אויף באַפעלן און דערווייל געחשבונט, וואָס ער האָט היינט באַוויזן אַראָפּצונעמען סיי פון די יידן, סיי פון די דייטשן.

ווידער האָט זיך אָפּגערופן גאָסקי.

— איך האַלט אונטער מיין פריערדיקן פאָרשלאָג.

— איך בעט שטעלן צו אָפּשטימונג מיין קאָמפּראָמיס־פאָר־

שלאַג, נעמלעך, אַז די רשימה זאָל צוגרייטן רובין, דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט, אַנשטאָט דעם יודען ־ ראַט — האָט געזאָגט באָסין.

— דו גרייטסט זיך שוין צו אַן אַליבי, פּאַררעטער? — איז ווידער אויפגעשפּרונגען יערסקי.

— מיר זיינען נישט קיין פּאַררעטער, הער יערסקי! אַ סימן, אַז איר לעבט נאָך! — האָט מיט אַ גיפטיק געלעכטערל אויסגעזיפּט שולק.

פּאַר גאָסקיס פאָרשלאַג האָבן געשטימט בלויז דריי: גאָסקי, יערסקי און לאַנדער.

רובין האָט געמאַכט די רשימה.

יידישע פּאָליציאַנטן האָבן צונויפגעטריבן צוויי הונדערט יונגט־לעכע. געריסן האָט מען זיי פון די בעטן און אַרויסגעשלעפּט אויפן הויף פון יודען־ראַט. פּונקט צוויי שעה נאָך ווייסאַס זעץ מיט דער טיר האָט מען זיי אַרויסגעפירט אויף דער סאַבאַטשער גאַרקע.

עס האָבן אַ זעץ־געטאָן אַ צענדליק זאַלפּן.

יערסקי איז געזעסן אין ווינקל פון קאַבינעט און געוויינט, ווי אַ קליין קינד.

— לאַנדער, פאַרוואָס האָט איר, בשעת דעם וויכוח, גאָרנישט גערעדט? — איז פּלוצלינג מיט אַ טענה אַרויס יערסקי.

— וואָס פאַר אַ וויכוח קאָן זיין מיט געסטאַפּאָ־אַגענטן? — האָט שטיל געענטפערט לאַנדער.

* * *

ווי נאָר דער פּאַטער וואַלערי האָט פאַרענדיקט די פרימאָרגן־תפלות, איז צו אים אַריין די אַלטע זנאַכאַרקע יאַדוויגאַ מיט אַ געוויין און געבעטן ער זאָל גלייך קומען אין דער ציגעלניע. דער גלח האָט פון יאַדוויגעס רייד גאָרנישט געקאָנט אַרויסבאַקומען.

—יעזו מאַריאַ, יעזו! — האָט געכליפּעט די אַלטע און אָנגעוויזן כסדר אויף דער ציגעלניע.

דער פּאַטער וואַלערי איז צוגעלאָפן צו דעם זאַוואָד און איז שטיין געבליבן אַ פאַרשטאַרטער. אויף דער בעלקע, איבערן טויער, דורך וועלכן די אַרבעטער פלעגן אַריינגיין און אַרויסגיין פון דער פאַבריק — האָבן זיך געוויגט דריי נאַקעטע קערפּער. אין מיטן טויער האָט זיך אויפן ווינט געהוידעט אַ קליין קינדערש קערפּערל און פון ביידע זייטן אויסגעטריקנטע, איינגעשרומפּענע גופים פון אַ זקן און אַ זקנה — מאַניוסיאַ מיט איר באָבען און זיידן. פון זייערע העלדזער האָט אַראָפּגעהאַנגען אַ ברעטל מיט אַן אויפשריפט:

— פאר ראטעווען יידן.

עטלעכע צענדליק ס.ס.־ניקעס אין שווארצע קאמבינעזאנען האבן מיט כוח געטריבן די ארבעטער צו דעם טויער מיט די תליות.

דער פאטער וואלערי איז געשטאנען, ווי א צוגעשמידטער צום ארט. זיינע פארביסענע ליפן האבן קענגן זיין געוויינשאפט פאר־געסן צו שעפטשען תפלות. פלוצלינג האט ער דערפילט, ווי א פאר שארפע, ברוין־רויטלעכע אויגן שניידן זיך אין אים איין. דער גלח האט גוט געקענט די דאזיקע אויגן פון אונטערן נידעריקן שטערן, דעם אפגעגאלטן שארבן און געלע אויסגעקראכענע ברעמען.

וויסא האט א בליק געטאן אויפן גלח און אויסגערופן: „הייל היטלער!"

— גוט מארגן! — האט רואיק, כמעט העפלעך געענטפערט דער פאטער וואלערי, פארלאזט דאס ארט און מיט לאנגזאמע טריט געלאזט זיך צו דער פלעבאניע.

וויסאס שארף געלעכטער און די פארוואונדערטע, כמעט בייזע בליקן פון די ציגעלניקעס האבן אים פארפאלגט אויף זיין וועג ביז דער פלעבאניע.

אינעם קעלער פון דעם גלחס רעזידענץ־ארט האבן זיך אויסבא־האלטן דריי יידן, וואס זיינען אנטלאפן פאר דער עקזעקוציע. דער פאטער וואלערי האט שוין געלערנט, אז ער טאר זיך נישט צו פיל ארויסשטעלן, און דער דראנג צו ראטעווען מענטשן האט גובר גע־ווען די געוויינהייט צו ראטעווען די נשמות.

צוויי טעג האבן זיך די קערפערס געוויגט אויפן טויער פון דער ציגעלניע. די ארבעטער זיינען געווען געצוווּנגען פיר מאל אין טאג אדורכגיין דעם משונהדיקן טויער. אויפן דריטן פרימארגן זיי־נען די געהאנגענע נעלם געווארן. ווען די ארבעטער זיינען פארטאג ארוים צו דער ארבעט, האבן זיי אויפן ארט פון די טויטע קערפער געפונען א טראנספארענט:

— קינדער־מערדער, מיר וועלן אייך געפינען!! — שטאב פון צווייטער פארטיזאנישער בריגאדע.

דעם זעלבן טאג האט מען אנטדעקט ביים ברעג פון קאלא־זשער וואלד א פרישן קבר, איבער אים א צלם פון סאסנע־ברע־טער מיט א רויטער, גליענדיקער אויפשריפט:

— גאט פארגעסט נישט די מערדער זייערע זינד!

זאסיא, דער דייטשער סערזשאנט מאלער, פון דער א. ק. פ. און די יידישע פארטיזאנער־רעקרוטן, וואס האבן זיך פון קבר דורך א נס ארויסגעראטעוועט, האבן געוווסט, אז די דאזיקע אויפשריפט אויפן סאסנע־צלם האט דיקטירט דער פאטער וואלערי.

דער קעלבאסינער לאגער

ווען די ציגעלניקעס זיינען צוגעפירט געוואָרן צום לאגער — האָבן זיי דערזען א הויכע, ברייטע פארצוימונג פון שטעך־דראָט. א פאָר טריט ווייטער איז געשטאַנען א הויכער, הילצערנער פּאַרקאַן, איבער אים, יעדע צענדליק מעטער — וואך־פונקטן, אויף יעדן וואך־פונקט — אַן ס.ס.־מאַן מיט אַן אויטאָמאַט. ביים טויער האָט אַן ס.ס.־מאַן א זאָג־געטאָן צו די אַרבעטער:

— דורך דאַנען גייט מען בלויז אריין, ארויס — גייט מען דורך דאָרטן! — דערביי האָט ער מיט אַ שמייכל אָנגעוויזן אויף דער ערד.

ווען וואנדא איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין באַראַק, איז זי דעם ערשטן מאָמענט שטיין געבליבן א פארציטערטע.

— גאָט, צי בין איך שוין אין גיהנום? — האָט זי מיט פארבלאַסטע ליפּן ארויסגעמורמלט. שפּעטער האָט זי זיך צוגעוווינט צו די האַלב צעפוילטע קערפּערס פון נאָך זשיפּענדיקע מענטשן. זי האָט זיך צוגעוווינט צו דער פארגליווערטער שטילקייט פון די געשטאָרבענע. זי האָט זיך צוגעוווינט צו די ווילדע געשרייען, גע־זאַנגען און געלעכטערס פון די, וואָס זיינען פון זינען אראָפּגעגאַנגען צום עיפּוש פון דיזענטעריע, פון גאַנגרענירטע ווונדן, פון פוילנ־דיקע ביינער.

* * *

דער קעלבאסינער לאגער איז נישט געווען פון די גרעסטע. אין פארגלייך מיט די טויטן־קאָמבינאַטן: מאַידאַנעק, טרעבלינקע, אָשוויענטשים — איז קעלבאסין געווען א באַשיידן טויט־פאַבריקל. דאָרטן זיינען פארפייניקט געוואָרן אויף טויט עטלעכע צענדליקער טויזנט רויטע־אַרמייער און נאָך אזוי פיל יידן. רינצלער, דער קאָ־מענדאַנט, איז נישט געווען איבעריק צופרידן פון זיין אונטערנע־מונג.

— ס'איז דאָך נישט דער פארנעם! — פלעגט ער מיט באַ־דויערן טענהן צו זיין קאָלעגע ווויסאָ.

— מיר אַרבעטן טאַקע אויף אַ קלענערן פאָרמאַט, אָבער דאָך,

מאַכן מיר אונדזער אַרבעט רעיעל — פלעגט ענטפערן מיט אַ היר־זשענדיקן געלעכטער ווייסאַ.

אַזעלכע שמועסן פלעגן די קאַלעגן פירן הויך אויפן קול בשעת זיי האָבן זיך באַוויזן אין אַ באַראַק פון „אינטערנירטע", אָדער ביים אַפעל. אַהום זיי זיינען געשטאַנען „נומערן". די „נומערן" זיינען אַמאָל געווען מענטשן, אַרבעטער, דאָקטוירים, קרעמער. די קאַלעגן פלעגן צווישן די אַרעסטאַנטן ריידן אַזוי, ווי קצבים צווישן בהמות.

* * *

אין אָפּגרונט פון יאוש פאַלן מענטשן אריין אין אַן אַפּאַטיע, וועלכע פאַרוואַנדלט זיי אין לעבעדיקע מתים.

רינצלער האָט עס נישט געוואָלט. אין דער אַפּאַטיע האָט ער געזען אַ דערלייכטערונג פאַר זיינע קרבנות.

— דאָ איז נישט קיין געטאָ און אויך נישט טרעבלינקע! — פלעגט ער קאַלט דערקלערן ביים אַפּעל — דאָ דאַרפט איר וויסן, אַז איר גייט שטאַרבן!

רינצלער האָט נישט געלאָזט זיינע קרבנות רואיק „שטאַרבן." כסדר האָט ער אויסגעטראַכט נייע פייניקונגען, געהאַלטן די מענטשן אין כסדרדיקער שפּאַנונג — אַרומגעשטעלט זיי מיט טויזנטער טויטן, פאַרוואַנדלט זייער שטאַרבן אין אַ לאַנג־דויערנדיקן קאָשמאַר.

רינצלער איז געווען אַ פּסיכאָלאָג. פאַר דער מלחמה האָט ער שטודירט מעדיצין און זיך ספּעציאַליזירט אין פּסיכאָאַנאַליטיק. נאָך אין דער שול האָט זיך רינצלער באַשעפטיקט מיט ערנסטע פּראָבלע־מען. אַ זון פון אַן אַפּטייקער אין אַ סאַקסאָנישן שטעטל, איז רינצלער געוואַקסן אין אַ סביבה פון וועגעטאַציע, פון רואיקן, פאַרשלאָפענעם נודנעם לעבן צווישן אַ יוגנט מיט אַ „זיכערער צו־קונפט".

דער יונגער רינצלער האָט דורכגעמאַכט עפּעס אַן אומגליקלע־כע ליבע, האָט זיך פאַרטיפט אינעם „יונגן ווערטער", געטראַכט וועגן זעלבסטמאָרד, פיינט באַקומען פרויען און זיך גענומען צו פילאָ־זאָפיע. רינצלער איז אָפּגעזעסן גאַנצע נעכט איבער העגעלן, דאַן האָט ער אים פאַרוואָרפן און זיך גענומען צו ניטשען. דער דאָזיקער פילאָזאָף איז רינצלערן שטאַרק געווען צום האַרצן. רינצלער האָט באַשלאָסן צו ווערן אַן איבער־מענטש.

רינצלער האָט אַמאָל אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל אין „אַנגריף"

אונטערן נאָמען: „די מעטאָדאָלאָגיע פון איבערמענטש". אָט איז רינצלערס מעטאָד.

1. מען דארף שאַפן אין אונדזער פאָלק די איבערצייגונג, אַז מיר זיינען אַ פאָלק פון איבערמענטשן.

2. מען דארף פארוואַנדלען די איבעריקע פעלקער אין אונטער־מענטשן.

3. דאָס פאָדערט ספּעציעלע מעטאָדן, שטאַרקע מעטאָדן.

א. אויף דער וועלט זיינען דאָ צופיל מענטשן און פעלקער. מען דארף זיי ליקווידירן, אָפּשוואַכן, וואַרפן אויף די קני. דאָס פאָדערט אַ פּלאַן.

ב. די פעלקער דארף מען קאַסטרירן. צעשטערן זייערע צענטרען, זייער מוח, ליקווידירן זייער אינטעליגענץ, זייער קולטור, זייער טעכניק.

ג. די אונטער־פעלקער וועלן פריוויליק נישט אָנערקענען די דייטשע איבערמענטשלעכקייט, זיי וועלן דאָס קיינמאָל נישט אָנערקענען, דעריבער איז זייער קיום געפערלעך פאַר אונדז. ספּעציעל געפערלעך זיינען די פעלקער און מענטשן, וועלכע האָבן ארויסגעוויזן אַ פעיקייט צו לעבן אונטער די שווערסטע באַדינגונגען: יידן, ציגיינער, נעגערס.

ד. בכדי מיר דייטשן זאָלן געזיכערט ווערן ווי אַ פאָלק פון הערשער — איז נויטיק צו פארטיליקן די גרעסטע מערהייט פון דער מענטשהייט. גלייכצייטיק נויטיקט זיך דאָס דייטשע פאָלק אין אַ געצוונגנדיקער צאָל קנעכט, בכדי יעדער דייטש זאָל קאָנען לעבן לייכט און אין ווילטאָג. נאָך דער גרויסער אָפּעראַציע, דאָס הייסט, נאָכן קריג פאַר דער הערשאַפט, וועט מען קאָנען רעגולירן דעם נאַטירלעכן צוּוואוקס פון די אונטער־מענטשן — דורך קאַסטראַציע און קינסטלעכער באַפרוכפּערונג.

ה. כדי דורכצופירן דעם „גיגאַנטישן פּלאַן" מוז דאָס דייטשע פאָלק זיין געאייניקט, דיסציפּלינירט.

אין אַ צווייטן ארטיקל אונטערן נאָמען: „דאָס געזעץ פון קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ" — האָט רינצלער געשריבן:

„דער מאָטאָר פון לעבן איז — קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ. מיט דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט דערגייט דער קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ צו זיין העכסטער שטופּע.

ס'זיינען דאָ צופיל פעלקער! הייסט דאָס, איין פאָלק מוז און וועט סוף כל סוף פארניכטן דאָס צווייטע. אויב מיר וועלן נישט באַצייטנס דורכפירן די נויטיקע אָפּעראַציע, וועלן אַנדערע דאָס

אויספירן אויף אונדז. דאָס איז דאָס געזעץ פון דער נאַטור. מען קאָן דאָס נישט אויסמיידן.

פון מיליאַרדן זוימען וואַקסן אויס מיליאָנען זאַנגען — דאָס זיינען די שטאַרקערע זאַנגען, וועלכע האָבן פאַרכאַפּט די נאַרונג, דאָס וואַסער, די לופט, דאָס ליכט פון די שוואַכערע. און די שוואַכערע מוזן אומקומען. אַזוי וואַקסן זאַנגען אין פעלד, בלעטער אויף אַ בוים, ביימער אין אַ וואַלד, פיש אין וואַסער, חיות אין וואַלד. אַזוי מוזן וואַקסן מענטשן און פעלקער. אַלע הומאַניטאַרע, רעליגיעזע, דעמאָקראַטישע אידעאָלאָגיעס — זיינען אַ פאַרגוואַלטיקונג פון דער נאַטור, אַ רעזולטאַט פון אַ לאַנגדויערנדיקן פּראָצעס פון דעגענעראַציע דורך שוואַכקייט.

אויב אַ קרעמער וויל פאַרקאָנקורירן דעם צווייטן, זאָגט מען נישט, אַז ער איז אַן אכזר. מען זאָגט — ער איז אַ פעיקער און קלוגער סוחר.

איך וויל, אַז מיר, דייטשן, זאָלן לעבן. אויב מיר, דייטשן, ווילן לעבן—מוזן מיר צונעמען די נאַרונג פון דער ערד, דאָס וואַסער, די לופט, דאָס ליכט. אויב נישט—וועלן מיר שטענדיק בלייבן זוימען, קיינמאָל נישט ווערן זאַנגען. די מענטשהייט איז דערגאַנגען צו אַזאַ פונקט, ווען די זוימען מוזן אויסוואַקסן און ווערן זאַנגען דורך טויטן אַ סך אַנדערע זוימען".

אויף אַ פאַרזאַמלונג פון יוגנטפראָנט האָט רינצלער געטענהט:

— די דעמאָקראַטן באַשולדיקן אונדז אין אכזריות. דאָס איז אַן אַבסורד. אַ מענטש קאָן זיין אכזריותדיק בלויז אין באַצוג צו פייגל, הינט, קעץ און אַפילו בלומען. אַ מענטש קאָן אָבער נישט זיין אכזריותדיק אין באַצוג צו אַ צווייטן מענטשן, יעטוועדע באַציונג צווישן מענטש און מענטש ווערט דיקטירט דורך אַ נאַטירלעכן פּראָצעס פון סעלעקציע. אַזאַ באַציונג איז נישט מעגלעך צווישן אַ מענטש און אַ חיה, ווייל דער מענטש האָט אין באַצוג צו דער חיה שוין פאַרזיכערט זיין העכערע שטופע. דער וועג צו ווערן איבערמענטש און איבערפאָלק פירט דורך קאַמף. דורך סאַמף אויף לעבן און טויט — דאָס איז דער פּראָצעס פון סעלעקציע.

אָט אַזעלכעס האָט געפרעדיקט רינצלער. אין דעם „פּראָצעס פון נאַטירלעכער סעלעקציע" איז אָבער רינצלער קיין איבערמענטש אין רייכסמאַסשטאַב נישט געוואָרן.

רינצלער האָט נישט געהאַט קיין פּראָטעקציע, עס האָט זיך נישט געפונען די האַנט פון אַן עקסצעלענץ, וועלכע זאָל אים אַ שטופ־טאָן אַרויף.

די נאַצישע פאַרטיי האָט רינצלערן געשאַצט און געהאַלטן

פאר א זיבערן און פעיקן מענטשן. דעריבער האט ער פארגומען א וויכטיקן פאסטן אין דער געסטאפא און איז נישט ארויסגעשיקט געווארן אויפן פראנט. אלס לאגער־קאמענדאנט האט רינצלער זיך געשאפן זיין אייגנארטיקע טעאריע וועגן פייניקן די ארעסטירטע.

— לאזט זיי נישט רוען! — פלעגט ער זאגן צו זיין באנדע.

— ווייזט זיי נישט קיין סיסטעם. זאלן זיי קיינמאל נישט וויסן פון וועלכער זייט ס׳קומט דער קלאפ. זאלן זיי וויסן נאר איינס: אז דער קלאפ וועט קומען!

רינצלער פלעגט אפילו ארגאניזירן פארלעזונגען פאר זיינע ס.ס.־אפטיילונגען; זיין פערדל איז געווען — „די טעאריע וועגן אפאטיע".

— ביי פיל פון די ארעסטירטע איז די אפאטיע — א מאסקע, וועלכע זיי ציען אויף זיך ארויף. זייער גלייכגילטיקייט איז א גע־מאכטע. דאס איז זייער לעצט קאמפס־מיטל קעגן אונדז. זיי ווילן ביי אונדז צונעמען דאס פארגעניגן פון זען זייער פחד, זייער ווייטיק. וויפיל איר זאלט זיי נישט פייניקן, ווארטן זיי ביזן לעצ־טן מאמענט פון זייער לעבן אויף א נס. וואס קלענער עס איז זייער האפענונג, וואס ווינציקער רעאל עס איז אין זייער באוווסטזיין דער נס — אלץ גרעסער איז זייער פיין. דעריבער דארף א קלוגער ס.ס.־מאן וויסן:

— האלט דעם שונא אין שפאנונג. איבערראש אים שטענדיק מיט עפעס נייעס. שלאג אים פון אלע זייטן. לאז אים נישט רוען, שוואך־אפ זיין לעצטע האפענונג. הייל־היטלער!

* * *

אין לאגער איז געווען איין באראק, אין וועלכן עס האבן זיך געפונען די „נומערן", וועלכע מען האט באנוצט צו באדינונגס־ארבעטן ארום די ס.ס.־ניקעס און צו קבורה פון די מתים. אלע איבעריקע „נומערן" האבן נישט געארבעט. זייער אויפגאבע איז געווען — שטארבן. געגוג שנעל, בכדי צו באפרייען דאס ארט פאר נייע פארטיעס, גענוג לאנגזאם, בכדי צו באפרידיקן רינצלערס טעאריע פון פארפייניקן.

עטלעכע מאל א טאג, און אפט עטלעכע מאל א נאכט פלעגן פארקומען אפעלן. פינף מינוט נאכן פייף האבן אלע „נומערן" גע־דארפט שטיין אויסגעשטעלט אין לאנגע רייען. אויב ס׳איז געגעבן געווארן איין פייף — האבן די „נומערן" געדארפט זיך אויסשטעלן צו צוויי באראקן אין אן אפטיילונג.

צוויי פייפן — צו פינף באראקן אין אן אפטיילונג.
דריי פייפן — אלע אין איין אפטיילונג.

קראנקע און מתים האָט מען געדראָפּט ברענגען צום אַפּעל און אויסשטעלן זיי צווישן די לעבעדיקע.

פאַר יעדן טעות, פאַר יעדער נישט פּינקטלעכקייט — טויט. פאַר די טויטע זיינען פאַראַנטוואָרטלעך געווען זייערע שכנותדיקע „נומערן". בעתן אַפּעל פלעגט רינצלער נאָמירן די טויטע. די לעבעדיקע „פּאַטראָנען", די שכנים פון די טויטע, האָבן געדאַרפט ענטפערן פאַר די טויטע, צוגעבנדיק דערביי — געשטאָרבן!

וואַנדאַ וואָלסקאַ פלעגט בשעת די אַפּעלן גלייך מיט אַנדערע ענטפערן און וואַרטן גלייך מיט אַלע אויף דעם „קלאַפּ פון דער אומגעריכטער זייט".

רינצלער פלעגט אָפט צווינגען די עלטערן צו טאַנצן אַרום זייערע געשטאָרבענע קינדער.

— צו ווינציק טויטע! דער בילאַנס מוז זיין אַקטיוו! ליקווידירט דעם דעפיציט! — מיט געמאָסטענער געלאַסנקייט זיינען געפאַלן רינצלערס ווערטער.

ס'פלעגט אַמאָל טרעפן — אַ טאָג און אַ נאַכט אָן אַן אַפּעל. די מענטשן פלעגן וואַרטן, צוהערן זיך, מורא האָבן נישט צו פאַרהערן דעם פייף.

איינמאָל האָט רינצלער אויף דריי טעג אָפּגעשטעלט דאָס אַרויסגעבן שפּייז פאַר די אַרעסטירטע. שפּייז האָט געהייסן, וואָסערדיקע זופּ. דאַן האָט ער פאַראָרדנט אַן אַפּעל און באַפוילן אַוועקצולייגן עטלעכע שטיקער ברויט פאַר יעדער אָפּטיילונג. אַ שאָס אין דער לופטן האָט געזאָלט זיין דער סיגנאַל, אַז מען מעג נעמען דאָס ברויט.

— ווער וועט כאַפּן, דער וועט עסן!

רינצלער האָט עטלעכע מאָל געהויבן זיין רעוואָלווער, אָבער ער האָט נאָך אַלץ נישט אויסגעשאָסן. שפּעטער איז ער אַוועק אין דער קאַנצעלאַריע און געלאָזט די מענטשן וואַרטן איבער אַ שעה.

אַ צווייט מאָל האָט ער געפּרוּווט דאָס זעלבע, דאָס מאָל מיט וואַסער. אַ גאַנצן טאָג זיינען הונדערטער מענטשן געשטאַנען אונטער דער ברענענדיקער זון, און דאַן האָט מען זיי צוגעפירט אויף אַן אָרט, וווּ ס'איז געשטאַנען איין און איינציק עמער וואַסער.

* * *

אין אַ פינצטערן אָוונט נאָך אַן אַפּעל איז צו וואַנדאַן צוגעקומען אַ יונג מיידל. וואַנדאַ איז געלעגן אין אַ ווינקל פון באַראַק. איר פּנים איז געווען בלייך און איינגעשרומפּן, קליין, ווי ביי אַ גע-

שטאַרבענעם פון הונגער, אָדער ווי ביי א קראַנק קינד. אירע גראָע האָר האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער מיסטיקער ערד. וואַנדאַ איז שוין געווען נעענטער, ווי ווייטער. מיט גרויס אומגעדולד האָט זי געוואַרט אויף דער „באַפרייאונג". זי האָט זיך געוואָלט באַפרייען פון רינצלערס גיהנום און זיך באַהעפטן מיט איר מאַן אין גן־עדן. אין איר מוח האָבן זיך געפּלאָנטערט בילדער פון דערווירקלעכקייט מיט פאַנטאַזיעס און זעאונגען.

אָט זעט זי סטאַסיעקן מיט האַלינקען אין א רואיקן, זומער־דיקן אָוונט. פון הינטערן קוימען פון דער ציגלניע שמייכלט אַראָפּ אַ גרויסע לבנה. אָט קוקט זי, די לבנה, מיט דעם פאָטע־רס וואָלעריס אויגן אויף איר סטאַסיעקן און האַלינקען. אונטן וויקלט זיך א גילדענער, גלאַטער וועג — דער ניעמאַן.

ניין — ס'איז נישט דער ניעמאַן, דאָס איז גאָר דער וועג צום גן־עדן. אָט גייט זי מיטן גילדענעם וועג און מיט איר — טויזנטער, הונדערטער טויזנטער. אַלע שלעפּן אויף זיך א שווערן, א גרויסן צלם. די לבנה בליקט שוין נישט מער מיט דעם פאָטער וואָלעריס אויגן, זי קוקט אַראָפּ מיט וולאַצלאַווס פרייליכע און אביסל חוצפּה־דיקע שליפּיעס.

אָט שיינט דער אָדלער אויף זיין מאַציעיעוויקע. זיי גייען און זינגען. דער וועג איז גליטשיק, דער צלם איז זייער שווער. ניין, זיי טראָגן נישט די צלמים. זיי זיינען צו זיי צוגענאָגלט. זיי קאָנען נישט גיין. זיי שטייען אויף איין אָרט. די לבנה — עפּעס א פרעמד, באַקאַנט פּנים — ס'איז רינצלער.

— ...מוטער! — עפּעס א ווייכע, מיידלשע שטים.

וואַנדאַ עפנט די אויגן. לעבן איר — א יונג, שיין פּנים.

— ביזט א מלאך? — שעפּטשעט וואַנדאַ שטיל.

— מוטער! — זאָגט שטיל דאָס מיידל — סטאַסיעק און האַ־לינקאַ לאָזן אייך גריסן .

וואַנדאַ הייבט זיך אויף מיט אָנגשטרענגונג און זעצט זיך אַוועק. א ווייכע, מיידלשע האַנט פאַרדעקט איר דאָס מויל.

— שטיל, מוטער! — זיי זיינען ביי די פּאַרטיזאַנער, זיי זיינען געזונט. זיי שיקן אייך טויזנטער קושן.

דאָס מיידל נעמט אַרום וואַנדאַן און קושט זי שטאַרק, שטאַרק אין שטערן.

— קינד מיינס! גאָט זאָל דיך בענטשן! — שעפּטשעט שטיל וואַנדאַ און פון אירע אויגן גיסן זיך גרויסע, געזאַלצענע טרערן.

— מוטער! זייט געטרייסט, מוטער פון פארטיזאנער. אייערע קינדער קעמפן פאר א פרייער, שיינער וועלט און מיר וועלן זיגן. דאס מיידל דריקט זיך ווידער צו צו וואנדאן.

— זייט שטארק, מוטער! איך מוז שוין גיין!

— טאכטער, גאט זאל דיר געבן כוח איבערצולעבן דאס גיהנום!

דאס מיידל ווערט פארשוווּנדן אין דער טיפעניש פון באראק.

— גאט זאל דיר בענטשן, טאכטערשו! גאט זאל אייך היטן, קינדערלעך! — חזרן אין דער שטיל די גראגאט - ליפן פון וואנדא וואלסקא אין דער פינצטערניש פון קעלבאסינער נאכט.

* * *

עס זיינען פארביי נאך עטלעכע גראע, לאנגע טעג. און אפעל. דריי פייפן. אלע לויפן שנעל זיך אויסצושטעלן אין א לאנגער רייע. וואנדאן האלטן אונטער אירע צוויי שכנטעס. זי קאן שוין נישט גיין מיט אירע אייגענע כוחות.

אויפן פלאץ, פארן עולם — א תליה. ביי דער תליה — וויסא מיט א פאטאגראפישן אפאראט, ריגצלער און א באפטע ס.ס.־ניקעס.

פון דעם ס.ס.־קאמער פירט מען ארויס צוויי נאקעטע מיידלעך. אט שטייען זיי שוין לעבן דעם המון.

איינע האלט אראפגעלאזט די אויגן. שווערע טרערן קייקלען זיך פון איר פנים. די צווייטע — מיט א שטאלץ פארהויבענעם קאפ. אירע גלאנציקע, שווארצע לאקן באקרוינען דעם ווייסן, הויכן שטערן. די אויגן — טונקל־ברענענדיק.

געוווינט זיינען די מענטשן צו דער טאג־טעגלעכקייט פון טויט. און דאך גייט א ציטער אדורך דעם עולם. טויזנטער אויגן פארקוקן זיך אויף דעם מיידל אונטער דער תליה. ווי שטענדיק און... נישט ווי שטענדיק. די מענטשן פילן — מען קאן זי הענגען, מען קאן זי נישט צעברעכן. זיי פילן — מען קאן טויטן איר יונגן קערפער, מען קאן אבער נישט טויטן זי, מען קאן נישט טויטן די יוגנט.

די מיידלעך זיינען שוין ביי דער תליה.

נאך העכער פארהויבט דאס צווייטע מיידל דעם קאפ. איבערן צוזאמענגעפרעסטן עולם, איבער די „נומערן", איבער דער באנדע ס.ס.־ניקעס טראגן זיך שטאלצע יידישע ווערטער, קלינגט א קעמפערישע מעלאדיע:

— „זאג נישט קיינמאל, אז דו גייסט דעם לעצטן וועג."

ריגצלער פארוואַרפט גיך די פעטליע אויפן ווייסן האלדז פון

דעם מיידל. דאָס מיידל טוט אים אַ שפּיי אין פּנים:

— אייער סוף איז נאָענט, מערדער!

* * *

וואַנדאַ האָט זי דערקענט. דאָס איז זי, דער מלאך, סטאַסיעקס חברטע. די פּאַרטיזאַנקע. אַנגעשפּאַרט אויף די צוויי פּרויען איז וואַנדאַ צוריקגעגאַנגען אין באַראַק און האָט זיך צוגעהערט צום אויפגעברויזטן עולם.

„עפּעס גאַרנישט, ווי נאָך אַן עקזעקוציע!" — האָט אַ טראַכט געטאָן וואַנדאַ. דער עולם איז געווען אויפגערודערט, מונטער. איינער האָט דעם צווייטן דערציילט אויפן אויער, אַז פּאַרטיזאַנער האָבן עטלעכע מענטשן געהאָלפן אַנטלויפן פון לאַגער, אַז געכאַפּט האָט מען בלויז די איינציקע. צוזאַמען מיט איר האָט רינצלער פאַרמשפּט איר שכנטע צו דער תליה. עמעצער איז דאָך אַנטלאָפן, און די וועלט וועט זיך דערוויסן פון רינצלערס גיהנום.

וואַנדאַ האָט זיך אַנידערגעלייגט אין ווינקל. זי האָט זיך שטאַרק געוווּנדערט אויף אירע געפילן. דאָס מיידל איז דאָך אַ טייל פון איר סטאַסיעקן און זיין האַלינקען. און דאָך, און דאָך... פילט זי, ווי אין איר האַרצן וואַקסט און צעשפּרייט זיך עפּעס אַ מאָדנע רואיקייט און אַ געפיל פון שטאָלץ.

„ווי גוט עס איז צו האָבן אַזעלכע קינדער!"

וואַנדאַ האָט פאַרמאַכט די אויגן און איז שטיל אַנטשלאָפן געוואָרן.

צומאָרגנס, בשעתן אַפּעל האָבן אירע שכנטעס געמאָלדן — „געשטאָרבן".

* * *

דאָס אַנטלויפן פון לאַגער האָט אָרגאַניזירט זאָסיאַ. דער סערזשאַנט מאָלער איז צוזאַמען מיט איינעם פון די צוויי שאָפערן־דייטשן אַריינגעפאָרן אינם לאַגער־הויף אין דער אָפּטיילונג פון די „אַרבעטסנדיקע קומערן". דאָרט האָבן געוואַרט צוויי חברים, און לענאַ האָט זיך געוואָרפן אַדורכגעגנבעט צו זיי — איבערגעטאָן פאַר אַ בחור. ביי דער אינעווייניקסטער צווימונג האָט אַ פּאַטראָל ס.ס.־ניקעס זי באַמערקט און פאַרהאַלטן.

די צוויי זיינען שוין געלעגן אין אויטאָ. לענאַ האָט מיט איר געשריי צוויסן געגעבן, אַז מען האָט זי געכאַפּט. דער אויטאָ איז אַרויס פון לאַגער. פון לענאַן האָבן זיך די ס.ס.־תלינים נישט דערוווּסט, ווי אַזוי די אַנדערע זיינען אַנטלאָפן.

* * *

די זעלבע נאַכט זיינען די אַנטלאָפענע אָנגעקומען צו די

פּאַרטיזאַנער. עטלעכע טעג שפּעטער /האָט דער שטאַב פון דער פּראָיניקטער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע אין אַ ספּעציעלן אויפ־רוף דערציילט דער שטאָט און די אַרומיקע דערפער וועגן רינגע־לערס גהינום. אין אַ פּאָר טעג נאָך דעם, בעת אַן ס.ס.־אָפּטיילונג האָט געיאָגט אַ טראַנספּאָרט פויערים פון דאָרף „בוראַקי" אין לאַגער פאַר העלפן פּאַרטיזאַנער — זיינען די פויערים איבערגע־פאַלן די וואַך און אין אַ ביטערער שלאַכט גובר געווען די ס.ס.־ניקעס. די לעבנפּארבליבענע פויערים זיינען מיט דייטשיש געווער און מונדירן אַוועק צו די פּאַרטיזאַנער.

די שלאַכט אונטער די יאָדלעס

ס'איז געווען אַ ליכטיקער פֿאַרמיטאָג. די פֿיר ברידער טשערעשקעס זיינען געזעסן אויף אַ פֿולן וואָגן מיט זעק מעל און קאַרטאָפֿל. דער וועג איז געווען אַ דורכגעווייקטער, אַ בלאָטיקער.

מענדל האָט נאָכגעגלאָזט עטוואָס די לייצעס און פֿאַרצויגן זיין באַליבט לידל: „עך, לאַפּטיעס, לאַפּטיעס מיינע".

די טשערעשקעס האָבן אונטערגעכאַפּט דעם מאָטיוו.

די ברידער האָבן זיך געפֿילט גוט. ס„איז טאַקע געווען אָסיען, דער וואַלד האָט געוויאַנעט, נאָר די ביימער האָבן אויסגעזען ווי דורך קינדער געמאָלטע קייסאָרים, אין ריזיקע, גאָלדענע קרוינען, מיט אויסגעשטרעקטע לאַנגע, נאַקעטע הענט פֿון אונטער גילדענע טאָגעס. די קייסאָרים זיינען געשטאַנען אויף גילדענע טעפּיכער. אַפֿילו די קאַלטע און מטושטשע זון האָט אויך אויסגעזען, ווי געמאָלט מיט אַ געלן בלייער דורך אַ קינדערשער האַנט.

איבער די ביימער־קרוינען האָבן געצויגן לאַנגע שורות פֿון פֿאַרשפּעטיקטע פֿייגלען.

דאָס פֿערדל האָט זיך ווינציק וואָס געאײַלט, די רעדער זיינען געגאַנגען שטיל איבערן ווייכן שליאַך, פֿאַרוואָרפֿן מיט אַ דיקן שיכט דורכגעפֿוילטע בלעטער.

די ברידער האָבן געזונגען דאָס ליד וועגן לאַפּטיעס. זייערע בליקן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף משהלעס נייע שטיוועלעך, אַרונטערגעצויגענע פֿון אַ דייטשישן ליטענאַנט. זייערע אויגן האָבן זיך צונויפֿגעטראָפֿן, און די טשערעשקעס האָבן זיך פֿריילעך צעלאַכט. ביי יעדן פֿון זיי האָט דאָס לידל אַרויסגערופֿן די זעלבע מחשבה.

דער וואָגן איז אַריין צווישן געדיכטע יאָדלעס. די יאָדלעס זיינען געשטאַנען ביי ביידע זייטן וועג — טונקל־גרינע, כמעט שוואַרצע, שמעקעדיקע, געדיכטע, געשעפּטשעט איינע דער צווייטער אין אויער וואַלדישע מעשיות, געגלעט און געקושט זיך.

שווייגנדיק האָבן די יאָדלעס איינגעשרומפּן אַלץ מער דעם וועג, קוים וואָס דער וואָגן האָט זיך געקאָנט צווישן זיי אַדורכשטופּן. פּלוצלינג האָט דאָס פֿערדל אַ וואָרף געטאָן זיך צוריק,

א ריס געטאָן זיך פון שפּאָן. ס'האָט א טרעשטשע געטאָן א צווייג, מענדל האָט געכאַפּט די ביקס.

פון אונטער די געדיכטע יאָדלעס זיינען אַרויסגעשפּרונגען מענטשן מיט אויטאָמאַטן.

— די הענט אַרויף! זשווידאָווסקע מאָרדעס!

משהל איז האַסטיק אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן און האָט אַרויסגעלאָזט אַ זאַלפּ אין די טונקעלע געשטאַלטן. ערגעץ־ווו האָט שוין משהל געהערט די דאָזיקע שטים.

— חברה, דער „בער"!

פון אונטער די יאָדלעס האָגלט אַ שיסעריי. עס הילכן אָפּ סעריעס פון אויטאָמאַטן. ביים וועג — אַ געשריי, אַ קרעכץ. הינטער די קוסטעס זיינען צוויי אָנפאַלער שווער אַוועקגעפאַלן אויף דער ערד. א קויל האָט אַ פלי־געטאָן לעבן משהלס אויער. ער האָט דערפילט אויף זיין פּנים אַ הייסן אָטעם — דערזען: פון מענדלס האַנט האָט זיך אַרויסגעשאַרט דער אויטאָמאַט, און מענדל קייקלט זיך אַראָפּ פון וואָגן מיטן קאָפּ אַראָפּ. זיין שוואַרצע, געקרייזלטע טשופּרינע איז איינגעשמירט אין עפּעס אַ געל־רויטלעכע מאַסע. די ברידער האָבן זיך אַראָפּגערוקט פון דער פור. שלמה איז שנעל צוגעפאַלן צום האַנד פונעם וואָגן לעבן ברוכן. משהל שיסט אויס אין דער קליאַטשע. דאָס פערדל פאַלט אויף די קני, קערט זיך איבער אויפן רוקן, רייסט אויף דעם שפּאָן און האַקט מיט די קאָפּיטעס אין דער לופטן. דער וואָגן ווערט איבערגעקערט.

די אָנפאַלער זיינען אָפּגעשפּרונגען הינטער די יאָדלעס. די ברידער טשערעשקעס ליגן צווישן דעם פולן וואָגן זעק און דעם טויטן פערד. זייערע אויטאָמאַטן — אָנגעשטעלט אויף די יאָדלעס. מענדל און צוויי מענטשן אין גרינע, מיליטערישע פאַרבלוטיקטע מונדירן וואַלגערן זיך אין מיטן וועג.

פון הינטער די יאָדלעס האָט זיך דערהערט די זעלבע, הייזעריקע שטים:

— גיט זיך אונטער, זשידעס!

שטיל.

— מיר וועלן פון אייך פּאַסן שניידן, רויטע באַנדיטן! — רופט דורך די צווייגן דאָס קול.

— קריך אַרויס פון דיין באַהעלטעניש, נאַצי־הונט! — שרייט אַריבער משהל אין די יאָדלעס.

אַ האָגל פון קוילן. פון די זעק מיט מעל שפּראָצן אַרויס דינע, ווייסע אָדערלעך. ס'דוכט זיך, אַז די זעק גייען אָפּ מיט ווייס בלוט. אָבער די קוילן בלייבן שטעקן אין די זעק. איבער די זעק הייבן זיך כמאַרעלעך מעל. די זעק האַלטן אויס.

א העפטיקע שיסעריי. ס'שיטן זיך אונטערגעהאקטע שמעקעדיקע צווייגלעך.

— קאַליקע, וועסט נאָך אונטערשיסן די זון! — שרייט אויס ברוך צו די יאָדלעס מיט א בייסיק געלעכטער.

— ס'בריט, ברוך? — פרעגט שלמה.

— ס'בריט! — ענטפערט שטיל ברוך.

זיין רויט פנים איז זייער בלייך. די נאָז איז מאָדנע פאַרשפּיצט.

— וואָס שווייגן זיי עפּעס? — באַאומרואיקט זיך שלמה צוליב דער לאַנגער שטילקייט.

פלוצלינג דערהערט זיך פון אויבן א שיסעריי, א סעריע זאַלפן. ברוך טוט זיך א הויב אין זיין גאַנצער הייך און זינקט אַראָפּ לאַנגזאַם אונטער די זעק. משהל שיסט אויס אין די צווייגן פון דער הויכער יאָדלע. די יאָדלע גיט זיך א בויג. אַן אויטאָמאַט פליט אויף דער ערד.

א גוף פאַרטשעפּעט זיך אין די געדיכטע צווייגן און פאַלט שווער צווישן די ביימער.

— ברוך! — שעפּטשעט משהל, אַראָפּשלעפּנדיק דעם ברודער פאַר די פיס פון די צעלעכערטע זעק.

ברוך ליגט מיטן פנים אַרויף מיט ברייט צעעפנטע אויגן.

— טויט! — זאָגט שטיל שלמה.

— גיט זיך אונטער! — שרייט די שטים פון צווישן די יאָדלעס.

משהל קנאַלט אויס פון אויטאָמאַט אין דער ריכטונג פון דער שטים.

— סטערוועס! — ריטשעט אויס די שטים מיט א הייזעריקן כריפּ.

משהל האָט דאָס מאָל אומזיסט נישט געשאָסן.

— היט די קוילן, משהל! — רופט זיך אָפּ מיט א שטילן קרעכץ שלמה.

שלמה ליגט אין א טייכל בלוט, די פיס מאָדנע אונטערגעקאַרטשעט אונטער זיך.

— פאַרטשעפּעט? — פרעגט שטיל משהל.

— גריס די ברידער, די מאַמען, און מיין אברהמלען! — קרעכצט אויס שלמה.

זיינע אויגן פאַרציען זיך מיט א נעפּל.

— שלמה! — רופט משהל מיט פאַרשמאַכטע ליפּן.

— קוקו! — שרייט אויס שלמה און קנאַלט פון זיין אויטאָמאַט אין די פּויזנדיקע גרינע פיגורן אַנטקעגנאיבער.

משהל לאָזט אַרויס אַ פולן מאַגאַזין. די אַנגרייפער קייקלען זיך אַראָפּ פון וועג, לאָזן איבער צוויי טויטע. שלמה דרייט זיך אין דרייען. זיינע ליפּן באַדעקן זיך מיט אַ ווייס־רויטער שוים.

— אַבּרהמעלע, געדענק אַבּרהמעלע.

פּלוצלינג שטעלט ער זיך אויף, כאַפּט זיך אָן מיט קורטשנדי־קע פינגער אין אַן אַראָפּהענגענדיקער צווייג פון דער יאָדלע — אַ סעריע פון אויטאָמאַטן — שלמה פליט מיטן פּנים צו דער ערד און שלאָגט זיך אָפּ אין נאָענטן ביימל.

משהל איז געבליבן אַליין.

— גיט זיך אונטער — ברומט די שטימע פון הינטער די יאָדלעס.

ווי מאָדנע עס זאָל נישט זיין, די הייזעריקע באַסאָווע שטים האָט דערמאָנט משהלען זיין מוטער. ס'האָט אים אַ קלעם געטאָן ביים האַרצן.

פאַר זיינע אויגן האָט אַדורכגעשוועבט „יורזיקע", זיין יוגנט, די מוטער. אָט זיצן זיי אַלע, אַ פריילעכע מחנה טשערעשקעס אין דער ליכטיקער שטוב ביים סדר. מאַטעלע, אַבּרהמלס מיזשי־נקע, גרייט זיך פרעגן די קשיות. חיים, דער עלטסטער ברודער, איז דער מלך. מאַטעלע, אַבּרהמלע, חנהלע באַאַרבעטן צוזאַמען מיט דער גרויסער באָבען דעם פּלאַן וועגן אַרויסגנבענען דעם אַפּיקומן.

חיים לעבט שוין נישט. און אַבּרהמל, שלמה, ברוך, מענדל! און ווער ווייסט, ווער עס לעבט נאָך האַרטן? און ער, משהל? ער לעבט דאָך שוין אויך נישט — אָט באַלד...

אַ שטאַרקע אויטאָמאַטן־סעריע האָט אים אויפגעוועקט פון די מחשבות. ער האָט נישט געענטפערט.

פון הינטער די נאָענטע יאָדלעס האָבן ווידער אַרויסגעפּוי־זעט די גרינע. משהל פילט עפּעס אַ מאָדנע מידקייט. אָט זיינען זיי שוין נאָענט. צו נאָענט. די מידקייט איז שוין פאַרביי. משהל בייסט איין אַ האַנט־גראַנאַט, טוט אים אַ שלייַדער אין די פּויזנ־דיקע פיגורן, און אַליין פאַלט ער צו נאָך פעסטער צו דער ערד, צווישן די צעשאָטענע זעק.

אַ שטאַרקער אויפרייס. אַ כמאַרע שטויב. ס'טוט אַ ציטער דער וואָגן. אַ יאָמער, אַ געשריי. די אַנגרייפער האָבן אָפּגעטרעטן הינטער די יאָדלעס. אויפן וועג ליגן נאָך עטלעכע צעשמעטערטע קערפּערס.

אַ לאַנגע מינוט איז שטיל. עפּעס אַ בייכיקע בין האָט זיך פאַנאַנדערגעזשומעט איבער משהלס קאָפּ. די בין האָט זיך אָפּגע־זשומעט דאָס איריקע און איז אַריבערגעפלויגן אויף דער אַנדערער זייט באַריקאַדע צו זיי, אין די יאַדלעס אַריין.

ס'איז דאָך נישט אַזוי ווייט פון דאָרף, מען האָט דאָרט זי־כער דערהערט די שיסעריי. אודאי וועט מען דאָס איבערגעבן אויף דער באַזע, אפשר וועט נאָך באַווייזן הילף אָנצוקומען!?

אפשר? — — —

אַזוי האָט געטראַכט משהל, בשעת ער האָט אין דער קורצער הפסקה פון שלאַכט געקוקט אויף דער בין. פלוצלינג דערהערט זיך פון הינטער די יאַדלעס אַ שטאַרקע קאַנאַנאַדע — אַ געשריי, אַ געפּילדער.

— הורראַ!!!

עטלעכע גרינע שפּרינגען אַרויס אויפן וועג.

משהל לאָזט נישט אַרויס דעם אויטאָמאַט פון די הענט, שיסט אָן אויפהער, ווערט מיטגעריסן פון דעם הורא. ער שרייט און שיסט. ס'לויפן צו־אים צו בערל, מאָטל, כאַנקע, מיט אַ געווין פאַלט צו אים צו כיימשע, וואַרפט זיך אים אויפן האַלדז. ס'פאַלן קאַרגע טרערן אויף די אָפּגעברענטע, פון ווינט פאַרהאַרטעוועטע פנימער פון די טשערעשקעס.

* * *

דער געפאַנגענער איז געווען אַ יונגער דאָרפישער בחור. אַ קויל האָט אים דורכגעהאַקט דעם רעכטן פוס. אין פאַרטיזאַנער־שפּיטאָל האָט מען אים געהיילט מיט גרויס זאָרג. מען האָט זיין פוס געראַטעוועט. ביסלעכווייז איז דער בחור געקומען צו זיך. די ערשטע צייט האָט אים קיינער גאָרנישט אויסגעפרעגט. בלויז די קראַנקן־שוועסטער האָט אים פון צייט צו צייט דערציילט וועגן דעם פאַרטיזאַנען־קאַמף, פאַרגעלעזן די „סוואָדקעס" פון פראָנט, איבערגעגעבן וועגן די רציחות אין שטאָט. די ערשטע צייט האָט דער יונג עקשנותדיק געשוויגן, געמאַכט זיך נישט הערנדיק. שפּע־טער האָט ער אָנגעהויבן פרעגן.

זיין ערשטע פראַגע איז געווען, צי איז די שוועסטער אַ „זשי־דאָווקע". זי האָט אים מיט אַ געלעכטער געענטפערט, אַז זי איז אַן עכטע פּאָלקע, געוויזן אפילו דאָס צלמל אויפן האַלדז.

דאַן האָט ער הער שוועסטער געפרעגט, פאַרוואָס קעמפט זי צוזאַמען מיט די זשידעס און באָלשעוויקעס קעגן פּוילן.

די שוועסטער האָט אים געענטפערט, אַז זי קעמפט קעגן דייטש פאַר פּוילן.

דער בחור איז אַנטשוויגן געוואָרן און ער האָט זיך פאַר־טראַכט.

— פאַרוואָס האָט איר מיך נישט דערהרגעט? — האָט ער אַ פרעג געטאָן אויף צומאָרגנס ביי דער שוועסטער.

— מיר מאָרדן נישט קיין געפאַנגענע — האָט זי געענטפערט.

— אָבער פּאָליאַקן מאָרדעט איר יאָ, אָט האָט איר דערמאָר־דעט 28 מיינע חברים! — האָט מיט צאָרן געטענהט דער יונג.

— די 28 זיינען אונדז באַפאַלן, ס'האָט זיי געשיקט דער דייטש. מיט זיי האָט אָנגעפירט דער געסטאַפּאָ־אָפיציר, דער „בער", און פאַר דעם פּוילישן פאַרגאָסענעם בלוט איז פאַראַנטוואָרטלעך דער דייטש און זיינע פּוילישע משרתים! — האָט רואיק געענט־פערט די שוועסטער.

איניקע טעג שפּעטער האָט אים די שוועסטער אָנגעזאָגט, אַז אַ פּוילישער פּאַרטיזאַנער פונעם שטאַב וויל מיט אים רעדן. ס'האָט אים באַזוכט דער אַלטער יאַן.

דער יונג האָט גאָרנישט געענטפערט. ער האָט זיך אַביסל צעטומלט.

— וואָס מאַכסטו, זונדל? — האָט מונטער אַ פרעג־געטאָן דער אַלטער בערדיקער פּאַרטיזאַן, פאַרלעשנדיק די ליולקע ביי דער טיר פון דעם חולהס צימער.

דער יונג האָט אָנגעקוקט יאַנען און ס'האָט זיך אים עפּעס דערמאָנט זיין פאָטער. ער האָט שוין נישט ווייניק געהאַט אַדורכ־געטראַכט אין דער צייט פון זיין היילן זיך אויף דער באַזע.

— אַ דאַנק, באַטקאָ, ס'גייט צום בעסערן — האָט אָפּגעענט־פערט פריינדלעך דער געפאַנגענער.

— זעסטו שוין, זונדל, אַז מיר פּאַרטיזאַנער, רויטע, זשידעס, זיינען נישט קיין מענטשנפרעסער.

— איך זע, באַטקאָ! — האָט שטיל געענטפערט דער בחור.

און וואָס האָבן דיר דיינע פירער דערציילט וועגן אונדז? אַזוי האָבן זיי דערציילט? האַ? — דער אַלטער טוט אַ שעלמישן ווונק מיט זיינע געדיכטע, פאַרברעמטע אויגן און שמייכלט אַריין אין דער ווייסער באָרד.

— אַנדערש, באַטקאָ — האָט געענטפערט דער קראַנקער.

— יאָ, אַנדערש, זאָגסטו, זונדל, איז וואָס קומט אַרויס, זיי האָבן דיר אָנגעבאַיערט, האַ?...

— קומט אַרויס, באַטקאָ — האָט געענטפערט דער יונג.

אויף מאָרגן איז ווידער אַריינגעקומען דער אַלטער יאַן מבקר חולה זיין דעם געפאַנגענעם.

— דיינע פירער האָבן דיר געזאָגט, אַז זיי קעמפן קעגן דעם דייטש, יאָ?

— יאָ!

— גוט, זונדל, האָסטו שוין קעגן דעם דייטש געקעמפט?

— ניין!

— נו, אַז דער „בער" איז אַ געסטאַפּאָ־אַגענט, ווייסטו, זונדל?

— יאָ! די שוועסטער האָט מיר געוויזן זיינע דאָקומענטן.

— האָסטו געוווסט, אַז עס פירט דיך אַ דייטשישער שפּיק?

— ניין!

— הייסט דאָס, אַז מ'האָט דיך ווידער אין באָד געפירט, זונדל?

דער אַלטער שמייכלט ווידער אין דער גראָער באָרד אַריין. דער יונגער פויער גיט זיך אַ קראַץ אין קאָפּ, פאַרטראַכט זיך שטאַרק און פאַרגעסט אַזש דאָס מויל צו פאַרמאַכן.

— ס'קומט אַזוי אַרויס, באַטקאָ! — ענטפערט ער נאָך אַ לאַנגער רגע.

— גוט, זונדל, קאָנסטו די מעשה מיטן פאַסטוך?

— ניין, איך ווייס נישט.

— ס'האָט אַמאָל אַ פּאַסטוך אַ שפּאַס געמאַכט:

— וועלף, ראַטעוועט! — האָט ער געשריגן.

זיינען זיך אָנגעלאָפן מענטשן מיט ווילעס, מיט העק — וווּ זיינען די וועלף?

— זיי זיינען אַוועק! — און דער פּאַסטוך האַלט זיך ביי די זייטן פון געלעכטער. און ווידער, אַ צווייטן 'מאָל: — וועלף, ראַטעוועט!

— ווידער זיינען מענטשן געלאָפן. דאָס מאָל אָבער שוין ווייניקער. און אויף צומאָרגנס זיינען די וועלף געקומען.

— ראַטעוועט, וועלף! — האָט געשריגן דער פּאַסטוך.

— ער מאַכט אונדז צו נאַר, ער חוזקט! דער סקורטשוי ביק!

— דאָס פאָלק איז נישט געקומען און די וועלף האָבן זיך מחיה געווען מיט אַ פעטן ביסן.

— וואָס איז אויסן די מעשה, זונדל? — האָט אַ פרעג־געטאָן דער אַלטער.

— אַז מען דאַרף נישט ליגן, הייסט דאָס! — האָט מיט אַ שמייכל אויסגערופן דער קראַנקער.

— דאָס באַווייזט, אַז אַ מענטש מיט אַלע קליפּקעס גלויבט נישט העם, וואָס נאַרט אים אָפּ צוויי מאָל, זונדל!

דער אַלטער יאַן האָט פֿריינטלעך אַ ווונק געטאָן צום יונגן פּויער און איז אַרויסגעגאַנגען.

אויף צומאָרגנס איז דער אַלטער ווידער געקומען.

— הייסט דאָס, אַז מיר פּאָליאַקן קעמפֿן סײַ קעגן דעם דײַטש און סײַ קעגן מאָסקווע און קעגן דער גאַנצער וועלט — זאָגן דײַנע פֿירער? יאָ, זונדל?

— קעגן די דרײַ, יאָ! קעגן דער גאַנצער וועלט — נישט! אַמעריקע און ענגלאַנד זײַנען מיט אונדז! — האָט שוואַך געענטפֿערט דער יונג.

— יאָ! אָבער אַמעריקע און ענגלאַנד קעמפֿן דאָך קעגן דעם דײַטש צוזאַמען מיט רוסלאַנד — ריכטיק?

— יאָ, אַזוי טאַקע! — האָט אַ זאָג געטאָן דער יונג.

דאַן האָט ער אַזוי ווי פֿלוצלינג זיך אין עפּעס דערמאָנט:

— באַטקאָ! אָבער ווי באַלד די באָלשעוויקעס וועלן אויפֿפֿרעסן דעם דײַטש און דער דײַטש דעם באָלשעוויק, וועלן מיר מיט אַמעריקע און ענגלאַנד צוזאַמען אויפֿפֿרעסן זיי בײדע. גאָרנישט וועט דעמאָלט פֿון זיי בלײַבן.

— אַ נישקשהדיקן אַפּעטיט האָט מען דיר געמאַכט, זונדל!

— האָט אַרײַנשמייכלענדיק אין דער באָרד געצויגן יאַן.

— נו, און דו קלערסט, אַז די פּויערים, די אַרבעטער, דאָס פֿאָלק פֿון אַמעריקע און ענגלאַנד וועלן חשק האָבן שטענדיק מלחמה האַלטן? וועלן זיי דען וועלן קריכן קיין סטאַלינגראַד, קיין מאָסקווע, זיך לאָזן אין היטלערס שליאַכן, האַ?

— כ׳ווייס נישט.

יאַן האָט אַ ווײַלע געשוויגן.

— נו, און דו וואָלסט ווידער געגאַנגען קעגן אונדז?

— ניין, באַטקאָ!

— קלערסטו, אַז די ענגלישע און אַמעריקאַנישע פּויערים און אַרבעטער זײַנען אַזוי נאַריש — קלערסטו, אַז זיי האָבן נישט געלערנט, ווער עס בלאָפֿט זיי און ווער עס זאָגט ריכטיק, האַ?

* * *

ווען דער געפֿאַנגענער יונגער פּויער איז געזונט געוואָרן, האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין די פּאַרטיזאַנער.

די לעבעדיקע לוויה

דער ווינטער האָט זיך אָנגעהויבן באַציַיטנס. דער ניַיעמאַן האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ גליטשיקן פאַנצער. דער וואַלד איז געשטאַנען אַ גראָער, אַ שטילער, און די שטרויענע דעכער איבער דער „אַסיעדליע” זיַינען פאַרוואַקסן מיט וויַיסע, זקנישע בערד. דאָס געטאָ האָט זיך באַדעקט מיט אַ פאַרפרוירענער בלאָטע. דער צעטאָפּטשעטער שניי האָט געגיפּושט מיט אַ צעפּוילטער פיַיכטקייט. אין די איבערגעפּולטע צימערן האָט געהוליעט אַ פּראָסטיקער ווינט.

די מענטשן זיַינען אַרומגעגאַנגען פאַרקלעמטע, פאַרבלויטע, פאַרוויקלט אין שמאַטעס, דורכגעפרוירענע דורך און דורך. די קעלט האָט געטריבן פון דרויסן — ס'איז געווען דער ווינטער פון יאָר 1942 אין געטאָ — דער לעצטער ווינטער.

אין ביוראָ פון יודען־ראַט איז געווען אַזוי קאַלט, ווי אין געטאָ. ביַים אַבמאַן גאָסקי, לאַנדוער און יערסקי אויפן האַרצן איז נאָך קעלטער, ווי אין געטאָ.

אין די חושכדיקע געטאָ־קוואַרטאַלן רעדט מען וועגן טרעבלינקע, אָשוויענטשים, מאַידאַנעק. מען סודעט זיך וועגן פּאָנאַר, מען שמועסט וועגן נאָענטן קעלבאַסין.

יודען־ראַט־מענער וויסן: עס קומט די לעצטע „שעה. היַינט, מאָרגן, אפשר איבערמאָרגן.

וויסאָ באַוויַיזט זיך טאָג־טעגלעך אין זיַין שוואַרצן קאָמבינעזאָן. טאָג־איַין, טאָג־אויס כאַפּן ס.ס.־ניקעס מענטשן. רובין און סרעברניאַק — די פּאָליציי־שעפן טריַיבן די קרבנות אויף די פונקטן מיט דער הילף פון די יידישע פּאָליציאַנטן.

— וויסאָ איז ביַי דער מלאכה!

ווי אַ בשורה פון טויט טראָגט זיך דורך די געסלעך דאָס דאָזיקע וואָרט. צו דער „מלאכה” גייט וויסאָ אַרויס אין זיַין שוואַרצן אַרבעטס־קאָמבינעזאָן, ווי אַ מעכאַניקער צי אַ פאַבריקס־מיַיסטער. מיט זיַינע מכשירים — אַ שווערער קאָלט און אַ לעדערנער שפּיצרוט, אַרבעט ער פלינק און פּרעציז.

פון טאָג צו טאָג ווערט דאָס געטאָ באַוואַכט שטרענגער. די איינציקע, נישט פאַרשטעלטע מעלינע אין דער שטאָט איז די, וואָס פירט צום קלויסטער.

לאַנדיער האָט פאַרטיילט די לעצטע זעקס דאָקומענטן — זעקס יונגע מיידלעך פון דער קאָמוניסטישער און שומרישער יוגנט. די מיידלעך וועלן היינט אַריבערגיין אין שטאָט. זאָסיאַ און דער פּאַטער וואַלעריי האָבן פאַר זיי צוגעגרייט צייטווייליקע באַהעלטענישן אין דעם פרויען־מאָנאַסטיר און אין דער פּלעבאַניע.

לאַנדיער, יערסקי און גאָסקי זיצן אין ביוראָ און וואַרטן.

פון אינדערפרי אָן איז דאָס געטאָ געשלאָסן. קיינער איז נישט אַרויסגעלאָזט געוואָרן צו דער אַרבעט. גרעסערע אָפּטיילונגען ס.ס.־מענער, פּוילישע און ליטווישע פּאָליציי קאָנצענטרירן זיך אַרום דעם געטאָ־מויער.

די יידישע פּאָליציי שטייט פון אינדערפרי אָן אין צושטאַנד פון גרייטשאַפט.

שולק און באַסין זיינען אַרויסגערופן געוואָרן אין דער געסטאַפּאָ. רובין און סרעבריאַניק זיצן אין דער פּאָליציי־קאָמענדאַנטור.

אין צווייטן צימער פון יודען־ראַט זיצן די איבעריקע יודען־ראַט־מענער. זינט עטלעכע חדשים איז דער יודען־ראַט פּאַקטיש געשפּאָלטן.

פון איין זייט גאָסקי יערסקי און לאַנדער. די איבעריקע — פון דער אַנדערער זייט. קיינער האָט זיך נישט אַרויסגעזאָגט אָפן וועגן דער דאָזיקער שפּאַלטונג. אָבער „די איבעריקע" האָבן אָנגעהויבן אויסצומיידן יעדע באַגעגעניש מיט די דריי. גאָסקי, יערסקי און לאַנדער האָבן דעם דאָזיקן צושטאַנד אָנערקענט אַלס פאַקט. זיי האָבן וועגן דעם אויך כמעט נישט גערעדט, ווייל וואָס איז אייגנטלעך געווען צו רעדן?

בלויז יערסקי האָט אַ פּאָר מאָל מיט פאַרביטערנישׂ אויסגערופן:

— זיי מיינען, אַז זייער געטרייע געהאָרכזאַמקייט צו די רוצחים און זייער דעמאָנסטראַטיווו אָפּטיילן זיך פון אונדז וועט זיי ראַטעווען!

דעם פרימאָרגן האָט זיך דאָס געטאָ פאַרטאַיעט. אַ פאַרחלשטע שטילקייט האָט אויסגעפילט די שמאָלע, מיט מענטשן איבערגעפּולטע געסלעך. אַ שווער פאָרגעפיל האָט געדריקט די יידן. גערעדט האָט מען צו זיך שעפּטשענדיק — מאַמעס האָבן מיט אַ

שטילן זיפץ געטוליעט צו זיך די קינדער, די פאַטערס האָבן זיך באַמיט אויסצומיידן די בליקן פון זייערע נאָענטסטע.

אויגן פול מיט אימה און פאַרצווייפלונג.

* * *

אינעם הויף פון יודען־ראַט איז פאַרפאָרן אַ מיליטערישער אויטאָ און האָט זיך האַסטיק אָפּגעשטעלט פאַרן אַריינגאַנג פון די ביוראָען. גאָסקי, יערסקי און לאַנדער זיינען צוגעפאַלן צום פענצטער און האָבן דערזען ווייסאָ און שאָטן, ביידע שטורמפירערס, ווי זיי דערנענטערן זיך צו דער הינטערשטער טיר.

הייסט דאָס — שוין!...

גאָסקי איז צוגעגאַנגען צום טיש און האָט זיך שווער אַוועקגעזעצט. יערסקי איז געבליבן שטיין ביים פענצטער. לאַנדער איז געשטאַנען ביים קאַלטן אויוון.

אויפן קאָרידאָר האָבן אַ טופּע געטאָן שנעלע פעסטע טריט.

די טיר פון ביוראָ־צימער האָט זיך געעפנט אין דער גאַנצער ברייט. ס'זיינען אַריין די שטורמפירער. די יודען־ראַט־מענער האָבן זיי באַגעגנט שטייענדיקערהייט. אויך די ס.ס.־שטורמפירער זיינען געבליבן שטיין אין מיטן צימער, נישט צוגייענדיק צום טיש.

אַ רגע האָט ווייסאָ געשוויגן, דאַן האָט ער מיט אַ העפלעכער שטימע, און וועלכער ס'האָט זיך געפילט אַ היפּש ביסל איראָניע, געזאָגט:

— הער אָבמאַן גאָסקי, איר דאַרפט תיכף לאָזן אָפּדרוקן אַ מעלדונג אין אייער געמען, אַז מאָרגן זעקס אַזייגער אינדערפרי דאַרפן די דריי טויזנט איינוווינער פון סלאָבאָדקער און טשאָרטקעם געטאָ־באַצירקן זיך פאַרזאַמלען אויפן הויף פון דער גרויסער שול. קיינער טאָר נישט פעלן. זיי מעגן מיט זיך מיטנעמען פּראָוויאַנט אויף צוויי טעג, אַ קישעלע, איין פּאָר וועש פאַר דערוואַקסענע, צוויי פּאָר וועש פאַר קינדער. דאָס וועט זיין דער ערשטער טראַנספּאָרט אין דעם „יודען־שטאַט", וועלכן דער פירער האָט באַוויליקט. פאַרשטאַנען, הער אָבמאַן?

אַ טויטע בלאַסקייט האָט באַדעקט גאָסקיס פּנים. יערסקי און לאַנדער, אויך פאַרבלאַסטע און אויפגערודערטע, האָבן געקוקט אויף גאָסקין מיט אַ בליק פון צער און אויסוואַרטונג. לאַנדער האָט געטראַכט: ווי וועט האַנדלען גאָסקי?

ווייל גאָסקי האָט נאָך אַלץ נישט געענטפערט, האָט דער שטורמפירער אַ פרעג־געטאָן מיט אַ דראָענדיקן טאָן פון אומגעדולד:

— איך מיין, אַז איר האָט מיך פאַרשטאַנען, הער אָבמאַן?

דער אבמאַן גאַסקי האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ און שטיל, דייטלעך און זיכער רוהיק דערקלערט:

— הער שטורמפירער, איך האָב איך פאַרשטאַנען. אייער „יודען־שטאַט" איז — טרעבלינקע! אַזאַ מעלדונג, ווי איר פאָדערט פון מיר, וועל איך קיינמאָל נישט אונטערשרייבן!

אַ רגע איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז די יידן האָבן געהערט, ווי עס קלאַפּן שנעל און נישט רעגלמעסיק זייערע אייגענע הערצער.

—וואָס!?

דער שטורמפירער האָט אַ ריס־געטאָן דעם קאָלט און אים אויפגעהויבן קעגן גאַסקיס ברוסט. דער בלאַסער אָבמאַן האָט פאַרמאַכט די אויגן און זיך נישט גערירט פון אָרט.

— ניין — האָט זיך בייז פאַנאַנדערגעלאַכט ווויסאַ. — דו וואָלסט זיך געוווּנטשן אַזאַ טויט! דאָס איז אָבער צו גוט פאַר דיר, דו יודען־שווין!

— יקום! — האָט ער באַפוילן דעם אָבמאַן.

דער אַרוואַקאַט גאַסקי איז לאַנגזאַם אַרויס פון הינטערן שרייב־טיש, ער האָט אַראָפּגענומען די ברילן, אַרומגעווישט זיי מיט אַ טיכעלע שוין בעת דעם גיין און אַריינגעלייגט זיי אין פוטליאַר.

יערסקי און לאַנדער זיינען געשטאַנען, אַזוי ווי צוגעשמידט צו דער ערד.

ביי דער טיר האָט גאַסקי אויף אַ רגע אויסגעדרייט דעם קאָפּ. זיינע אויגן האָבן זיך געטראָפן מיט לאַנדערן — און אַ וואַרעמער, ברייטער שמייכל האָט אַ ציטער געטאָן אויף גאַסקיס ליפּן. אויך לאַנדער האָט געענטפערט גאַסקין מיט אַ שמייכל, וועלכער איז אים אָבער נישט אַרויסגעקומען. זיינע פאַרביסענע ליפּן און שוואַרצע, ברענענדיקע אויגן האָבן געזעגנט גאַסקין. דער אָבמאַן האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו יערסקין. יערסקיס אויגן האָט ער אָבער נישט געפונען. יערסקי האָט זיין קאָפּ אַראָפּגעלאָזט גאָר נידעריק, ער האָט נישט געוואָלט פאַרשאַפן פאַרגעניגן די ס.ס.־ניקעס — ער האָט נישט געוואָלט, זיי זאָלן באַמערקן, אַז ער וויינט.

גאַסקי האָט געוואָרפן אַ בליק אַרום זיך, אַרומגענומען דעם שרייב־טיש, דעם לאָמפּ, דאָס צימער. אין די דאָזיקע סעקונדן האָט אין זיין מוח אַ בליץ־געטאָן אַ געדאַנק: אַז אייגנטלעך האָט ער ליב באַקומען דאָס דאָזיקע צימער, דאָס צימער אין וועל־

און דאָ איז געשען דאָס, אויף וואָס דער שטורמפירער האָט זיך נישט געריכט.

בן ער האט אדורכגעמאכט די גרויליקסטע מאַנאַטן פון זיין לעבן.

ווײסאַ האט אַ שטופּ געטאָן גאַסקין, און זיי זיינען אַרויס.

* * *

די ס.ס.־אָפּטײלונגען און פּאָליציי האָבן אַרומגענומען דעם סלאָבאָדקער געטאָ־באַצירק.

די גסיסה פון די דריי טויזנט יידן האט זיך אָנגעהויבן.

מענטשן זיינען אַרומגעלאָפן, ווי מיוז אין דער פּאַסטקע. מען איז געלאָפן אין די מעלינעס, אויב מען האט באַצייטנס אַזעלכע צוגעגרייט. מוטערס האָבן געפּרוּווט איבערפירן זייערע קינדער אין די אַנדערע קוואַרטאַלן פון געטאָ. דאָס איז אָבער געווען זייער שווער.

אַ געדיכטער קאָרדאָן האט אַרומגענומען דאָס געטאָ. די פּאָליציי האט אויך אַרומגעצוימט דעם סלאָבאָדקער און טשאַרטקעס באַצירקן מיט שטעכיק דראָט. צענדליקער מענטשן זיינען געבליבן הענגען אויף די שטעכעדיקע דראָטן, געטראָפן דורך די גוט געצילטע קוילן פון די דייטשע אויטאָמאַטן. אויך פון די איבעריקע געטאָ־קוואַרטאַלן האט מען קיינעם נישט צוגעלאָזט.

— וואָס קריכט איר, באַלד וועט קומען אויך אייער צייט! — פלעגן די פּאָליציאַנטן אָפּלאַכן פון די אָנגעלאָפענע קרובים.

ווײסאַ האט באַפוילן: די אַלע, וועלכע קומען קוקן — אַריינטרייבן אין דעם סלאָבאָדקער באַצירק. מיט דעם האט ער פאַרענדיקט דעם „אַפּשייד־באַנקעט", — ווי ער פלעגט זיך אויסדריקן.

אין די אַרומגערינגלטע באַצירקן, זיינען פיל מענטשן אַראָפּ פון זינען. אַנדערע זיינען אַריינגעפאַלן אין אַ צושטאַנד פון פאַרגליווערטער אַפּאַטיע.

עס זיינען דאָך געווען מענטשן, וועלכע האָבן אויך אין די לעצטע שעהן געטראַכט נישט נאָר וועגן זיך. אַ גרופּע יוגנטלעכע און אַרבעטער האָבן אין אַ פּאַראַויס צוגעגרייטער מעלינע, אונטערן ברוגעם, אויסבאַהאַלטן אַ צוואַנציק קינדער, וועלכע די פאַרצווייפלטע מוטערס האָבן מסכים געווען איבערגעבן אין זייערע הענט. אַ געוויסע הילף איז אויך געקומען פון דרויסן.

זאָסיאַ האט אונטערגעשיקט דעם סערזשאַנט מאַלער, וועלכער האט, שטעלנדיק זיין לעבן אין גרעסטן געפאַר, אויסגעקויפט ביי אַ דייטשישן זשאַנדאַרם, פאַר אַ גילדענעם זייגער, זייער אַ טאַלענטירטע יידישע סקולפּטאָרין. דער זשאַנדאַרם איז אַריבער אויפן אָנגעגעבענעם אַדרעס און האט געבראַכט די סקולפּטאָרין אויפן אָרט, וווּ דער סערזשאַנט מאַלער האט זי אָפּגעוואַרט. דער דייטשער אַנטי־פאַשיסט האט די יידישע קינסטלערין אַריבער־

געפֿירט אין דער שטאָט. אַ געוויסע צייט האָט זי זיך אויסבאַהאַלטן ביי זאָסיען. און דאַן איז זי אַריבערגעפֿירט געוואָרן אויף דער פּאַרטיזאַנישער באַזע.

אויך מאַריע האָט אין דעם אַוונט שיעור נישט באַצאָלט מיטן לעבן פֿאַר איר „משוגעת". ווי נאָר עס איז פֿינצטער געוואָרן האָט זיך מאַריע צוגעשאַרט אונטער אַ פּאַרקאַן, אין וועלכן ס'האָט זיך אָנגעשפּאַרט די דראָטענע צוימונג. די רעפֿלעקטאָרן האָבן באַלויכטן די קוילן שטעך־דראָט עטלעכע מעטער אין דער טיף פֿון משאַרטקער באַצירק. מאַריע איז געשטאַנען אין שאָטן פֿון פּאַרקאַן און געזען דורך אַ שפּאַרונע, ווי אַ פּאָר טריט פֿון איר פּלאָנטערט זיך אַ ייִנגעלע ביי די פֿיס פֿון אַ פֿאַרבלוטיקטן קערפּער פֿון עפּעס אַ פֿרוי. מאַריע האָט אַ פּרווו געטאָן אויסברעכן אַ ברעט פֿון פּאַרקאַן. דאָס ברעט האָט זיך אונטערגעגעבן. זי האָט אַ פּרווו געטאָן דאָס צווייטע — און אָט האָט זי שוין כמעט געהאַט אַ פֿאַרטיקן דורכגאַנג. אין דעם מאָמענט האָט דער רעפֿלעקטאָר באַלויכטן דאָס אָרט, אַרום וועלכן מאַריע האָט זיך געפּאָרעט.

אַ סעריע פֿון אַן אויטאָמאַט — ס'האָבן אַ פֿייף־געטאָן קוילן. דאָס קינד האָט מאָדנע אַ פּאַטש־געטאָן מיט די הענטלעך, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און געפֿאַלן מיטן פּנים אויף דער מוטערס שויס.

מאַריע האָט זיך שנעל אײַנגעבויגן און איז אַוועקגעלאָפֿן פֿון פּאַרקאַן.

* * *

נאָך דעם, ווי מען האָט גאָסקין אַרויסגעפֿירט פֿון ביוראָ, איז יערסקי אַנידערגעפֿאַלן אויף דער באַנק און זיך ביטער צעוויינט. מאָדנע האָט אויסגעזען דער דאָזיקער ריז, ווען ער האָט געכליפּעט, ווי אַ קליין קינד. לאַנדער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין קאַלטן אויוון און האָט געשוויגן. נאָך עטלעכע מינוטן האָט זיך יערסקי אויפֿגעהויבן און שטילער, ווי געוויינלעך, אַ זאָג־געטאָן:

— טייערער לאַנדער! איך קאָן שוין מער נישט. איך וועל גיין מיט זיי!

לאַנדער האָט זיך אַ צאַפּל־געטאָן, ווי ס'וואָלט אים פּלוצלינג עמעצער אַ זעץ־געטאָן איבערן קאָפּ.

— יערסקי, וואָס רעדט איר עפּעס! וועמען וועט איר העלפֿן מיט אײַער באַשלוס?

— מײַן משפּחה וווינט אין סלאָבאָדקער באַצירק. גאָסקין וועט מען אַרויספֿירן צום טויט. איך קאָן שוין מער נישט. איך האָב איך נישט קיין לוסט און כוח פֿאַרצוזעצן דאָס איצטיקע לעבן.

— אָבער יערסקי, איר דאַרפט פאַרשטיין, אַז איר לעבט דאָך נישט פאַר זיך אַליין.

— איך זע, אַז עס קומט אָן דער סוף. איך וויל נישט, אַז זיי זאָלן דערצײלן וועגן דעם טאָג פון מיין טויט... אויב איך קאָן נישט זיין אַ באַלעבאָס איבער מיין לעבן, וויל איך זיין דער באַלעבאָס איבער מיין טויט!

— יערסקי! קעמפן דורכן טויט וועט איר שטענדיק באַווייזן. מיר דאַרפן איצטער קעמפן פאַרן לעבן. מיט יעדער מינוט פון אונדזער ביסל לעבן קאָנען מיר שעדיקן דעם שונא. כל זמן מיר לעבן, קאָנען מיר עמעצן ראַטעווען, אַריבערפירן צו די פּאַרטיזאַנער, פאַרשטאַרקן די אַרמיי פון באַפרייאונג.

— לאַנדער, טייערער! יאָרן לאַנג האָט איר אין זיך אויסגעבילדעט אַ כאַראַקטער פון אַ קעמפער. זייט איר מצליח אויף אייער וועג, לאַנדער! איך וועל גיין מיט מיין וועג!

ביידע זיינען אַנטשוויגן געוואָרן. נאָך אַ לאַנגער ווײַלע איז יערסקי צוגעגאַנגען צו לאַנדערן.

— בלייבט געזונט, לאַנדער!

ביידע האָבן זיך שטאַרק אַרומגענומען און צעקושט. דאַן האָט יערסקי אָנגעהויבן אַרויסצוגיין און לאַנדער האָט אים באַגלייט צו דער טיר. ביי דער טיר האָט זיך יערסקי אָפּגעשטעלט, האָט אַ קוק־געטאָן אַרום זיך און אַ זאָג־געטאָן:

— איר ווייסט, לאַנדער! אַ סך האָב איך געלערנט אין דעם צימער. איך האָב געלערנט, אַז שוואַרץ־מאַהאָניקעס זיינען אויך דאָ צווישן יידן, ווי צווישן נישט־יידן; אַז אָרנטלעכע, גוטע מענטשן זיינען פאַראַן צווישן יידן און נישט־יידן און אַז נאָר מיט פּאָזיטיווע כוחות פון דער גוטער מענטשהייט פון אַלע, אַלע פעלקער — קאָן מען שאַפן אַ גוטע וועלט.

איך האָב אויך געלערנט, אַז אויב מען פאַרשטייט נישט דעם דאָזיקן אמת באַצייטנס — העלפט מען אָט די פינצטערע כוחות דערהרגענען די וועלט.

און אויב איר, לאַנדער, וועט בלייבן לעבן, זאָגט אַלעמען, אַלעמען, — אַז דאָס זיינען געווען די לעצטע ווערטער פון דעם ציוניסט יערסקי.

— זייט געזונט, לאַנדער!

יערסקי איז אַרויס, איינבייגנדיק זיין קאָפּ ביים דורכגאַנג, דורך דער געהיימער טיר פון יודען־ראַט־ביוראָ.

* * *

בשעת די זעקס מיידלעך פון געטאָ זיינען דערגאַנגען צום זיכערן

אָרט און האָבן דערציילט, וואָס עס קומט פאָר אין געטאָ, האָט דער פּאַטער וואַלערי אַ פרעג־געטאָן זאָסיען:

— אפשר זאָל איך פּרוּוון רעדן מיט דאַנילעוויטשן? ער האָט גוטע פאַרבינדונגען מיט הויכע, דייטשישע אָפיצירן. ער איז אויך אַן אַדוואָקאַט און איינער פון די פירער פון דער „אַרמיאַ קראַיאָ־וואַ“. אַ חוץ דעם איז ער אַ גלויביקער קריסט. אפשר וועט ער קאָנען ראַטעווען כאָטש די קינדער? און אפשר אויך גאָסקינען? זאָסיאַ האָט זיך אַ ריס געטאָן פונעם אָרט.

— טייערער פּאָטער! די „אַרמיאַ קראַיאָוואַ“ וועט די יידן נישט העלפן. זיי האָבן טאַקע גוטע פאַרבינדונגען מיט די דייטשן, אָבער זיי קעמפן נישט קעגן דעם אָקופּאַנט. זיי פירן מלחמה בלויז קעגן די פּאַרטיזאַנער. זיי זיינען צופרידן פון מאַסן־מאָרדן איבער די יידן. זיי זיינען צופרידן, אַז די דייטשן מאַכן דאָס, וואָס זיי וואָלטן אַליין געוואָלט מאַכן.

— ליבע טאָכטער! איך קלער, אַז איר טרייבט אַביסל איבער.

זאָסיאַ האָט פאַרשטאַנען, אַז זי וועט דעם גלח נישט איבער־צייגן. די שווערע דערפאַרונגען פון די לעצטע יאָרן האָבן דעם אינערלעכן צוטרוי פון דעם פּאָטער וואַלערי לגבי מענטשן נישט געבראָכן. זאָסיאַ האָט עס אָפּגעשאַצט, ווי אַ גרויסע מעלה פון דעם פּאָטער וואַלערי. אָבער אין געוויסע פאַלן האָט זיין גלויבן אין מענטשן געגרענעצט מיט נאַאיוויטעט. האָט זיך זאָסיאַ טאַקע געשראָקן, אַז דער פּאָטער וואַלערי זאָל נישט רעדן איבעריקע זאַכן פאַרן כיטרען אַדוואָקאַט.

— ליבער פּאָטער! מאַכט עס זייער פּאָרזיכטיק. איך בעט אייך, געדענקט, אַז איר רעדט מיט אַ שונא!

דער פּאָטער וואַלערי האָט זיך טאַקע נישט געלאָזט איבער־רעדן. ער האָט צוגעזאָגט זאָסיען זיין זייער פּאָרזיכטיק. ער איז אַוועקגעלאָפן צו דאַנילעוויטשן.

דער אַדוואָקאַט האָט דעם פּאָטער וואַלערי אויפגענומען זייער גאַסטפריינטלעך. ער האָט זיך אפילו געכאַפּט קושן דעם גלחס האַנט.

אַ גרויסער, ליכטיקער צימער. ברייטע, לעדערנע פאָטעלן. פאַרהאַנגען. פיגורן. אַ מאַסיווער שרייב־טיש און בייכיקע שאַפעס. דאָס מעבל — פון שוואַרצן מאַהאָן. דורך די שויבן פון די ביי־כער־שראַנקן קוקן אַרויס דיקע בענדער פון פוילישע קלאַסיקער אין גילדענע טאָוולען. מיט רחבותדיקן ליכט שיינט דער צעצווייג־טער זשיראַנדאָל.

אין דעם קאבינעט האט זיך גאר נישט געביטן...

א דינסט אין א ווייסן טשעפּיק און אין א ווייסן פאַרטוכל טראָגט אַריין אויף א זילבערנער טאַץ אַן אַלט פלעשל מעד און דיקע קרישטאָלענע בעכער.

— דאָס איז נאָך פון די צייטן פון דער צאַרסקער אָקופּאַציע — רופט זיך אָפּ מיט א שמייכל דער אַדוואָקאַט און פּאַרעט זיך אַרום דעם מעד.

דער פּאַטער וואַלערי האָט א בליק־געטאָן אויף דעם פליכער־וואַטן אַדוואָקאַטל, אויף זיין קליין, פלינק קערפּערל אין ווייסן גאַרס און שוואַרצן סמאָקינג. דער אַדוואָקאַט פילט אָן די בעכער, צמאָקעט מיט דער צונג, רוקט צו דעם פּאַטער וואַלערי א גאָלדענע ציגאַרעטן־פּושקע, דערלאַנגט אים פייער פון א זילבערנעם ציני־דער, א גלי־טוענדיק מיטן גרויסן בריליאַנט־פינגערל אויף די ווייסע, דינע, גוט־געפּילעוועטע פינגער. ס'הויבן זיך אַראָמאַטישע רויך־קנוילן. די כיטרע, פינטלדיקע אייגעלעך פון דעם אַדוואָקאַטל קוקן מיט אַן אויסדרוק פון דרך־ארצדיקן אויסוואַרטן.

— מיט וואָס קאָן איך אייך דינען, ליבער פּאַטער? — קלינגט אָפּ דער ווייכער טענאָר פון דעם „פּאַן מעצענאַס”.

„אזא לוקסוס! ס'לעבט זיך אים נישט שלעכט אונטערן דייטש” — איז דורכגעלאָפן א געדאַנק אין מוח פון דעם גלח. דער אומצופרידנקייט פאַרשטאַרקט זיך ביים פּאַטער וואַלערי.

דער גלח האָט אים א זאָג־געטאָן, אַז ער איז געקומען בעטן א נדבה פאַר אַן אַלטער קריסטין, וואָס איר זון איז געפאַלן אויפן פראָנט. דער אַדוואָקאַט האָט אים גלייך געגעבן א שיינע נדבה.

דער פּאַטער וואַלערי האָט באַדאַנקט און אָנגעהויבן זיך געזעגענען. דאַן האָט ער זיך אַזוי ווי אין עפּעס דערמאָנט און אָנגעהויבן:

— איר ווייסט, דייטשן נעמען אַרום דאָס סלאָבאָדקער געטאָ און גרייטן זיך צו ליקווידירן אַלע מענטשן פון קליין ביז גרויס!

— ווירקלעך? — האָט גלייכגילטיק געזאָגט דער אַדוואָקאַט — יאָ, אייגנטלעך איז דאָס די איינציקע גוטע זאַך, וועלכע די דייטשן מאַכן. מען זאָגט, אַז אַלע עפּידעמיעס קומען פון געטאָ.

„ווייזט אויס, אַז זאָסיאַ איז גערעכט געווען” — האָט א טראַכט געטאָן דער פּאַטער וואַלערי, קוקנדיק אויף דעם העפלעכן פּנים פון דער גאַסטפריינטלעכן מעצענאַס.

דער פּאַטער וואַלערי האָט נאָך נישט אויפגעגעבן זיין שליחות. ער האָט ווייטער געפּרוווט.

— איר ווייסט הער מעצענאַס! מען זאָגט, אַז די געסטאַפּאָ האָט פאַרנומען דעם אַדוואָקאַט גאָסקי, אייער קאָלעגע, א זייער אָנשטענדיקן מענטשן!

— ליבער פּאַטער, גלויבט נישט אין יידישער אָנשטענדיקייט. די ערגסטע עפּידעמיע, וועלכע ס׳גייט פון געטאָ איז — קאָמוניע! מיר, גלויביקע קריסטן, דאַרפן דאָך זיין דערמיט צופרידן, וואָס מען פאַרניכטעט די רויטע פּעסט און איר געפערלעכע נעץ, דאָס געטאָ.

— זייט געזונט, הער מעצענאַס! גאָט זאָל אייך העלפן!

— גאָט זאָל אייך בענטשן פאַר אייער הילף, וואָס איר ברענגט אונדזערע אָרעמע פּאָלקס-מענטשן. זייט געבענטשט, ליבער פּאַטער וואַלערי — האָט געענטפערט אַדוואָקאַט דאַנילעוויטש, דער פירער פון דער אָרטיקער אַרמיאַ קראַיאָוואַ.

* * *

נאָך דעם, ווי גאָסקי איז אַדורך אין א שיעור קאָרידאָרן, נאָך דעם, ווי ס׳האָבן זיך געעפנט פאַר אים און פאַרמאַכט הינטער אים אין א שיעור אייזערנע טירן, נאָך דעם, ווי עטלעכע ס. ס.-ניקעס האָבן אים געשטויסן און געשלאָגן איבערן קאָפּ, איבערן רוקן, איבער די פיס — איז ער א פאַרטויבטער, א פאַרחלשטער אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין א קליין געמויערט קעלערל אָן פענצטער. בעת גאָסקי האָט זיך אָנגעשלאָגן מיטן קאָפּ אין באַלקן און אין דער וואַנט, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אין דעם קעלערל קאָן מען בלויז זיצן, ווייל ס׳איז נישטאָ קיין אָרט צו שטיין, אָדער צו ליגן. גאָסקי האָט זיך שווער אוועקגעזעצט אויף דעם בעטאָנענעם דעק און זיך צוגעהערט צום קלאַנג פון די שליסלען פונעם קאַרצער. די ערשטע מינוטן האָט גאָסקי גאָרנישט געזען.

אין קאַרצער האָט געהערשט א געדיכטע פינצטערניש, אַז גאָסקי האָט שוין א טראַכט געטאָן, אפשר איז ער גאָר בלינד געוואָרן פון די שווערע קלעפּ. שפּעטער אָבער, האָט זיך דאָס אויג אָנגעהויבן צוגעוווינען צו דער חשכות. דאָס אויג האָט אָנגעהויבן זען די פינצטערניש. גאָסקי האָט אויך דערפילט א שטעכעדיקן ווייטיק פון די ביילן און סיניאַקעס אויף זיין לייב. ער האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן — אָט איז זיין לעצטער טאָג. אין די אַמאָליקע צייטן, בעת ער איז נאָך געווען אַדוואָקאַט גאָסקי, פלעגט אים אָפט אויסקומען צו באַזוכן זיינע קליענטן אין דער טורמע. על פי רוב זיינען דאָס געווען פּאָליטישע אַרעסטירטע, קאָמו-

ניסטן — די „געפּערלעכסטע פאַרברעכער" אין דעם סאַנאַטאָריש פּוילן. אין זיין זכרון גייט איצטער אויף די געשטאַלט פון באַראַנאָוו, א יונגן דאָרפישן, קאָמוניסטישן אָנפירער — א ווייס-רוס, וועלכער איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט פאַר „שפּיאָנאַזש". אָט זיצט ער ביי אים אין קאַמער און מיט א שווער געמיט גיט ער אים איבער די טרויעריקע בשורה: דער פּרעזידענט האָט אָפּגעוואָרפן די בקשה וועגן באַגנעדיקונג. אָט הערט ער באַראַנאָווס ווערטער:

— טויט-אורטייל איבער קאָמוניסטן איז אַ וואָרענונג פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. אין נאָמען פון דעמאָקראַטיע באַגייען פאַשיסטישע באַנדיטן דעם שענדלעכסטן פאַרברעך איבער דער דעמאָקראַטיע. „שפּיאָנאַזש"-פּראָצעסן קעגן קאָמוניסטן — דאָס איז די צוגרייטונגס-אַרבעט פון דער פינפטער קאָלאָנע צו אַ פאַשיסטישער קרוציאַטע. מיין טויט איז נישט אַזוי וויכטיק, ווי דער טויט-אורטייל! דער טויט-אורטייל אַליין, איז נישט אַזוי געפערלעך — ווי דאָס שווייגן פון דער אַזוי גערופענער דעמאָקראַטישער וועלט. דער פאַשיזם גרייט אַ ריזיקן קבר פאַר דער מענטשהייט — און די וועלט לאָזט זיך שיטן זאַמד אין די אויגן!

דאַן, אין דער טורמע, אין דער קאַמער פון דעם צום טויט-פאַרמשפּטן קליענט, האָט דער אַדוואָקאַט גאָסקי נישט געפונען קיין ווערטער, נישט געוווסט, וואָס צו זאָגן דעם קעמפער, וואָס באַדויערט די אומגליקלעכע וועלט, בשעת די תליה וואַרט אויף אים. ער האָט אים בלויז אַ זאָגנגעטאָן:

— איך וועל איבערגעבן אייערע פריינט און חברים אייערע ווונטשן, אייערע פאַרלאַנגען.

— זאָגט זיי, אַז איך בין צופרידן מיט מיין וועג. זאָל מיין אָנדענק, מיין תליה, מיין משפּט, מיין טויט ווערן א קאַמפּס-לאָזונג.

ווען גאָסקי איז דאַן אַדורך די טורמע, האָבן זיך אירע טויערן געטרייסלט פון מעכטיקן געזאַנג. הונדערטער אַרעסטאַנטן, וועלכע האָבן זיך דערוווסט, אַז דער אורטייל איבער באַראַנאָוון וועט אויסגעפירט ווערן, האָבן אויפגעריסן די טורמע-מויערן מיט דעם „אינטערנאַציאָנאַל".

יאָ... דאָס איז געווען אַמאָל. און איצט, זיצט ער, גאָסקי, אַ צעמטיתטער, אַ צעקאַטעוועטער אין קאַרצער און וואַרט אויף זיין טויט.

צי האָט ער דאַן געטראַכט, אַז די ווערטער פון דעם פאַרמשפּטן באַראַנאָוו וועלן זיך פאַרווירקלעכן, און אַז אויך ער, גאָסקי, וועט טיילן דעם גורל פון די קרבנות? יאָ, מיטן מוח

האט ער באראנאווס נבואה יא אויפגענומען, אבער מיטן הארצן, מיטן געפיל... אויף דעם זיינען, ווי ס'ווייזט אויס, זאטע, איינגעארדנטע מענטשן נישט פעיק.

יא. אדוואקאט גאסקי האט אויך געהאט א פערזענלעך לעבן. אמאל, ווען זיין פרוי איז געשטארבן, אין דער זומער־תקופה פון איר לעבן, האט גאסקי זייער שווער געליטן. זיין איינציקער זון האט נאך א קאנפליקט מיט די אנטיסעמיטישע לערער אין שול — פארלאזט די היים און איז אוועק קיין פאלעסטינע. זיין איינציקער זון איז אויך געווארן דארט זייער יונג א פאליטישער טוער, א טעטיקער קאמוניסט. פון צייט צו צייט, אויף עטלעכע מאנאטן, נאך עטלעכע יאר, פלעגט ער קומען אויף א באזוך צום פאטער. אויך אין דער צייט פון די באזוכן האט דער זון נישט איבערגעריסן זיין טעטיקייט. דער פאטער און דער זון האבן זיך זייער ליב געהאט, זיך קעגנזייטיק געשעצט, פיל דיסקוטירט און נישט זעלטן אפילו זיך געקריגט.

אין הארצן פלעגט דער פאטער שטענדיק געדענקט געבן זיין זון. אבער די שווערע באדינגונגען פון רעוואלוציאנערן קאמף, דער טעראר פון דער פאליציי קעגן די קאמוניסטן, סיי אין פאלעסטינע, סיי אין פוילן, האט אנגעפילט דאס הארץ פון פאטער מיט שטענדיקן פחד וועגן זיין זונס גורל. יעדע וואך פלעגט דער פאטער באקומען און אוועקשיקן בריוו. דעם זונס בריוו זיינען געווען די גליקלעכסטע מינוטן פון פאטערס לעבן. דער זון האט עס געוווסט און פארשטאנען. ער פלעגט היטן די טראדיציע פון רעגולערער קארעספאנדענץ. דער פאטער, וועלכער פלעגט אליין אויך פיל ארבעטן, האט עס געשעצט און פלעגט די קורצע און צומאל אויך זייער לאנגע בריוו פון דעם זון אפהיטן, ווי אן אוצר. ער האט געזארגט וועגן דער מאטעריעלער לאגע פון זיין זון און פלעגט אים אפט שטיצן מיט באדייטנדיקע געלט־סומעס. ער האט אויך גוט געוווסט, אז דאס געלט גייט אפט פאר דער פארטיי. דאס האט אים אבער נישט געערגערט, להיפוך, ס'האט אים אפילו געפרייט.

ווען די רויטע ארמיי האט באפרייט די געגנט פון דעם פאנסקי יאך, האט גאסקי געשריבן צום זון לאנגע בריוו. ער האט געוווסט, אז דערמיט פארשאפט ער אים א דאפלטע פרייד.

און אט זיינען געקומען די דייטשן. איצט זעט גאסקי, ווי געדענקט עם זיינען געווען באראנאוו, זיין זון, לאנדער.

ער זיצט און ווארט אויפן טויט. קיין שום האפענונג —

אזוי ווי באראנאוו נאכן פרעזידענטס אפוואהלן זיין אדוואקאטס בקשה וועגן באגנעדיקונג. און וואס מאכט איצט דער זון?

אפשר איז ער א זעלנער און קעמפט איצט אויף איינעם פון די ווייטע פראנטן?

און אפשר קעמפט ער פאר רעכט צו קעמפן? ווער ווייסט זיי דארטן, די ענגלישע לארדן! ביז אהער ווייזן זיי נישט ארויס אז זיי זיינען אנדערש געווארן, ווי פארן קריג. לויט די קארגע ידיעות, האבן זיי ביז אהער קיין ערנסטן צוגאנג צו דעם קריג נישט ארויסגעוויזן.

דער זון, ער טוט דאס, וואס די פארטיי האט באשטימט. און די פארטיי טוט אלץ, וואס מען דארף און וואס זי קאן, בכדי דעם זיג צו פארשנעלערן.

גאסקי האט אויך אן איינינקל. ווי גרויס איז געוועזן די פרייד, ווען ער האט דאס ערשטע מאל דערהאלטן א בילדל פון דעם קליי־נעם מלאכל מיט א באנאנע אין דער האנט.

ווי איז דארטן ביי זיי?... הונגער? באמבארדירונגען? ווער קאן דאס וויסן?...

געוועזן איז דאס אמאל, מיט פיל, פיל יארן צוריק. איינמאל האט זיך לוסינקע, א קליין יינגעלע מיט בלאנדע לאקן ווי ביי א מיידעלע — אויפגעכאפט פון שלאף מיט א שרעקלעך געוויין. ער איז גלייך צוגעלאפן צום קינדס בעטל, גענומען דאס יינגעלע אויף די הענט און עס צוגעטוליעט צו זיך. דאס קינד האט געעפנט זיי־נע גרויסע, בלאע אויגן, שטארק ארומגענומען דעם פאטער און וויינענדיק, שמייכלענדיק, א פרעג געטאן:

— דו לעבסט, טאטעלע?

דער פאטער האט זיך צעלאכט און דאס קינד האט אים דער־ציילט:

— ס'האט זיך מיר געחלומט, אז שלעכטע גזלנים האבן דיר דעם קאפ מיט א האק אפגעהאקט און דו לויפסט איבערן הויף און האלסט מיטביידע הענט צו דעם קאפ און ער, דער קאפ, וויל אלץ אראפפאלן, אראפפאלן...

ס'איז פינצטער, די טורמע־ווענט דריקן, ווי א טרומנע. גאסקי טראכט וועגן זיין לעצט יאר, וועגן די לעצטע טעג. גאסקי מאכט א סך־הכל מיט זיין געוויסן און אין דער פינצטער, אין קארצער־קבר דערפילט ער עפעס א מאחנע רואיקייט, אזוי ווי א שכינה וואלט אויף אים אראפגענידערט. גאסקי פילט, ס'איז די שכינה פון זיין געוויסן. ער האט געטאן אלץ, — אלץ, וואס ער האט געקאנט. און געקעמפט האט ער אויך, ווי ער האט געקאנט. זיין נשמה האט

ער נישט פאַרקויפט. ער האָט נישט פאַרראַטן. נישט דערלאָזט, אַז דער דייטש זאָל פאַרדעקן זיין מאָרד־פּלאַן מיטן נאָמען פון אַ יידישן כלל־טוער. ער האָט אויסגעוויילט דעם טויט.

און ווען אַמאָל, נאָכן זיג, וועט זיך דער זון מיטן איינקל דער־ווּיסן וועגן דעם ווי אַזוי גאָסקי האָט געלעבט און איז געשטאָרבן אין געטאָ — וועלן זיי מיט שטאָלץ קאָנען זאָגן:

— מיין פאָטער, מיין זיידע האָט צווישן טויט און פאַרראַט אויסגעוויילט: טויט.

זיי וועלן קאָנען זאָגן:

— מיין פאָטער, מיין זיידע האָט נישט געדינט דעם שונא. ער האָט אים באַקעמפט און איז געפאַלן אין קאַמף!

אין דעם חושכדיקן קאַרצער האָט דער אָבמאַן פון יודען־ראַט, דער אַדוואָקאַט גאָסקי, געשעפטשעט זיין ווידוי. ער האָט אונטער־געפירט דעם סך־הכל פון זיין שווערן לעבן און איז נישט רויק געוואָרן אין דער פינצטער.

* * *

ווען גאָסקי איז אַרויסגעשלעפט געוואָרן אויפן הויף פון דער גרויסער שול, זיינען שוין דאָרט געשטאַנען ענג צוזאַמענגעדריקט די דריי טויזנט יידן פון סלאָבאָדקער און טשאָרטקעס געטאָ־באַ־צירק. עטלעכע הונדערט ס.ס.־ניקעס, פּוילישע, אוקראַאינישע און ליטווישע פּאָליציאַנטן האָבן אַרומגערינגלט די מענגע. מענער און פרויען, זקנים און קינדער מיט קליינע פּעקלעך אויף די פּלייצעס.

די זקנים האָבן הויך אויפן קול געזאָגט ווידוי. מאָמענטאַנ־ווייז, האָט דער גאַנצער עולם שטיל געחזרט מיט פאַרבלאַסטע ליפּן די תפלה. איינער אַ ייד איז אַראָפּ פון זינען און געטענהט, אַז ער איז משיח און וועט פירן די יידן גלייך קיין ארץ־ישראל. אַ צוויטער זקן האָט זיך געבעטן ביי זיין יונגן שכן:

— טייערינקער, זאָג נאָך מיר קדיש! מיינע קינדער לעבן שוין נישט, זאָג מיר צו, אַז דו וועסט זאָגן קדיש.

אַ ווײַלע פלעגט זיך דער עולם פאַראייניקן צוזאַמען, אין אַ פּאָר מינוטן שפּעטער פלעגט ער זיך פונאַנדערפאַלן ווידער אויף טויזנטער פאַרלוירענע, פאַראייניזאַמטע, פאַריאושטע מענטשן. זיי זעען בלויז דעם אייגענעם סוף, שרייען פון זיך אַרויס די אימה פון אַ קרבן אומטערן חלף. זיי ווילן אַזוי לעבן!

דער עולם ווערט ווידער אויף אַ רגע אַנטשוויגן. אַ שווערע שטומקייט פאַרזיגלט די מיילער, בכדי ווידער אויפשרייען מיט ווידוי, מיט משונהדיקע אויסרופן, מיט צערטלעכע געזעגענונגס־ווערטער.

צווישן די לעבעדיקע מתים האָבן זיך דאָפּלט געפּייניקט די מוטערס. דער פּחד פאַרן אייגענעם טויט האָט זיך איבערגעפלאָכטן מיט נאָך אַ שרעקלעכערן געפיל, אַז אָט די עופעלעך, הונדערטער מאָל אַרויסגעריסן פון טויט, די טייערסטע, בעסטע, איינציקע זינדעלעך און טעכטערלעך — וועלן זיי, די מוטערס, אָט שוין, אָט באַלד אויף אייגענע הענט צוטראָגן דעם טויט...

דעם אַדוואָקאַט גאָסקי האָבן די ס.ס.־ניקעס אַרויסגעוואָרפן פון דעם אויטאָ און אים אַוועקגעשטעלט בײַם טויער פון דער שול, בראש פון די דרײַ טויזנט קרבנות. צו אים זײַנען צוגעגאַנגען וויסאָ, רינצלער, שאָט.

גרויס כבוד האָט די געסטאַפּאָ אָפּגעגעבן גאָסקין. דאָס אָרט, אויף וועלכן מען האָט אים אַוועקגעשטעלט, איז געווען עטוואָס העכער פון דעם שול־הויף.

די עדה יידן האָט גלייך באַמערקט דעם אָבמאַן. טויזנטער אויגן האָבן געשוועבט איבער גאָסקין. אין פיל בליקן האָט אַ בליץ־געטאָן אַ האָפענונג, אין אַנדערע — נײַגעריקייט. נישט אַלע האָבן געוווסט וועגן גאָסקיס אַרעסט. ווי טרינקענדיקע באַפן זיך אָן ביי אַ שטרוי, אַזוי האָבן זיך פיל פון די קרבנות געפרוווט אָנכאַפּן אין יעדער ענדערונג, יעדן נײַעס — זוכנדיק אין דעם עפּעס אַ סימן.

רינצלער, דער „פּסיכאָלאָג“, האָט אויך אין דעם פאַל אויסגענוצט זײַן מעטאָד פון פּייניקן. ער האָט פאַראויסגעזען דאָס געפיל פון האָפענונג ביי אַ טייל קרבנות. איצטער איז זײַן פאַרגעניגן באַשטאַנען אין חוזק מאַכן פון דעם דאָזיקן געפיל.

רינצלער האָט אַרויפגעוואָרפן גאָסקין אויפן האַלדז אַ רימען מיט גלעקעלעך, אַזאַ, וואָס מען פלעגט אָנטאָן אויפן שפּאַן פון אַ פערד אין אַ שליטן. דאַן האָט ער אַרויפגעזעצט אויף גאָסקיס קאָפּ אַ גרויס, בונט פּאַיאַצן־היטל מיט אַ גלעקעלע בײַם שפּיץ.

גאָסקי איז געשטאַנען רואיק, ער האָט אפילו נישט פאַרזשמורעט די אויגן. זײַן בלאַס פּנים האָט נישט קיין ציטער געטאָן. זײַנע אויגן האָבן איבער די פונאַנדערגעלאַכטע פּרצופים פון די ס.ס.־ניקעס — אַרומגענומען די פאַרזאַמלטע יידן. איבערן עולם איז אַדורך אַ שטילער קרעכץ. גאָסקי האָט אויף זיי געקוקט רואיק פון אונטערן פּאַיאַצן־היטל. זײַן הויכער שטערן און דאָס צעקאַטעוועטע פּנים האָט זיך עטוואָס געשאָקלט איבערן פערדישן כאָמוט און די גלעקעלעך האָבן שטיל צוגעקלונגען.

גאָסקי האָט זיך געזעגנט מיט דער עדה.

אָט זײַנען זיי, די דרײַ טויזנט. ער האָט זיי נישט געראַטעוועט. ער האָט זיי אָבער נישט אָפּגענאַרט.

ווען ער וואָלט נאָכגעגעבן וויסאָס פאָדערונגען, וואָלט ער

נאָך הײנט נישט געשטאַנען דאָ אין דעם פּאָאַצן־מיצל, אָבער צי וואָלט ער דאָן געקאָנט שטײן מיט אַזאַ אױפגעהױבענעם קאָפּ פאַר די דרײַ טױזנט, פאַר זײַן קהלה? וואָלט ער געקאָנט אַזױ קוקן אין די אױסגעטרױמטע אױגן פון זײַן זון און אײניקל?...

אַט טרײַבן די ס.ס.־ניקעס עפּעס אַ בלאַסן ײדן מיט אַ פּעקל אונטערן אָרעם — צום טױער. מען שטעלט אים אַוועק לעבן גאַסקין. דער ײד איז דער אַלטער קלעזמער פון די חתונות, יאַנקעלע פלינט.

דער אַלטער האָט געוואָלט מיט זיך מיטנעמען זײַן פידל אין קבר. אַ לעבן האָט ער אָפּגעשפּילט אויף שמחות, אַ לעבן האָבן זיי זיך נישט געשײדט — אים דוכט זיך, ס'וועט אים זײַן גרינגער צו ליגן אין קבר אָנגעשפּאַרט אױפן פידל. דער אַלטער קלעזמער גרײט זיך אין וועג. ער וועט דאָך דאַרפן שטײן בײם גרױסן משפּט — האָט ער דען אַ בעסערן עדות אױף זײַנע מצוות, ווי דאָס פידעלע?

די ס.ס.־ניקעס רײַסן אַרױס דאָס פּעקל פון דעם קלעזמערס הענט. זײ עפענען דעם אָפּגעקראַכענעם פוטליאַר, וואַרפן אים אױף דער ערד, רוקן אַרײַן דעם פידל אינעם קלעזמערס ציטערדיקע הענט און רינצלער באַפעלט:

— שפּיל, אַלטער לױ, „ײדל מיטן פידל!”

רינצלער איז אַ מבין אױף ײדישע לידלעך. אין לאַגער פלעגט ער די ײדן אָפּט צווינגען צו זינגען זײערע לידער פאַרן טױט. ער פאַרשטײט אױך ײדיש. ער פאַרשטײט דעם תוכן פון די לידער. ער איז דאָך אַ פּסיכאָלאָג. „ײדל מיטן פידל” — ס'איז נאָר אַ פּאַסיק לידל. די ווערטער זײַנען ווי אױף זײַן, רינצלערס באַשטעלונג, געשריבן געוואָרן.

ײדל מיטן פידל,
יאַנקל מיטן באַס,
שפּיל־זשע מיר אַ לידל
אױפן מיטן גאַס!

דאָס לעצטע מאָל אױף דער זינדיקער וועלט איז יאַנקעלע פלינט, דער קלעזמער פון די ײדישע חתונות, משמח עמעצן מיט זײַן שפּילן.

דאָס מאָל איז ער משמח רינצלערן מיט זײַן באַנדע.

אָבער נישט נאָר זײ.

אַ פּאָר רײען פון גאַסקין און פון קלעזמער איז געשטאַנען עפּעס אַ מוטער מיט אַ שוואַרץ־אױגיק באַחנט ײנגעלע.

דאָס ײנגעלע האָט זיך פאַרקוקט אױף גאַסקינס היטל, אױפן קלעזמער און האָט פּלוצלינג, אַ פּאַטש־געבנדיק מיט די הענטלעך, אױסגערופן אױפן קול מיט אַ געלעכטערל, פרײלעך און מונטער:

— מאַמעלע, פּורים!

* * *

אויפן גרויען הימל איז ארויס די זון. דער שניי האט זיך פארויטלט, ווי טיף אין דער ערד וואלט א שריפה אויסגעבראכן און איר אפשיין רייסט זיך דורכן פראסטיקן ווייסן באדן ארויס, דרויסן, אין ווינטערדיקן פרימארגן.

— ראוס, ראוס! — האט א געשריי־געטאן ווימא.

א שארפע פייפעריי, הארטע קלעפ פון פריקלאדן, א סווישטש פון נאהייקעס. א יאמער, א געשריי, א געוויין פון א פידעלע, א קלונג פון גלעקעלעך.

מען איז ארויס...

אט גייען זיי: אין דער שפיץ — דער פאיאץ מיטן קלעזמער. נאך זיי — א מענגע מענטשן, האלב שעפטשענדיק, האלב וויינענדיק.

דאס געטא איז טויט. די מענטשן — פארשטעקט אין די מאלינעס און הייזער. ביים טויער שטייט א הויכער ייד, ס'שיינט אראפ א מגן־דוד פון דער געלער לאטע אויף זיין הארצן און רוקן. אין זיין האנט — א קליין, דיק ביכעלע. ס'איז דער תנ"ך. דאס איז אלץ, וואס יערסקי האט מיטגענומען אויף זיין לעצטן וועג.

איבערן עולם האט א שוועב־געטאן א שטילקייט. יערסקי שטופט זיך דורכן קארדאן און שטעלט זיך אין דער ערשטער שורה. אלע יידן מעגן פארן אין „יודען־שטאט".

א רגע קוקט דער עולם פארוואונדערט. דער יודען־ראט־מאן גייט שטארבן מיט זיין קהלה. אויף א רגע באהערשט דעם עולם עפעס א מאדנע געפיל — עפעס ווי א פרייד, ווי א בארואיקונג. גאסקי דרייט אויס זיין קאפ צו יערסקין, ס'טוען א קלונג די גלעקעלעך אויף דעם כאמוט, אויף דעם פאיאצן־היטל. יערסקי נעמט נישט אראפ זיין בליק פון גאסקין. די אויגן פון ביידע יודען־ראט־מענער האבן זיך באגעגנט. אין זיי שיינט א טיפע, הארציקע ווארעמקייט. א שאטן פון גאסקיס ברייטן שמייכל פארבלאנדזשעט א ווײַלע אויף די ליפן אונטערן פאיאצן־היטל. יערסקי ענטפערט מיט א שטילן שמייכל — ער פארהויבט דעם קאפ, הויך איבערן המון, איבער די ס.ס.־ניקעס. זיין שיינער פראפיל דריקט אויס שטרענגע ווירדע.

גאסקי דרייט אויס דעם קאפ. ווידער טוען א קלונג די גלעקעלעך. מען גייט אין דער שטאט. אויף די באלקאנען פון דער הויפט־גאס — אויסגעפוצטע דייטשן און „פאלקס־דויטשע". א גרופע יונגע פאליאקן, פריצישע זינדלעך, און א כאפטע אונטערוועלטניקעס באגעגענען די משונהדיקע פראצעסיע מיט א פרייעכן

געפֿילדער. אויף די בריקלעך שטייען אויך קריסטן מיט פֿאַרבלאַסטע פּנימער, מיט פֿאַרביסענע ליפּן. דאָס פֿאָלק שטייט פֿאַרשטומט אין גרויל און צאָרן, געפּייניקט דורכן געוויסן.

גאָסקי גייט פֿאַרביי זיין וווינונג, ער גייט פֿאַרביי די געביידע פֿון געריכט, פֿון מאַגיסטראַט. אין זיין קאָפּ פֿיבערן דעראינערונגען, זכרונות, קלייניניקע פּרטים, נישטיקע געשעענישן.

אָט דאָ האָט ער זיך אַמאָל געטראָפֿן מיט דעם פּאָליאַק, וועלכער שטייט איצט לעבן א דייטש אויף דער וועראַנדע און צעגייט זיך פֿון געלעכטער, איינקוקנדיק זיך אין דעם יידישן פּאַיאַץ. דאָס פֿאַרקלעמטע פּנים, די פֿאַרטרערטע אויגן, וועלכע באַגריסן אים און געזעגענען זיך מיט אים פֿון אונטערן באַלקאָן, געהערן צו דעם „לאַדראַטשניק" וויעסלאַוו מיט וועלכן ער, גאָסקי, פֿלעגט אָפּט פֿאָרן אין „פּישקי" צו דער „דאַטשע", אָט דאָס פּנים — — —

דער פּאָטער וואַלערי איז געשטאַנען אָן א באַוועגונג ביים ברעג פֿון טראָטואַר מיטן פּנים געווענדעט צו די געטריבענע יידן. גאָסקי זעט דאָס שטרענגע פֿאַרצויגענע פּנים פֿונעם גלח, דעם גרויסן זילבערנעם צלם אויף זיין ברוסט, די ליפּן, וועלכע רירן זיך עפּעס וואָס, שעפּטשענדיק תּפֿלות.

גאָסקי האָט זיך דערמאָנט אין דעם ערשטן פּאָגראָם. ער פֿילט, אַז אונטער דער שטייפֿער מאַסקע און שטרענגקייט באַהאַלט אויס דער גלח א גליענדיקן האַס, א ברענענדיקן ווייטיק און מיטגעפֿיל. גאָסקי פֿילט, אַז נישט קיין תּפֿלות, נאָר שווערע קללות שעפּטשען די ליפּן פֿון דעם פּאָטער וואַלערי.

אויף א רגע האָבן זיך זייערע אויגן באַגעגנט. דער גלח איז נאָך בלאַסער געוואָרן און פֿלוצלינג זייער רויט געוואָרן. גאָסקי האָט זיך געזעגנט מיטן גלח, שענקענדיק אים א שטילן שמייכל און איז אַדורך ווייטער, קלינגענדיק מיט די גלעקעלעך.

דער פּאָטער וואַלערי האָט נישט אויסגעהאַלטן גאָסקיס בליק. ער האָט זיך דערפֿילט פֿאַרשעמט, אַזוי, ווי ער וואָלט עס געווען שולדיק.

צווישן די דייטשן איז זאָסיא אָנגעגאַנגען פֿאַר א קאַטאָליטשקע. זי האָט נישט געוואָלט לאָזן דעם פּאָטער וואַלערי אליין ביישטיין די פּראָצעסיע. אין דער רגע איז זי טאַקע געשטאַנען לעבן דעם גלח, זי האָט געפֿילט, ווי ער כאַפּט זי אָן מיט ציטערדיקע פֿינגער פֿאַר דער האַנט און שעפּטשעט אויס:

— גאָט, אַזוי האָסטו געשלעפּט דיין צלם! אָט אַזוי האָסטו דיין דאָרנדיקן קראַנץ געטראָגן!

זאָסיא האָט געוואָלט אָפּפֿירן דעם גלח אַהיים. ער האָט אָבער

נישט געלאָזט זיך רירן פון פּלאַץ ביז דער לעצטער מת פון דער לעבעדיקער לויה איז נישט פאַרביי זיינע אויגן.

— זאָלן מיר טרינקען אונדזער כּוס פון פּיין ביזן סוף, טאָכ־טער! — האָט אויסגעשעפּטשעט דער פּאָטער וואַלערי.

— דאָס איז ער, דער פּאַשיזם! — האָט אים שטיל געענטפערט זאָסיאַ, בלאַס ווי דער פּאָטער וואַלערי און גלייך ווי ער, געריר־ט ביז דער טיפעניש פון האַרצן.

גאָסקי איז ווידער אַמאָל פאַרטיפט אין זיינע זכרונות. אָט זיצט ער איבער זיין זונס בעטל, בעת יענער איז נאָך געווען אַ קליין ייִנגל און איז קראַנק געוואָרן אויף מאַזלען. אָט זינגט ער אים אַ לידל, און דאָס ייִנגל רייסט אים פּלוצלינג איבער:

— פּאַפּאַ! איך וויל שוין אויך אין גאַס!

וואָס מאַכט ער איצט, מיין זון, בשעת איך גיי מיין לעצטן וועג?

אפשר שפּילט ער זיך איצט מיט זיין ייִנגעלע?

אפשר באָדט ער זיך גראָד אין ים?

און אפשר קלייבט ער זיך גיין אין קינאָ, אין טעאַטער, אויף אַ לעקציע?

וועט ער דען אַמאָל וויסן, מיין זון, ווי איך בין אומגעקומען?

וועט ער עפּעס וויסן וועגן מיין לעצטן וועג?

און אפשר איז בעסער, ער זאָל גאָרנישט וויסן... צו וואָס אים פאַרגראָען דאָס לעבן מיט אַ שווערן באַוווסטזיין פון זיין פאָטערס אויסטערלישן טויט?

ניין, ער דאַרף וויסן! אַלע דאַרפן וויסן!

זון מיינער, הערסטו?! מען טאָר נישט לאָזן פאַרגעסן!

גאָסקי האָט זיך פּלוצלינג דערמאָנט אין אַ בילד פון גאָגאָלס „טאַראַס־בולבאַ".

אָט פירט מען דעם פאַרפייניקטן, אַטאַמאַנישן זון צום טויט. די באַיאַרן האָבן זיך פון טאַראַס זון קיין סודות נישט דערוווּסט. און ווען דער זון גייט צו דער תּליה, רופט ער פּלוצלינג אויס:

— זעסטו מיך איצט, באַטקאָ?

און אַ שטים פון המון, דעם פאָטערס שטים, ענטפערט:

— איך זע, מיין זון!

איבער די קעפּ פון די תּליינים, איבער די אויטאָמאַטן און נאַ־הייקעס, איבערן געפילדער פון די יונגען, דערזעט גאָסקי אויף בריקלעך און אין טויערן פאַרצאַרנטע, פאַרביסענע און וואַכזאַמע אויגן פון פאָלקס־מענטשן.

— יאָ, איך זע דיך, פאָטער! — ענטפערן די אויגן.

פאַרטיזאַנען=גראַד

אין אַ ווינטערדיקן באַגינען איז אויף דער באַזע געקומען מאַריע. געקומען איז זי מיט אַ גרויסן קויש אויפן אָרעם, אין וועלכן עס איז געשלאָפן אַ דריי־יעריק יינגעלע. דאָס איז געווען חיימקע...

מאַריע האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ קוימען פון אַ באָמבאַרדירטן הויז. זי איז דאָרט אָפּגעלעגן אַ היפּשע פּאָר טעג. פון דאָרטן האָט זי געזען דעם סוף פון געטאָ. די אַקציע האָט זיך געצויגן אַ גאַנצע וואָך.

מאַריעס אַלע קינדער און שנורן זיינען אָוועקגעפירט געוואָרן מיטן טויט־טראַנספּאָרט. און דווקא איר, דער גרויסער מאַריען, איז געלונגען אַרויסצורייסן זיך פון המון און אַריינלויפן אין דער חורבה. אַזוי אַרום האָט זי אַלע געזען און אַליין מיט חיימקען געבליבן לעבן. פאַר איר אויגן האָט מען פאַרטריבן די לעצטע טויזנטער יידן פון געטאָ. מאַריע האָט זיך גוט צוגעקוקט און געמאַכט אַ סך־הכל פון די געפאַלענע. צווישן זיי זיינען אויך געווען דער פּאָליציי־שעף רובין, דער גביר ליטוואַק און אַנדערע „שיינע מענטשן" פון יודען־ראַט און פון געטאָ.

נאָך דעם, ווי דאָס געטאָ איז געבליבן ווי אויסגעשטאָרבן, איז מאַריע אַרויס פון איר באַהעלטעניש און דורך דער פינצטערער ווינטער־נאַכט האָט זי זיך דורכגעשלייכט אין דאָרף לאָסאָסנע. דאָרטן האָט זי זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַ באַקאַנטן פּויער און ביי־נאַכט איז זי אַוועק מיטן וואַלד צו מאַרציקאַנץ. אין דער געגנט האָט זי געטראָפן אַ פּאַרטיזאַנישע וואַך, וועלכע האָט זי געבראַכט אין „שטעטל".

ווען די גרויסע מאַריע איז אין דעם ווינטערדיקן פרימאָרגן אַריין אויף דער באַזע, זיינען גראַד אַלע טשערעשקעס געווען אינדערהיים. בערל איז פּונקט אָנגעקומען פון אַן „אויפגאַבע".

— חברה, די מאַמע איז געקומען! — האָט פאַרהילכט איבער די זיעמליאַנקעס און כאַטעס זיין פריידיק געשריי.

באַלד האָבן אַלע טשערעשקעס אַרומגערינגלט די מוטער.

דער גהאַער קאָפּ פון דער מוטער האָט זיי דערציילט אַ סך. די געהאַמעוועטע בליקן, וועלכע די זין האָבן צווישן זיך געוואָרפן האָבן מאַריען אויך געזאָגט זייער פיל.

די מוטער האָט געקוקט יעדן זון אין פּנים און פון צייט צו צייט געוואָרפן אַ בליק אויף דער טיר פון דער כאַטע, אין וועלכער זיי זיינען געוועזן.

מאַריע איז צוגעגאַנגען צו כייטשען, האָט זי אַרומגענומען און שטיל אַ פרעג־געטאָן:

— שלמה?

— ברוך?

— מענדל?

כייטשע האָט איר גאָרנישט געענטפערט. זי האָט זיך בלויז שטאַרקער צוגעדריקט צו מאַריען. אין כייטשעס טרערן האָט מאַריע באַקומען דעם ענטפער.

מאַריע האָט זיך שווער אַנידערגעזעצט ביים טיש. אין ווינקל, אין קויש איז געשלאָפן חיימקע.

די זין האָבן גאָרנישט געפרעגט. זיי האָבן געזען, אַז אין קויש ליגט אַ קינד... נישט זייערס, די טשערעשקעס.

נאָך אַ לאַנג שווייגן האָט מאַריע, די אייזערנע מאַריע, מיט איר באַסאָווער שטים ווייך געזאָגט:

— דאָס געטאָ איז מער נישטאָ. די איינציקע טשערעשקעס, וועלכע לעבן נאָך, דאָס זיינען מיר.

ס'איז שטיל. דאָס קליינע לעמפּל אויפן טיש איז אַרומגע־נומען מיט שאָטנס. אין פענצטער פאַרגרויט דער פרימאָרגן. די פּאַרטיזאַנישע משפּחה זיצט אַרום דער מוטער. איינער פאַרבאָרגט דעם ווייטיק פאַר דעם צווייטן.

איבער אַלעמען, שאָקלט זיך דער גרויסער, גרויער קאָפּ פון דער מוטער.

— פעסיע! יאַנקעלע! — רייסט זיך אַרויס אַ קרעכץ פון כאַנקעס פאַרשטימטע ליפּן.

— שווער איז אונדזער מלחמה, קינדערלעך! — זאָגט שטיל די מוטער.

* * *

דער ערשטער קלאַס פון דער שול אויף דער באַזע איז באַ־שטאַנען פון אַ פערצן קינדער אין עלטער פון זעקס ביז זיבן יאָר. די לערערין קאַטיאַ, איז אַ „וואָסטאָטשניצע". זי שטאַמט נישט פון דער געגנט. זי איז אַ געוועזענע סטודענטקע אין איינעם פון די ווזן אין דער שטאָט סטאַלינאָ. צו די פּאַרטיזאַנער איז זי גע־

קומען צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע חברים פון איר אָפּטיילונג. זי איז אַריין אַלס פרייוויליקע אין דער רויטער אַרמיי נאָך בעת די ערשטע טעג פון דער מלחמה. ווען איר אָפּטיילונג איז אַריינגעפאַלן בעת דער אַרומרינגלונג, איז איר געלונגען מיט נאָך איניקע רויטע אַרמייער זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַלד. קאַטיאַ לערנט די קינדער לייענען און שרייבן, חשבונען און צייכענען. די שול האָט מיט עטלעכע וואָכן צוריק אויסגעפירט אַ פאַרשטעלונג פאַר די פּאַרטיזאַנער. קאַטיאַ איז גלייכצייטיק די ליטערין פון דעם דראַמאַטישן קרייז. דאָס רוב קינדער זיינען זין און טעכטער פון די פּאַרטיזאַנער. צווישן זיי פעלן אויך נישט קיין יתומים, וועלכע מען האָט געפונען אין די וועלדער און דערפער.

פאַר די קינדער איז קאַטיאַ אַ לערער, אַ חבר, אַ מוטער. אָפט דערציילט זי זיי מעשיות. אַלע קינדער זיינען אָרגאַניזירט. די עלטערע — אין פּיאָנערן־גרופּעס און די יינגערע — אין „אָקטיאַבערלעך". אָט האַלט קאַטיאַ אַ לעקציע אין דעם ערשטן קלאַס. די „אָקטיאַבערלעך" אין הויכע וואַליקעס און אין פון שינעלן איבערגענייטע קורטקעס זעען אויס, ווי זעלנער אין מיניאַטור. זייערע קינדערשע פנימלעך, געווענדעט צו דער לערערין, ווייזן אַרויס גרויס נייגיר. און ווירקלעך, ווי זאָלן די „אָקטיאַבערלעך" זיך נישט צוהערן צו קאַטיאַס רייד, ווען זי דערציילט זיי אַזאַ שיינע מעשה.

— אַמאָל איז דער חבר סטאַלין אַרויס מיט וואָראָשילאָוון שפּאַצירן אין קינדער־פּאַרק. פּלוצלינג קומט צולויפן אַ קליין יינגעלע, שטעלט זיך אַוועק קעגנאיבער סטאַלינען, פאַררייסט דאָס קעפּל און שרייט אויס מיט פרייד:

— פעטערל! איך ווייס ווער דו ביסט. איך ווייס! איך ווייס!

סטאַלין שטעלט זיך אָפּ, שמייכלט זיך פונאַנדער אונטער די וואָנסעס און פרעגט:

— ווער בין איך, יינגעלע?

— דו ביסט סטאַלין, פעטערל! דו ביסט סטאַלין! — שרייט אויס מיט פרייד דאָס יינגעלע.

— און ווער ביסטו, יינגעלע? — גיט אַ פרעג חבר סטאַלין.

— איך בין וואָלאָדינקאַ — זאָגט דאָס יינגעלע. ווילסט זיך מיט מיר שפּילן, פעטערל סטאַלין?

— אַוודאי וויל איך! — ענטפערט מיט אַ שמייכל דער חבר סטאַלין.

האָט זיך געשפּילט דער חבר סטאַלין מיט וואָלאָדינקאַן אַ גאַנצע שעה. פּלוצלינג גיט אַ קוק דער חבר סטאַלין אויפן זייגער.

ס'איז שפעט, עס ווארט שוין אויף אים אַ כינעזישער מיניסטער מיט אַ גרויסן צאָפּ.

— וואָלאָדינקאַ! ווו איז דיין ניאַנקע? — רופט זיך אָפּ סטאַלין: איך דאַרף שוין לויפן צום כינעזישן מיניסטער מיטן גרויסן צאָפּ.

מע קוקט אַהין, מע קוקט אַהער, די ניאַנקע איז נישטאָ.

— ווו וווינסטו, וואָלאָדינקאַ? — פרעגט אים וואָראָשילאָוו.

— אויף דער גרינער גאַס, זעכצן, ביי דער טראַמוואַי־סטאַציע.

— גוט, מיר וועלן דיך אַריינזעצן אין טראַמוואַי, קויפן אַ בילעט און אַהיימשיקן! — זאָגט דער חבר סטאַלין.

ביים טראַמוואַי זוכט חבר סטאַלין געלט אין דער קעשענע אויף אַ בילעט. ער זוכט אין איינער, זוכט אין דער צווייטער, און קיין געלט איז ביים חבר סטאַלין נישטאָ. צום גליק האָט חבר וואָראָשילאָוו געהאַט אין טייסטער עטלעכע קאָפּיקעס, און וואָלאָדינקאַ איז טאַקע צו דער צייט אָנגעקומען אַהיים. אויך דער חבר סטאַלין איז, ווי שטענדיק, אָנגעקומען פּינקטלעך אויפנעמען דעם כינעזישן מיניסטער מיט דעם גרויסן צאָפּ.

קאַטיאַ האָט געענדיקט איר מעשה, האָט זיך פריילעך צעלאַכט און האָט אַ פרעג־געטאָן:

— נו, קינדערלעך, האָט איר פראַגעס?

די קינדער האָבן אַ רגע אָפּגעוואַרט, דאַן האָט זיך אויפגעשטעלט אַ יינגעלע, מיטיאַ, אַ מאָסקוויטש, וואָס זיינע עלטערן האָבן בשעת העם אויסברוך פון קריג צופעליק פאַרבראַכט ביי זייערע פריינט אין ווילנע.

— קאַטינקאַ! — פרעגט דאָס קינד פאַרדאַגהט. אויב דער חבר סטאַלין האָט ביי זיך נישט קיין געלט, טאָ וואָס טוט ער, אויב ער גייט שפּאַצירן דורכן „רויטן פּלאַץ" און פּלוצלינג פאַרגלוסט זיך אים אַזוי שטאַרק אַ גלאָז סאָדע־וואַסער מיט רויטן סיראָפּ?

די קינדער פאַרטראַכטן זיך שטאַרק, וואָס זאָל חבר סטאַלין טאָן אין אַזאַ מין שווערער פאַרלעגנהייט.

קאַטיאַ שמייכלט.

פון אָרט הויבט זיך אויף, ליעגאַטשקאַ — די יינגסטע פון קלאַס.

— חבר סטאַלין וועט צוגיין צום קרעמער, וועט בעטן סאָדע־וואַסער מיט סיראָפּ און וועט אים זאָגן, דעם קרעמער:

— די מאַמעלע האָט מיר געהייסן נעמען ביי אייך אַ גלאָז

סאָדע־וואַסער מיט סיראָפּ. זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט אייך שוין שפּעטער באַצאָלן.

קאַטיאַ שמייכלט.

עס שטייט־אויף אַברהמעלע, אַ בלאַס יינגעלע, וואָס האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון טויטן־גרוב, פון צווישן די קערפּערס פון זיינע עלטערן.

— סטאַלין האָט נישט קיין מאַמעלע! — זאָגט ער קורץ און זעצט זיך אַוועק.

אויף זיין בלייך פּנים באַוויזט זיך נישט קיין שמייכל.

— נו, קינדער! אַ נו, טוט אַ קלער, ווי זאָל דער חבר סטאַלין טאָן אין אַזאַ פאַל? — רופט זיך שנעל אָפּ קאַטיאַ, וועלנדיק אָפּ־רייסן די קינדער פון די טרויעריקע רעפלעקסן נאָך אַברהמלס רייד.

— אָי, קינדער, קינדער! — רופט זיך זאַכלעך אָפּ פּימקאַ, דאָס עלטסטע יינגעלע פון קלאַס — מיטקאַ, וואָלסט דען נישט אַוועקגעגעבן סטאַלינען מיט פרייד דיין הילצערן ביקסל, ווען ער וואָלט דיך געבעטן?

— אוודאי וואָלט איך אַוועקגעגעבן! — זאָגט מיט איבער־צייגונג מיטקאַ.

— און איך וואָלט אים אַוועקגעגעבן מיין שיינע ליאַלקע, מאַרוסיאַ — זאָגט ליענאָטשקע.

— און איך מיין מעסערל!

— איך וואָלט אים אפילו מיין הינטעלע באַבריק אַוועקגע־געבן — דערקלערט מאָטעלע טשערעשקע, דער גליקלעכער באַזיצער פון אַ לעבעדיקן פודעל.

— דאָס הינטעלע באַבריק? — חזרן איבער קינדערשע שטי־מען מיט התפּעלות.

— נו, זעט איר! — זאָגט מיט אַ טריאומפירנדיקער איראָניע פּימקע — און איר קלערט, אַז דער קרעמער, וועלכער פאַרמאָגט אַ גאַנצן באַלאָן סאָדע־וואַסער, וואָלט געזשאַלעוועט דעם חבר סטאַלין אַ גלאָז?

* * *

דער שפּיטאָל האָט זיך געפונען אויף אַ פאַרוואַקסענער לאַנ־קע אונטער גרויסע, פאַרצווייגטע דעמבעס, אין אַ ברייטער שאָפּע מיט גרויסע פענצטער און ברייטע טירן. אין גרויסן צימער פון שפּיטאָל זיינען געשטאַנען צוועלף בעטן און אין צוויי קלענערע צימערלעך — צו אַ בעט. דער מעדיצינישער שטאַב — אַ געני־טער כירורג פון ווילנע, ד"ר בזשאָזע, און אַ יונגע כירורגין,

חברטע מאניע. צווישן די פארטיזאנער איז אויך געווען נאך א דאקטאר און צוויי קראנקען-שוועסטער.

אין די ערשטע טעג איז חברטע מאניע געווען דער איינציקער דאקטאר אין אטריאד. זי האט אבער נישט פארמאגט קיין שום מעדיקאמענטן — בלויז איין כירורגיש מעסער און א פאר באנדאזשן.

אויף דער באזע געפינט זיך איוואן — א רויט-ארמייער, דער ערשטער פאציענט פון דער חברטע מאניע.

איוואנען האט מען געבראכט מיט א צעשמעטערטן פוס. דער פארוואונדעטער איז געווען אין צושטאנד פון גסיסה. זיין פוס האט גאנגרעניזירט. באטראכטנדיק זיין וואונד, האט מאניע א זאגגעטאן צו קרעסטנאי:

— נאר אן אמפוטאציע קאן ראטעווען זיין לעבן.

קרעסטנאי איז מסכים געווען מיט מאניען און האט באפוילן אמפוטירן.

ס'איז געווען אן ערנסטע איבערלעבונג פאר דער יונגער דאקטארין. אן כלאראפארם, אן מכשירים — וואלט עס אפילו פאר א געניטן כירורג געווען א שווערער נסיון. דא האט זיך אבער געהאנדלט וועגן א לעבן פון א מענטשן. מאניע האט אויסגעבריט עטלעכע שטיקער וועש, אויסגעברענט דאס מעסער, א זעג, מיט וועלכער מען שניידט אייזן און א געוויינלעכע צוואנג. צוויי פארטיזאנער האבן געהאלטן דעם פארוואונדעטן, און מאניע איז צוגעטרעטן צו דער אפעראציע. דער פארוואונדעטער האט שרעקלעך געשריגן, געחלשט און ווידער זיך אויפגעכאפט פון ווייטיק. סוף-כל-סוף איז דער צעשמעטערטער גאנגרעניזירטער פוס באזייטיקט געווארן. מיט דער צוואנג האט דער דאקטאר די אדערן געבונדן, מיט דער אויסגעזאטענער וועש — באנדאזשירט די וואונד.

דער אייזערנער קערפער פון איוואנען האט אויסגעהאלטן. דער רויט-ארמייער איז געבליבן לעבן. ביי דער חברטע מאניע איז פון דער אפעראציע פארבליבן אויף איר שטערן א טיפער קנייטש.

מיט דער צייט זיינען צוגעקומען דאקטוירים, מעדיקאמענטן און געציג, טיילווייז פון די דייטשישע טראנספארטן, און טיילווייז ארפגעווארפענע פון אייגענע פארבינדונגס-עראפלאנען.

דער שפיטאל האט אנגעהויבן צו באדינען נישט נאר די פארטיזאנער. די דאקטוירים פלעגן אויך באזוכן די ארומיקע דערפער און אין שווערע פאלן אריבערנעמען קראנקע אין שפיטאל. אזוי האבן די פארטיזאנער פארטיידיקט די באפעלקערונג נישט נאר

קעגן דעם פּאַשיסטישן טעראָר, נאָר אויך קעגן מגיפות און קראַנקהייטן.

און אַז מאַריע איז אָפּגעווען אַ פּאָר טעג אויף דער באַזע, איז איר באַפאַלן עפּעס אַ שלאָפקייט. מע האָט זי אַריבערגעפירט אין שפּיטאָל. מאַריע איז גיך געקומען צו זיך און דאַן האָט זי פּלוצלינג באַשלאָסן: זי וועט אַרבעטן אין שפּיטאָל. וויפיל מען האָט איר נישט דערקלערט, אַז עס פאָדערן זיך קוואַליפיקאַציעס צו דער חאַזיקער אַרבעט, האָט זי גאָרנישט געוואָלט הערן און כסדר געטענהט:

— דאָקטאָר, טייערינקער, דושאַ! — וואָס רעדט איר עפּעס אַזוינע אויסטערלישע ווערטער — איך האָב אַ האַרץ צו דעם. צוועלף זין אויסגעהאָדעוועט און נישקשה, אָן עלעקטריפיקאַציע!

ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן. מ'האָט איר אָנגעטאָן אַ ווייסן שירץ. און מאַריע, אַ גרויסע, אַ ווייסע, אַ גראָע, אַ צופרידענע, האָט אָנגעהויבן צו זיצן ביי די געלעגערס פון די פאַרוווּנדעטע און קראַנקע.

ערשט דאַן האָבן די דאָקטוירים געזען, אַז מאַריע טויג זיך אויס. זי האָט טאַקע נישט געהאַט קיין קוואַליפיקאַציעס. זי האָט אָבער פאַרמאָגט געדולד, ליבע און גלייך־ווערטלעך. מאַריע איז געוואָרן אַ נוצלעכער אַרבעטער פון שפּיטאָל. גערופן האָט מען זי: „די קראַנקען־מוטער".

* * *

דעם חודש האָבן די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן אויסגעפירט מער אויפגאַבן, ווי ווען ס'איז אַמאָל.

זעקס באַנען מיט דייטשישע זעלנער און אַמוניציע זיינען געפלויגן אין דער לופטן. יעפימאָוו האָט טאָג־טעגלעך איבערגעגעבן וויכטיקע ידיעות דורכן זענדער. זאָסיאַ, יעפימאָוו און זייער גרופּע האָבן מיט דער הילף פון אַ פּאָר דייטשישע חברים און אַדאַנק זאָסיעס דרייסטע אונטערנעמונגען — געוווּסט פון אַלע טראַנספּאָרטן.

די דייטשן זיינען געשפּרונגען פון דער הויט, זיי האָבן אָבער גאָרנישט געקאָנט אויפטאָן. די פּאַרטיזאַנישע קלעפּ פלעגן פאַלן פון אַלע זייטן אויף גרויסע מרחקים איינער פון צווייטן און אין דער זעלבער צייט.

לעצטנס איז דורכגעפירט געוואָרן די אָממייסטן געלונגענע אַקציע פון קרעסטנאָיס אָפּטיילונג זינט דער צייט פון קריג. דער קאָמאַנדיר האָט פערזענלעך אָנגעפירט מיט דער אַקציע. אַ טאָג פריער האָט יעפימאָוו געשיקט די פאָלגנדיקע ידיעה:

— ניעמאן — ניעמאן — ניעמאן!

מארגן זעקס פרי גייען ארויס פון קעלבאסינער קראפט־פארק זיבן מאשינען מיט טיילן און געצייג אויפן דרוזגיעניקער טראקט צום עראדראם 32 ב״. דער קאנוואי — זעקס ס. ס.־מענער מיט א לייטענאנט, פאראל — האמבורג.

— ניעמאן — ניעמאן — ניעמאן!

בליץ־שנעל איז אויסגעארבעט געווארן א פרעציזער פלאן. 120 מענטשן מיט אויטאמאטן און א גרעסערע צאל מינעס זיינען ארויס אויפן טראקט. צוועלף פארטיזאנער אונטער דער אנפירונג פון חבר האנס, איבערגעטאן אין ס.ס.־מונדירן זיינען ארויס אויפן זייטיקן שאסיי. דארט האבן זיי אפגעשטעלט דעם ערשטן מיליטערישן אויטא, אוועקגעלייגט דעם שאפער אוןביידע קאנוואיענטן, דאן לויט דער אפגערעדטער שעה ארויסגעפארן אויפן טראקט. אויפן באשטימטן ארט האבן שוין געווארט די דריי „וואזוואדן״, פארמאסקירט פון ביידע זייטן שאסיי. קרעסטנאי אליין פלעגט זעלטן ווען ארויסגיין אויף אן אקציע און די פארטיזאנער האבן פארשטאנען, אז די איצטיקע אויפגאבע איז ספעציעל א וויכטיקע.

די פארטיזאנער, איבערגעטאנענע פאר „ס. ס.־ניקעס״, זיינען לאנגזאם געפארן מיטן טראקט. זיי האבן אפגעשטעלט די מאשינען און זיך גענומען פארען ביים ראדיאטאר. נאך א קנאפ פערטל שעה זיינען אנגעקומען זעקס גרויסע מאשינען פון די מיליטערישע גאראזשן. די „ס. ס.־ניקעס״ האבן זיך אנידערגעשטעלט אויפן טראקט און פארהאלטן די מאשינען. ביי יעדן שאפער איז געזעסן אן ס. ס.־מאן מיט אן אויטאמאט.

דער חבר האנס, פארשטעלט פאר א ס. ס.־לייטענאנט, איז צוגעגאנגען צום ס.ס.־לייטענאנט פון דער באגלייטער אפטיילונג. אין דער זעלבער צייט האבן זיך אונזערע פארטיזאנער־„ס. ס.־ניקעס״ פון דער בלומרשטער איבערגעפירטער מאשין צוגעשארט צו צוויי ביי יעדער פון די זעקס באגלייטע אויטאמאבילן.

פלוצלינג האט זיך דער לייטענאנט הילכיק צעלאכט. דאס איז געווען דער סימן.

צוועלף סעריעס פון אויטאמאטן. די קוילן זיינען אריינגעפלויגן דורכן אפענעם שאפערן־פענצטער און זיינען ארויס פון דער אנדערער זייט, פארטשעפענדיק די דייטשן.

בליץ־שנעל האט מען אויסגעטאן די געפאלענע, איבערגעטאן אין זייערע מונדירן נאך עטלעכע פארטיזאנער, ארויסגענומען פון דעם לייטענאנטס טאש דעם ארדער, באגראבן די טויטע אין וואלד

ביים טראַקט צו. פּונקט ביז צוואַנציק פּאַרטיזאַנער האָבן זיך אויסגעלייגט אויפן דעק פון יעדער מאַשין. די „ס. ס.־ניקעס" האָבן זיי פאַרדעקט מיט ברעזענטן און זעקגעפאָרן.

אין דער באַשטימטער צייט זיינען זעקס מאַשינען צוגעפאָרן צום טויער פון אַעראָדראָם.

— האַלט!

— האַמבורג!

דער לייטענאַנט האָט דערלאַנגט זיין אָרדער דעם אָפיציר ביים טויער.

די מאַשינען זיינען אַריין און געשווינד זיך פאַנאַנדערגעפאָרן אין פאַרשידענע ריכטונגען צווישן די שורות פאַרמאַסקירטע אַעראָפּלאַנען. אַ פּאָר מינוטן שפּעטער איז דער אַעראָדראָם געשטאַנען אין פלאַמען. צענדליקער פאַרברענטע „פלוג־צייגן", איבער הונדערט געהרגעטע דייטשן — דריי טויטע און דרייצן פאַרוווּנדעטע פּאַרטיזאַנער, אַלע צוריק אויף דער באַזע — דאָס איז געווען דער סך־הכל פון דער לעצטער אַקציע.

* * *

דער קאָמענדאַנט איז אַרויסגעלאָפן פון דער ראַדיאָ־קאַמער און זיין פּנים האָט געשטראַלט, אַט הילכט שוין דער טרומייטער פון דעם יונגטלעכן „בלאָזער", מאַנקאַ. פון אַלע זייטן, פון אַלע עקן פון „שטעטל" לויפן זיך צונויף די פּאַרטיזאַנער. אַלע פילן, אַז עפּעס וויכטיקעס, עפּעס גאָר וויכטיקעס און דווקא פרייטלעכס איז געשען.

ווען די פּאַרטיזאַנער זיינען שוין געשטאַנען אין די רייען ענג פאַרזאַמלט אַרום דעם קאָמענדאַנט, האָט זיך קרעסטנאָי אויפגעשטעלט אויף אַ פּניאַק און מיט אַ יום־טובדיקער שטים דערקלערט:

— ברידער פּאַרטיזאַנער! דער פּאָליטרוק וועט אייך פאָרלייענען אַ ידיעה, וואָס איז אָקאָרשט דערהאַלטן געוואָרן פון מאָסקווע.

„די דייטשישע אַרמיי ביי סטאַלינגראַד — האָט קאַפּיטולירט. פעלדמאַרשאַל פאָן־פּאולוס מיט די רעשטלעך פון זיין האַלבמיליאָניקער מחנה האָט זיך אונטערגעגעבן און אַריבער אין געפאַנגענשאַפט. אַ ריזיקער קריגס־מאַטעריאַל איז אַריינגעפאַלן אין אונדזערע הענט. סטאַלינגראַד האָט געזיגט! ס'איז געקומען דער ווענדפּונקט אין פאָטערלענדישן קריג!".

אַ רגע איז געווען שטיל.

— מזל־טוב, חברים! — האָט שטיל אַרויסגעזאָגט דער קאָמענדאַנט.

— הורראַ!!!

מענטשן זיינען זיך געפאַלן אין די אָרעמס, זיך געקושט און אַרומגענומען.

מאַריע איז אַרויסגעלאָפן פון יובלדיקן המון און איז אַוועק צום שפּיטאָל. די קראַנקע און פאַרוווּנדעטע האָבן בלויז געהערט דעם הורא, און אַז מאַריע איז אַ פאַרסאַפּעטע אַריינגעלאָפן אין שפּיטאָל, האָבן אַ פּאָר צענדליק אויגן זי דערוואַרט מיט גרויס אומגעדולד.

— קינדערלעך, ביי סטאַלינגראַד... — מאַריע האָט פון לויפן נישט געקאָנט ענדיקן — אַלע דייטשן — קאַפּוט!

* * *

דעם טאָג האָט כאַצקל מיט די איבעריקע צוויי דרוקערס, ווי שרים געאַרבעט אין דער פּאַרטיזאַנישער טיפּאָגראַפיע. צענדליקער טויזנטער אויפרופן אין רוסיש, ליטוויש, ווייס־רוסיש און דייטש זיינען פאַרטיילט געוואָרן אין די דערפער און שטעט און זיי האָבן פאַרשפּרייט די בשורה פון זיג. פאַר די דייטשן איז דאָס געווען אַן אָנזאָג, אַז דער סוף האָט זיך אָנגעהויבן.

* * *

איבערן פראָנט איז אויפגעגאַנגען דער פרילינג. אויף דער באַזע, אין וואַלד און אין האַרצן האָט פאַרגרינט מיט וויאָסנע.

דער ניעמאַן האָט זיך שוין איינגעשטעלט אין זיינע ברעגן. דער פרילינג האָט אויפגעהויבן די וואַסערן, האָט זיי פאַרברויזט, פאַרשיכורט, דערהויבן און מיט אימפּעט אין ים געוואָרפן. האָט זיך דער ניעמאַן אויסגעהוליעט, אויסגעניכטערט, געוואָרן סטאַטעטשנער.

סטאַסיעק און האַלינקאַ זיינען געלעגן אין די קוסטעס נישט ווייט פון ניעמאַן. ליזע האָט זיך שוין פון לאַנג צוגעוווינט צו דעם, אַז זי איז האַלינקאַ, פּשוט דערפאַר, ווייל ער רופט זי אַזוי. האַלינקאַ האָט געקוקט אין דער בלויקייט פון זיינע אויגן און איר האָט זיך געדוכט, אַז זיין פאַרליבטער בליק איז אַ המשך פון בלאָע הימלען.

האַלינקאַ האָט באַמערקט, ווי סטאַסיעקס בליק פאַרציט זיך מיט עפּעס אַ שטילן אומעט. זי האָט זיך ווייך צוגעטוליעט צו אים און מיט אַ געמאַכטן שמייכל אַריינגעשושקעט אים אין אויער:

— ליבינקער, זיי נישט טרויעריק. געדענקסט, ס'איז שוין באַלד אַ יאָר זינט מיר האָבן געפונען יעפּימאָוון!

— יאָ, האַלינקאַ! אַ יאָר, זינט מיר האָבן זיך ליב.

ביי ביידע אין האַרצן האָט געוויטיקט דער שווערער באַוווסט־זיין פון אָפּשייד. סטאַסיעקס אויגן האָבן זיך צוגעקלעפּט צו דעם דינעם גאָלדענעם קייטל אויף האַלינקעס שלאַנקן האַלדז, אויף וועלכן ס'איז געהאָנגען קרעסטנאַיִם אַ מתנה: אַ מעדאַליאָנדל מיט אַן אַמפּולע לומינאַל. אין זייערע אויערן האָבן כסדר געקלונגען די ווערטער פונעם קאָמענדאַנט.

— טויזנטער יונגע לעבנס וועט איר ראַטעווען. פּיל, פּיל קרבנות קאָן מען אויסמיידן. דער זיג קאָן פאַרשנעלערט ווערן און זיין פּרייז וועט זיין אַ קלענערער, אויב איר וועט אייערע גע־פערלעכע אויפגאַבעס גוט אויספירן.

אַ פּחד וועגן האַלינקען, אַ גרויליק געפיל, אַז ער סטאַסיעק, וועט איר מיט גאָרנישט קאָנען העלפן, ווי אויך דער פאָרגעפיל פון די שרעקלעכע שעהן פון בענקשאַפט, האָט געיאָמערט אין זיין האַרץ.

— סטאַסיעק, אַ שווערער נסיון שטייט פאַר אונדז, אַזאַ שווע־ריער, ווי די תקופה, אין וועלכער מיר לעבן. מיר וועלן דאָס גובר זיין, סטאַסיעק!

האַלינקאַ האָט גערעדט צו אים, ווי אַן עלטערע צו אַ ייִנגערן. סטאַסיעק האָט עס אָנגענומען פאַר נאַטירלעך. אים, סטאַסיעקן, וועט דאָך זיין נאָך שווערער, ווי איר. זי וועט האָבן רואיקע מי־נוטן, און ער וועט כסדר, יעדע רגע פון זיין לעבן נישט בלויז בענ־קען נאָך איר, ער וועט שרעקלעך ציטערן איבער איר.

— האַלינקאַ, איך ווייס, אַז אַזוי מוז מען. איך וועל אויף דיר וואַרטן.

— סטאַסיעק, איך וועל שטענדיק קלערן וועגן דיר. טרויער נישט.

— איך פאַרשטיי דאָך, אַז דיר איז אויך נישט לייכט. אָבער זיי מיר מוחל, איך קאָן זיך נישט באַהערשן. — האָט מיט שווי־דער אויסגעשריגן סטאַסיעק.

האַלינקאַ דערפילט, ווי עפּעס טוט איר אַ ברי אונטער די אויגן, עפּעס פאַרשטעלט איר סטאַסיעקן, דעם בלאָען הימל, דעם וואַלד.

— הער זיך צו, סטאַסיעק! יעדן טאָג פיר אַזייגער נאָך מיטאָג זאָלסטו אַ קוק טאָן אויפן זייגער, איך וועל טאָן דאָס זעלבע. דאַן זאָלסטו פאַרמאַכן די אויגן און ווייסן, אַז עס קושט דיך דיין האַ־לינקאַ. גוט, סטאַסיעק?

— מסכים — האָט מיט אַ געמאַכטער מונטערקייט געענט־פערט סטאַסיעק.

ערגעץ ווייט הינטערן וואלד האט זיך געזעצט די זון. סטא־
סיעק האט פארוואָרפן דעם אויטאָמאט אויף דער פּלייצע און
זיך געלאָזט מיט האלינקען גיין מיטן פארוואקסענעם ברעג פון
ניעמאַן. זיי זיינען געגאנגען ארומגענומען צווישן די הויכע, שטע־
קנדיקע ביימער, זיך צוגעהערט צו דעם געזאנג פון די פייגל און
פון צייט צו צייט זיך געטיילט מיט א ווארעמען שמייכל.

אָט איז שוין דער טאָל. דאָ דארף מען זיך געזעגענען. הא־
לינקא גייט ווייטער מיט דער אַלטיטשקער, וועלכע זיצט אויפן
פארמאַכטן שטיין און וואַרט אויף איר מיט צוויי קוישן.

— ס'איז קאלעמוטנע, סטאסיעק?

—ס'וועט נאָך זיין גוט, האלינקא! זיי א בוואט!

האַלינקעס שליחות

די מאַסיווע טיר פֿון דער קאַנצעלאַריע האָט זיך שטיל געעפֿנט, און דער אָרדינאַנס פֿון דעם שטאַב־מאַיאָר באַלקע האָט אַריינגעפֿירט אין צימער אַ יונג מיידל אין אַ ברוין מענטעלע מיט אַ ברוין בערעטל. דאָס מיידל איז שטיין געבליבן באַשיידן ביי דער טיר, האָט שנעל אויסגערופֿן „הייל היטלער!”. דער אָרדינאַנס האָט צוגעטראָגן אירע פּאַפּירן דעם מאַיאָר.

דער אָפֿיציר האָט זיך פֿאַרטיפֿט אין די דאָקומענטן. דער באַריכט פֿון דער געסטאַפּאָ שטעלט פֿעסט, אַז בערטאַ ציליקע איז אַ טאָכטער פֿון אַ דייטשישער קאָלאָניסטן־משפּחה פֿון פּויזנער געגנט. איר פֿאָטער איז געפֿאַלן אויפֿן אָסט־פֿראָנט אַלס יעפֿרייטער פֿון אַ ס.ס.־אָפּטיילונג — איר מוטער איז אומגעקומען בעת אַ באָמבאַרדירונג, און זי, בערטאַ ציליקע, ווערט רעקאָמענדירט אויפֿן פּאָסטן פֿון אַ באַדינערין אינעם האָטעל ריץ, אין וועלכן עס געפֿינט זיך דער שטאַב פֿון זיין עקסצעלענץ, גענעראַל פֿאָן פֿריטשע.

דער שטאַב־מאַיאָר האָט געוואָרפֿן אַ לאַנגן, פֿאָרשנדיקן קוק אויפֿן מיידל און אָן איין וואָרט האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם שטעמפּל אויף דער רעקאָמענדאַציע. אויפֿן דאָקומענט האָט ער אָנגעשריבן אַ פּאָר ווערטער, ווידער אָפּגעשטעמפּלט און עס העריבערגעגעבן דעם אָרדינאַנס. דער אָרדינאַנס האָט אַ זעץ־געטאָן מיט די שטיוול, זיך אויסגעצויגן, ווי אַ סטרונע, אויסגעדרייט זיך און אַרויסמאַרשירט פֿון קאַבינעט. מיט אים האָט פֿאַרלאָזן דעם קאַבינעט דאָס באַשיידענע מיידל, בערטאַ ציליקע. שווייגנדיק איז זי אַדורך אַ לאַנגן קאָרידאָר, אַראָפּ אַ פּאָר טרעפּ און זיך אָפּגעשטעלט פֿאַר אַ הילצערנער באַריערע, הינטער וועלכער ס׳ איז געזעסן זייער אַ דיקער, בייכיקער דייטש אין אַ פֿראַק, אַ שניי־ווייסן גאַרס און אין האַרטע, בלישטשענדיקע, שטייפֿע אָנגעקראָכמאַלעטע מאַנזשעטן.

— הייל היטלער!

נאָכהער, ווי דער אָרדינאַנס איז אַוועק, האָט דער דיקער פֿאַרשוין אַ זאָג־געטאָן צו דעם מיידל:

— איר וועט רייניקן די אויבערשטע אַפּאַרטאַמענטן, פֿרויליין! אייער פֿליכט איז: אַרבעטן פֿלייסיק, נישט זען, נישט הערן,

העפּלעך שמייכלען צו די הערן אָפּיצירן, אויב זיי וועלן זיך צו אייך, און וואָס ווינציקער האָבן צו טאָן, סיי מיט די הערן אָפּי־צירן, סיי מיט ווער עמען עס זאָל נישט זיין. פאַרשטאַנען, פרוילין?

— יאָ, מיין הער!

— אויך מיר דאַרפט איר ענטפערן מיט אַ העפלעכן שמייכל. היינטיקע ציטן האָבן מענטשן ליב צו זען אַ שמייכל.

בערטאַ שמייכלט באַשיידן, אויף אירע בעקלעך באַווייזן זיך דערבײַ קיילעכדיקע, חנעוודיקע גריבלעך, וועלכע גיבן איר צו אַ קינדעריש־שטיפעריש אויסזען.

— זאָ! — זאָגט מיט אַ צופרידנקייט דער דיקער הער — אייער צימער געפינט זיך דאָ!

אַ פּעטש הענטל פון אונטערן גלאַנציקן מאַנזשעט ווייזט אָן אויף עפּעס אַ טיר אונטער די טרעפּ.

— דאָרטן וועט איר אויך געפינען אייערע אַרבעטס־קליידער. אויב זיי פּאַסן אייך נישט — גייט אַראָפּ אין צימער נומער דרייצן צו דער עקאָנאָמקע.

בעת בערטאַ צײַלקע איז אַרײַן אין קליינעם צימערל אונטער די טרעפּ, האָט זי שנעל אַרײַנגעקוקט אין דער שאַפע, אונטערן בעט און אין אויוון, דאַן איז זי צו צום פענצטער און אַרויסגע־קוקט אין דרויסן — אונטערן מויער האָט מאַרשירט איינער פון די פיל וועכטערס. בערטאַ האָט אויסגעטאָן איר מאַנטל און בע־רעטל, זיך אַוועקגעזעצט ביים טישל און אַ קוק געטאָן אויפן זייגערל — 10 מינוטן פאַר פיר.

— אַי, איז זאָסיאַ אַ כוואַט! אַזש ביז אַהער דערגייט איר השפּעה — האָט שטיל אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין „בערטאַ".

אַז דער זייגער איז געוואָרן פיר — האָט „בערטאַ" איבערגע־בויגן איר בלאָנד קעפּל איבער די הענט און האָט גאָר, גאָר שטיל אויסגעשעפּטשעט:

— סטאַסיעק, טייערינקער! דיין האַלינקאַ איז שוין אויפן פּונקט!

* * *

דער אייבערשטער שטאָק פון האָטעל ריץ איז באַשטאַנען פון צוועלף צימערן, וועלכע האָבן זיך געצויגן פון ביידע זייטן לאַנגן קאָרידאָר. גרויסע טירן געפּוצטע מיט ברוינער האָלץ־שני־צערײַ האָבן זיך אויסגעשטעלט לענג־אויס דעם קאָרידאָר, ווי אַ קאָרדאָן ס.ס.־ניקעס. אויף יעדער טיר — אַ קופּערן שילדל מיט אַן אָדלער און האַקן־קרייץ, מיט אַן אויפשריפט, ווי אַ מעדאַל אויף אַ ברייטער ברוסט. איבערן קאָרידאָר האָט זיך אויסגעבעט אַ ווייכער, רויטער דיוואַן.

ווען פרוילײן בערטאַ איז צום ערשטן מאָל אַרײַן אין דאָזיקן קאָרידאָר האָט זי טאַקע אַזוי אַ טראַכט־געטאָן:

„אָט גייט זי אויף אַ טעפּיך פון פאַרגליווערט בלוט, און פון ביידע זייטן שטייען רייען ס.ס.־ניקעס".

די לעצטע פיר צימערן אין קאָרידאָר בילדן די קאַנצעלאַריע און וווינונג פון דעם גענעראַל פאָן־פריטשע.

ווען „פרוילײן בערטאַ" האָט אַדורכגעלייענט די איבערשריפט אויפן קופּערנעם שילדל: גענעראַל־מאַיאָר פאָן־פריטשע — האָט זי דערפילט, ווי אַ קאַלטער שווייס באַדעקט איר שטערן. אין גרויסן שפּיגל לעבן דער טיר פון דעם גענעראַלס קאַבינעט האָט זי דערזען איר בלאַס פּנים — זי האָט אַ טראַכט געטאָן, ווי גוט עס איז, אַז דער לייטענאַנט זיצט גראָד אונטער דער באַריערע ביי די ברייטע טרעפּ און קוקט איצט נישט אויף איר.

„דאָס איז ער! הייסט דאָס..." — האָט ליזע אַ טראַכט געטאָן.

„דאָס איז ער, דער קאָפּ פון די רינצלערס און ווייסאָס. דאָס איז ער, דער הויפּט־רוצח פון די צענדליקער געטאָס, דער מערדער פון מיין משפּחה, פון מיין טאַטן, פון די חברים. דאָס איז דער הויפּט־תּלין!".

מיטן גאַנצן כּוח פון איר ווילן האָט ליזע אַרויפגעצויגן אויף איר פּנים דעם געהאָרכזאַמען, באַשיידענעם שמייכל פון דער פרוילײן בערטאַ. זי האָט געשטילט דאָס קלאַפּן פון איר אייגענעם האַרצן און פאַרקלעמט אין זיך איר האַס.

פאַר דער טיר פון דעם שטאַב־גענעראַלס קאַנצעלאַריע האָט זיך ליזע אויף איין אויגנבליק פאַרלוירן: צי איז עס נישט איבער אירע כּוחות? צי וועט זי, אַ פּשוט מיידל, זיין בכּוח אויסצופירן די שליחות פון דעם פּאַרטיזאַנישן שטאַב?

ליזע האָט מאָביליזירט איר גאַנץ באַוווסטזיין און אירע מעכטיקע געפילן. צוהילף האָט זי אַרויסגערופן דעם גרויסן, פאָטערלענדישן פראָנט, די טייערע פּנימער פון פּאַרטיזאַנישע פירער, פון די העלדישע קעמפער אין שטאָט און געטאָ, די אויגן פון די טייערסטע, פאַרפייניקטע, פאַרטיליקטע. זי האָט זיך צוגעטוליעט צו סטאַסיעקן, איינגעבוירערט זיך אין זיינע בלאָע אויגן.

„פרוילײן בערטאַ" האָט אָנגעקלאַפּט אין דער ברוינער, געשניצטער טיר.

דער גענעראַל איז געזעסן אין אַ טיפן, לעדערנעם פאָטעל און האָט געדרייבערט אַ פּייף.

דער מאַיאָר באַלקע האָט זיך געווענדעט צום גענעראַל:

— עקסעלענץ! דאָס איז די פרוילײן בערטאַ, אַ טאָכטער פון דײַטשישע עלטערן, וועמאָרדעטע דורך די באָלשעוויקעס.

— יאָ!

דער גענעראַל האָט לאַנגזאַם אויפגעהויבן דעם מאָנאָקל און זיך צוגעקוקט צו דעם בלאָנדן מיידל, וועלכע איז געשטאַנען מיט אַן אויפגעהויבענער רעכטער האַנט.

— זאָ...

אויך ליזע האָט זיך צוגעקוקט צום גענעראַל. אַן עלטערער, אַן אײַנגעפרעסענער מענטש אין אַ טונקל־גראָען מונדיר מיט אַ סך מעדאַלן אויף דער ברוסט. גרויליקע, קייזערלעכע וואָנסעס, שטייף, אָנגעצויגן.

ליזע האָט אַ טראַכט געטאָן — ערגעץ־וווּ האָט זי אים שוין געזען. שפּעטער האָט זי פאַרשטאַנען, אַז ער דערמאָנט איר אין עפּעס אַן אַלט בילדל פון אַ פּרייסישן גענעראַל. זיין קאָפּ האָט זיך געבעטן אין אַ פּיקעלהאַובע מיט אַ שאַרפן שפּיץ.

דער גענעראַל האָט לאַנג אָנגעקוקט ליזען. לעצטנס האָט ער אַ טבע געהאַט פערזענלעך צו באַטראַכטן יעדן פון זיינע דינער. די דאָזיקע נייע טבע האָבן ביי אים אַרויסגערופן די פּאַרטיזאַנער. פאַרשטייט זיך, אַז אין די פריערדיקע צייטן וואָלט דער גענעראַל נישט באַמערקט זיין דינערין, ווי אַ שטיינער, ער וואָלט זיך נישט פאַרקוקט אויפן וואָסער אין קראַן, אָדער ער וואָלט זיך נישט צוגעהערט צו דעם טיקען פון זיין זייגער. אָבער „צייטן בייטן מענטשן" — האָט ביי זיך געטראַכט דער מאַיאָר באָלקע.

נישט נאָר דער גענעראַל האָט אָנגעקוקט ליזען. אַ גרויסער, גראָער הונט מיט ברוינע פלעקן, שאַרפע אויערן, קייזערלעכע וואָנסעס און שטייפע אויגן איז שטיל צוגעגאַנגען צו דער פרוילײן — האָט זי באַשמעקט און זיך רואיק אומגעקערט צו דעם גענעראַלס פיס.

„ס'פעלט אים בלויז דער מאָנאָקל מיט אַ פּאָר מעדאַלן" — האָט ליזע געטראַכט, באַוואונדערנדיק די ענלעכקייט צווישן דעם גענעראַל מיט זיין הונט.

— ביטע, פרוילײן! איר קאָנט אָנהויבן אייער אַרבעט — האָט אַ זאָג געטאָן דער גענעראַל, אָנווייזנדיק מיט דער האַנט אויף דעם טירל צו דער ווינדע, וועלכע האָט געפירט פון דעם גענעראַלס וווינונג אין דעם קעלער.

דער גענעראַל האָט זיך פאַרזיכערט אויך קעגן אַעראָפּלאַנען.

* * *

פרוילײן בערטאַ האָט באַגאָסן און אַרומגעשניטן די הויכע,

פארצווייגטע פיגורן אין חעם גענעראלס עס־צימער. די טיר צום סאלאן איז געשטאנען אפן. פון דארטן האבן זיך געטראגן די וווּנדערלעכע קלאנגען פון דער „אומפארענדיקטער סימפאניע”. בערטא האט געשניטן די פיגורן און איז מיטגעשוואומען אויף די סענטימענטאלע כוואליעס פון דער מוזיק ווייט, ווייט... זי האט זיך דערמאנט אירע אמאליקע קינדער־יארן.

אט זיצט זי, לאהלע, א קליין מיידעלע, אין א געראנאט קליידעלע, מיט א גרויסער בלאער סטענגע אויפן קעפל, און ארום איר אזעלכע ווי זי, מיידעלעך און יינגעלעך. זיי זיינען געקומען אין שול אויסהערן א קאנצערט.

אט שלינגט זי מיט אירע אויגן דאס מיידעלע ביים קלאוויר — הערט זיך איין אין די ווייכע קלאנגען און איז שטארק מקנא די חברטע, וואס שפילט אזוי שיין און וואס אירע עלטערן שיקן זי לערנען פיאנע. און זי — זי וואלט אויך געוואלט שפילן, אבער אין שטוב איז א גרויסער דלות...

ווו, אין וועלכע קברים פוילן זיי, די יינגעלעך און די מיידעלעך — די גליקלעכע, רייכע חברטעס, די לערער, די עלטערן?

ליזע איז געשוואומען אויף די כוואליעס פון שובערטס סימפאניע, צווישן די זכרונות פון די אומצאליקע נסיונות, איבער די ליידיקע געטאס און איבערפולטע טורמעס.

אט גרינט ער, דער וואלד, ס'פארציט עמעצער א זמרל אויף דער גארמאשקע, אט זיינען זיי, די חברים, אט קלעטערן זיי איבער די וווּנדיקע שליאכן אין אייגן בלוט און אין חעם שונאס בלוט. אט שאקלט מיט דער גראער באהד יאן און וויקלט א פאפיראס פון מאכארקע. אט שמייכלט סטאסיעק, און איבער זיין קאפ בליען די הימלען, און עס שווימען ווייסע וואלקנדלעך...

דער גענעראל האט געשפילט מיט הארץ, מיט געפיל — מענטשלעך.

דורך דער אפענער טיר האט ליזע געזען, ווי זיין שטערן קנייטשט זיך, ס'פארזשמורען זיך די אויגן, און זיין פארגרויטער קאפ טאנצט איבערן קלאוויר.

ליזע פלעגט אפט זיך וווּנדערן, פון וואנען קומען צו דער רוצח אזוינע געפילן. זי פלעגט זיך צוקוקן, ווי דער גענעראל פארעט זיך ארום די וואזאנעס, ווי ער קארמעט דעם קאנאריק אין שטייגל, ווי ער שמייכלט מיט א שטרענגן, אפטמאל אפילו א גוטמוטיקן שמייכל צו די פאטאגראפיעס אין גילדענע רעמלעך פון זיינע אייניקלעך — שיינע, בלאנדע יינגעלעך און מיידעלעך.

דער גענעראל — וועלכער האט אונטערגעשריבן טויזנטער טויט־

אורטיילן, וועלכער האָט באַפוילן פאַרברענען די געטאָס, וועלכער האָט אויפגעשטעלט טויט־פאַבריקן, וועלכער האָט פאַרטיליקט איר געטאָ, אויסגעהרגעט אירע ברידער און שוועסטער...

אָט שפּילט ער שוּבערטן. אָט לעבט ער אין די הערלעכע קלאַנגען. זי, ליזע הערט זיך צו צו זיין מוזיק. זי זעט איר ברודער מאַטעלעס בלייך פּנימל, זיינע צעשטראַלטע אייגעלעך, בעת מען האָט אים אָפּגעריסן פון דער משפּחה און אַרויפגעוואָרפן אויף איינעם פון די לאַסט־וואָגנס צווישן אַ מענגע מאַטעלעך אויפן וועג צום קבר...

זי זעט דאָס סענטימענטאַלע, פאַרחלומטע פּנים, די פאַרזשמור־דעטע אויגן, דעם ציטער פון די קייזערלעכע וואָנסעס...

ליזע האָט האַסטיק אָפּגעשוירן אַ פּאָר פאַרטריקנטע פיגוס־בלעטער.

דער גענעראַל שפּילט שוּבערטן.

אין צימער איז געווען הייס. אין דרויסן האָט געברענט די זומערדיקע זון. דורך די אָפענע טירן האָט דאָס מינדסטע ווינטל ניִשט אַריינגעבלאָזן.

דער גענעראַל האָט אויפגעהערט שפּילן און געעפנט דעם ווענטילאַטאָר.

אין דעם מאָמענט איז אין צימער אַריינגעפאַלן דער מאַיאָר באַלקע. ער האָט דערלאַנגט דעם גענעראַל אַ דעפּעשע און איז שטיין געבליבן ביי דער פּיאַנע.

ליזע האָט באַמערקט, ווי דער גענעראַל איז געל געוואָרן.

— דער אַרויסמאַרש פון דריטן קאָרפּוס מוז אויסגעפירט ווערן אין אַ פאַרשנעלערטן טעמפּאָ! — האָט כמעט אויסגעשריגן דער גענעראַל.

— די באַן־בריק איבערן ניעמאַן איז באַשעדיקט. ס'מוז ווערן אַ קנאַפּע וואָך ביז מען וועט זי צוריק אין אָרדענונג ברענגען — האָט געענטפערט דער מאַיאָר.

דער גענעראַל האָט מיט אַ שטאַרקן קלאַפּ פאַרמאַכט די פּיאַנע.

— איבערמאָרגן ביינאַכט מוז דער קאָרפּוס אַרויסגיין מיטן ווילנער טראַקט. מאָביליזירט די גוטיקע צאָל מאַשינען.

* * *

אין אָוונט איז פרוילין בערטאַ אַרוים אין שטאָטישן קינאָ.

אַ מאָדנע געפיל האָט באַהערשט ליזען בשעת דעם שפּאַציר איבער דער גוט באַקאַנטער, גרויסער שטאָט — אָן יידן. פאַרן קריג פלעגט ליזע פון צייט צו צייט באַזוכן ביאַליסטאָק. זי האָט זיך

אָריענטירט אין די גאַסן און געסלעך. היינט — שטייט דאָס געטאָ מיט פאַרברענטע, חרובע הייזער, ווי אַן אַלטער, פאַרלאָזענער בית־עולם מיט מצבות, איינגעפאַלענע ביז דער ערד, מיט פאַרגעסענע קברים.

די דייטשישע אָפיצירן און זעלנער, הערן און פרויליינס, האָבן פאַרפולט די גאַנץ־געבליבענע שיינע גאַסן, באַלויכטענע מיט טונקעלע פיאָלעט־לאָמפּן, איינגעהילט אין לבנה־שיין. זיי האָבן געשטערט ליזען פאַרטיפן זיך אין די וויזיעס פון נעכטן, זיי האָבן איר כסדר דערמאָנט העם היינט.

ליזע איז געגאַנגען צום קינאָ „אַפּאָללאָ". זי האָט געוווסט אַז אָט באַלד וועט זי זיך טרעפן מיט אַ חבר, מיט אַ מיידל, ווי זי, וועלכע איז אויך אַ זעלנער פון דער גרויסער אַנטי־פאַשיסטישער אַרמיי.

ליזע האָט געגאַרט נאָך דער דאָזיקער באַגעגעניש. זי האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט זיין כאָטש אויף אַ רגע מיט אַ מענטש אַ טייערן, נאָענטן, בכדי זיך צו באַפרייען פון דער שטיקנדיקער אַטמאָספערע, אין וועלכער ס'קומט איר אויס צו לעבן.

ליזע האָט זייך געפילט גליקלעך מיט דעם, וואָס זי האָט ענד־לעך איבערצוגעבן עפּעס וויכטיקס, עפּעס, וואָס קאָן ברענגען אַ סך נוצן דער זאַך פון זיג. דאָס באַרעכטיקט די ליידן פון איר שווערער לעבן צווישן די דייטשן, דאָס באַפרידיקט אין אַ געוויסער מאָס איר דראַנג צו נקמה.

ליזע שטעלט זיך אין דער ריי ביים פענצטערל פון דער קינאָ־קאַסע. פאַר איר שטייען אַ פּאָר צענדליק מענטשן. די ריי ווערט אַלץ קירצער — נאָך פינף מענטשן, צוויי... איינער...

— ביטע, גיט מיר אַ בילעט, אויב מעגלעך אין דער פינפ־אונצוואַנציקסטער ריי, אין מיטן. (אין קינאָ איז דאָ פירונצוואַנ־ציק רייען).

ליזע קוקט אויף דעם יונגן מיידל ביי דער קאַסע. בלאָע אויגן, אַ קיילעכדיק פנים, צוויי שווערע בלאָנדע צעפּ אַרום דעם קאָפּ, שטאַרק געפאַרבטע ליפּן.

אויף אַ רגע באַווייזט זיך אויפן פנים פון דער קאַסירערין אַ וואַרעמער שמייכל.

די אויגן פון ביידע מיידלעך באַגעגענען זיך מיט הייסע בליקן.

— ליידער קאָן איך אייך בלויז געבן אַ בילעט אין דער פופצנטער ריי לינקס.

די אויגן פון ביידע מיידלעך צערטלען זיך.

— כ'האָב בלויז אַ פינף הונדערט מאַרק־באַנקנאָט, קאָנט איר מיר רעשט געבן?

די קאַסירערין נעמט דעם באַנקנאָט און גיט איר אַ רעשט.

נאָך אַ קוק — „פרוילין בערטאַ" גייט אַריין אין קינאָ־זאַל. זי ציילט איבער דאָס געלט. ס'פעלט פונקט מאַרק, אַ סימן, אַז די שפּירירטע ידיעה אויפן באַנקנאָט וועט נאָך היינט איבערגעגעבן ווערן אַהין, ווו מען דאַרף.

* * *

אין איר שווער לעבן אינעם לאַגער פון שונא האָט ליזע געהאַט אויך ליכטיקע מאָמענטן. אין די לעצטע צייטן האָבן די מאָמענטן זיך געטראָפן אָפטער.

געווען איז דאָס נעמלעך דאַן, ווען זי פלעגט קלאָר דערפילן, אַז זי געפינט זיך אין אַ שטאַב פון אַ געשלאָגענער אַרמיי.

אין סאַמע מיטן פון אַ ראָמאַנס, צי אַ מעניועט פלעגט דער גענעראַל אַ זעץ־טאָן מיט ביידע פויסטן איבער די קלאַווישן און אַן אויפגערעגטער אַרויסלויפן אויפן באַלקאָן, אָפּצוקילן זיך אויף דער פרישער לופט.

דער גענעראַל פלעגט אָפּשפּיליען מיט אַ ריס דעם קראַגן פון מונדיר, מיט טרייסלענדיקע הענט אויסלעשן דעם פייף, אויסקלאַפּן אים אויף דער אייזערנער באַריערע פון באַלקאָן און זיך פאַנאַנדערהוסטן מיט אַ הייזעריקן, פייפנדיקן, זקנישן הוסט.

דער גרויסער הונט פלעגט אַרויסשפּרינגען נאָכן גענעראַל, אָנשפּאַרן זיך מיט די פאָדערשטע לאַפּעס אין דער באַריערע און אָנהויבן צו בילן, קורץ, אָפּגעריסן.

— שטיל, טיגער! — פלעגט אַ ברום טאָן דער גענעראַל.

— דאָנערוועטער, אַ היץ! — פלעגט ער אונטערבורטשען אונטער דער נאָז און גלעטן דעם געפלעקטן, געשוירענעם קאָפּ פון דעם הונט.

ליזע האָט געוווּסט, אַז דעם גענעראַל איז היים, נישט ווייל אין די ערשטע אַסיען־טעג באַקט די זון, ווי אין מיטן זומער, נאָר ווייל ס'איז היים געוואָרן דעם דייטש אויפן פראָנט. פרוילין בערטאַ האָט זיך אַ סך אָנגעהערט וועגן „טאַקטישן ריקצוג", וועגן „מאַנעווּרירונג־סיסטעם" פון פירער — אַזוי האָבן געשריבן די צייטונגען.

עפּעס גאָר אַנדערש האָט געזאָגט דעם גענעראַלס זעצן איבערן קלאַוויר, זיין פאַרגעלט פּנים, זיינע פאַרגרויטע וואָנסעס, די שלאָפּלאָזע נעכט פון זיין שטאַב, די זייטיקע שפּיציקע בליקן פון זיינע אָפיצירן.

—שוין באַלד, נאָך אַביסעלע! — פלעגט שעפּטשען ליזע פיר אַזייגער נאָכמיטאָג צו סטאַסיעקס אויסגעטרוימטער געשטאַלט.

ליזע האָט געפילט די פרייד פון נקמה, ווען זי פלעגט זיך צוהערן דורך דער האַלב אָפענער טיר, צו דעם, ווי דער גענעראַל שמועסט מיט זיין אַדיוטאַנט — מיט וואָס פאַר אַ טאָן ער רעדט אַרויס דאָס וואָרט: פּאַרטיזאַנער!

* * *

אין דער שטאָט האָט זיך צעבושעוועט דער הונגער.

איינמאָל, ווען ליזע איז געגאַנגען אויף אַ שפּאַציר — בשעת איר פרייער שעה — האָט זי זיך פאַרנומען אין אַ זייטיק געסל, עטוואָס ווייטער פון דער הויפּט־גאַס. דאָ האָט זי דערזען אַ בילד, וואָס האָט איר דערמאָנט אירע לעצטע טעג אין געטאָ.

די פנימער פון די מענטשן זיינען געווען מאָדנע שפּיציק, דורכזיכטיק. אַנדערע ווידער — געשוואָלן און אָנגעבלאָזן.

אוי! האָט ליזאַ גוט געקענט די דאָזיקע פנימער!

אין ווינקל הינטער אַ טויער איז געזעסן אַ קינד און אויסגעשטרעקט דאָס הענטל נאָך אַ נדבה. ווען ליזע איז פאַרביי דאָס אָרט, האָט אַ שווערער ריח איר אַ זעץ־געטאָן אין פּנים. דאָס קינד איז געווען טויט.

עטוואָס ווייטער האָט זי דערזען אַ גרויסן לאַסט־אויטאָ. פון אים זיינען גראָד אַראָפּ אַ פּאָר מענטשן און האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאָרען איבער עפּעס אַ גרויסן, שווערן פּאַקעט. דאָס איז געווען אַ מת, איינגעוויקלט אין צייטונגען. די מענטשן האָבן דעם פּאַקעט אַרויפגעוואָרפן אויף דעם אויטאָ, באַשפּריצט דאָס אָרט, וווּ דער מת איז געלעגן, מיט עפּעס אַ פליסיקייט און אָוועקגעפאָרן. מיט אַ לאַנגער ווידלע האָבן זיי אָנגעכאַפּט דאָס קינדישע קערפּערל און אַרויפגעשלידערט אויף דער מאַשין.

פאַר דער מלחמה האָט דער דאָזיקער אויטאָ געהערט צום מאַגיסטראַט און פלעגט אַרויספירן מיסט פון די גאַסן אין די גרויסע גריבער הינטער דער שטאָט.

„אַט, וואָס זיי האָבן געמאַכט פון מענטשן" — האָט אַ טראַכט געטאָן ליזע.

דער טעראָר פון דער געסטאַפּאָ האָט אַלץ שטאַרקער געווילדעוועט אין דער שטאָט.

דורך די פענצטער פון האָטעל ריץ האָט ליזע בסדר געזען די גראָע געסטאַפּאָ־אויטאָס, פון וועלכע ס'פלעגט זיך אָפט טראָגן אַ יאָמער, אַ געשריי, און פון צייט צו צייט אַ געזאַנג, אַ קעמפע־

ריש ליד, וואָס די מענטשן האָבן עס מיטגענומען אין זייער לעצטן וועג.

דער ווידערשטאַנד איז אויך געוואַקסן.

דאָ און דאָרט פלעגן פאָרקומען אויפרייסן. דאָ און דאָרט האָט די האַנט פון די נקמה־נעמער געטראָפן אַ געסטאַפּאָ־קאָמענדאַנט, אַ הויכן אָפיציר, אַ וויכטיקן ספּעץ.

דער גענעראַל האָט כמעט אויפגעהערט אַרויסצוגיין אין שטאָט אַריין. דערפאַר אָבער האָט די ווינדע צו דעם קעלער אָפט, זייער אָפט געאַרבעט.

ליזע פלעגט אַהין אַראָפּלויפן מיט אַ קויש פּראָוויאַנט, אַ דיקער דעק און אַ וואַרעם־פלאַש פאַר זיין עקסעלענץ. דאָ פלעגט דער גענעראַל כסדר באַקומען בויך־שמערצן, און ליזע פלעגט אים אויפקאָכן וואַסער אויף דעם קאָמפאָרט־קיכל פון דעם קעלער. זי פלעגט זיך צוהערן צו די שווערע אויפרייסן און אומבאַמערקט וואַרפן אַ בליק אויף דעם פאַרגעלטן פּרצוף פון דעם גענעראַל. ס'איז איר נישט לייכט געווען צו פאַרבאַרגן די שטראַמענדיקע פרייד אונטער דעם באַשיידענעם שמייכל.

אין די ערשטע מאָנאַטן פלעגט איר פּשוט פּיזיש ווייטאָן דאָס באַדינען דעם גענעראַל. היינט האָט עס איר אויפגעהערט צו אַרן.

— פרוילין בערטאַ, ביטע די וואַרעם־פלאַש — קרעכצט אויס דער גענעראַל.

— זאָפאָרט, עקסעלענץ — אײַלט זיך פרוילין בערטאַ.

סטאסיעקס „זאדאטשע“

ס'איז פרילינג. באגינען. פון טויבן־שלאק פליט ארויס א ווייסע, פעטע טויב, טאנצט ארויף אויפן נאענטן קאשטאן־בוים, פארקוקט זיך אויף די גרויסע, שמעקנדיקע קנאספן און צעוואָרקעט זיך. באלד ליפט ארויס א צווייטע, א קלענערע, א שמעלערע מיט א דינעם שנאבל און שווארצע גלאנציקע אייגעלעך. זי זעצט זיך שטיל אוועק לעבן דער ערשטער טויב, וואָרקעט עפעס אויס אויף איר לשון און ווערט אנטשוויגן.

דער אוקראאינער, דער לאקאטאָר פון דעם באן־ארבעטער פיאטר, קלעטערט ארויף אויפן לייטער און פארעט זיך ארום דעם טויבן־שלאק. דער טויבן־שלאק איז ליידיק. חוץ די צוויי טויבן זיינען די איבעריקע שוין לאנג נישטא. אין דער שטאט איז א הונגער.

— סאסנע! סאסנע! סאסנע!

דער טעלעגראפיסט פון דער באזע כאפט שנעל דעם בלייער, פארריכט דאס ראדיא־טרייבל אויף די אויערן.

— שיקט א זיכערן מענטש מיט א גרעסערע צאל דינאמיט!

— שיפרירט דער טעלעגראפיסט. — „טרעפונג — צלם“.

דער ברייט־בייניקער אוקראאינער קריכט פאוואליע אראפ פונעם לייטער. די לעצטע צוויי טויבן קוקן זיך איבער, שושקען איינע צו דער צווייטער, אפשר וועגן דעם אוקראאינער און אפשר וועגן זייערע אייגענע עסקים.

* * *

דער פאטער וואלערי פלאנצט פאמידארן. נישט ווייט אויף דער הילצערנער באנק ליגט זיין סוטאנע. דער גלח שטייט מיט פארקאטשעטע ארבל, מיטן גרויסן, זילבערנעם צלם אויפן האלדז און ווישט דעם שווייס פון שטערן, איבער וועלכן עס קרייזלען זיך טונקעלע, עטוואס פארגרויטע האר.

אן עמער מיט פלאנצן, א קליינע מאטיקע, א קיילעכדיק, שפיציק קלעצל און א לייקע מיט וואסער וואלגערן זיך צווישן די הויכע, לאנגע און שמאלע צעאקערטע בייטן. דער פאטער וואלערי וויל גראד א נעם טאן א זשמעניע פלאנצן — פלוצלינג עפנט זיך

שטיל די טיר פון פלעבאניע־גארטן און עפּעס אַ הויכער, ברייט־ביניקער מאַנאַך גייט אים אַנטקעגן מיט לאַנגזאַמע טריט אויף דער סטעזשקע.

— געלויבט זאָל זיין זיין הייליקער נאָמען — רופט זיך אָפּ דער מאַנאַך, אָפּשטעלנדיק זיך פאַרן פאַטער וואַלערי.

— אויף דור־דורות! — ענטפערט דער גלח און אין זכרון צאַפּלט זיך עפּעס אַ דערמאָנונג, אַז די דאָזיקע שטים האָט ער שוין ערגעץ־ווו אַמאָל געהערט.

דער מאַנאַך הויבט אויף דעם ברייט־ראַנדיקן קאַפּעליוש, און איבער דער שוואַרצער סוטאַנע און דעם הילצערנעם צלם שיינען אַרויס אַ פּאָר שטאַרק בלאָע אויגן — און אַ שמייכל צעגליען זיך זיינע ווייסע, געזונטע ציין.

— סטאַסיעק! — רופט שטיל, פאַרוואונדערט אויס דער גלח.

— יאָ, פאַטער וואַלערי! — ענטפערט דער מאַנאַך.

דער גלח טוט שנעל אָן די סוטאַנע און ביידע לאָזן זיך דורך דער סטעזשקע אין אַ שפּאַציר איבער דער פּלעבאַניע. זיי שטייגן אַרויף אויף די שמאָלע טרעפּ אויפן וועג צו דעם פאַטערס בוידעמל. דער גלח פאַרמאַכט די טיר, דרייט זיך אויס מיטן פּנים צו סטאַסיעקן און עפנט ברייט זיינע אָרעמס.

— טייערער סטאַסיעק! — גאָט זאָל דיך בענטשן אונטער מיין דאַך!

סטאַסיעק נעמט אַרום דעם פאַטער וואַלערי און ביידע צעקושן זיך האַרציק, ברידעריש.

— סטאַסיו, זון מיינער! איך בין אַזוי דאַנקבאַר דעם אויבערשטן, וואָס ער האָט מיר די דאָזיקע פרייד געשאָנקען!

— ליבער פאַטער וואַלערי, איך בין גליקלעך, וואָס איך קאָן אייך אין נאָמען פון אַלע פּאַרטיזאַנער אויסדריקן דאָס געפיל פון אָנערקענונג.

— איך ברענג דיר שוין פרישטיק, ליבער גאַסט מיינער! דו קאָנסט פולקאָם רואיק זיין. ביי מיר וועט דיך קיינער נישט געפינען!

דער פאַטער וואַלערי איז אַרויסגעלאָפן און אין אַ פּאָר מינוט איז ער אַריין מיט אַ לאַבן ברויט, אַ טרוקן קעזל און עטלעכע אייער.

— עס, זון מיינער! זאָל דיר זיין צום געזונט!

סטאַסיעק האָט געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט און זיך צוגעקוקט צו די דיקע, פאַרגעלטע ספרים, צום גרויסן צלם מיט דער פיגור פון דעם געקרייציקטן איבער דער העלגרישער קאַיקע.

— פּאַטער, איך לעבט דאָך כמעט אין אַזאַ קאָמפּאָרט, ווי מיר! — האָט ער מיט אַ געלעכטער אַ זאָג־געטאָן.

— העך זיך איין, מיין זון! דו לעבסט אין דעם בעסטן קאָמ־פּאָרט, וועלכער ס'קאָן נאָר זיין. אַרום דיר לעבן מענטשן, וואָס פאַרשעמען, פאַרהייליקן אונדזער געשטאַלט, וועמען גאָט האָט לויט זיין מוסטער געשאַפן. דו לעבסט צווישן מענטשן, וועלכע זיינען אַדורך די גאָלגאָטע — אַרויס וועלן זיי ריין, ווי די הייליקע. דו ביסט איינער פון זיי, סטאַסיעק, און דאַנקען דאַנק איך דעם אויי־בערשטן, וואָרום ער האָט מיר, זיין נישטיקן דינער, פאַרשאַפט די העכסטע גענאָד. ער האָט מיך אַרומגערינגלט מיט מענטשן, וואָס טראָגן נישט גאָטס נאָמען בלויז אויף די ליפּן, נאָר טראָגן זיינע געבאָטן אין האַרצן, זיי פאַרווירקלעכן זיי אין לעבן. איר האָט אַלע געזען דעם שד, איר פאַרטרייבט אים פון אונטער דער זון מיט דער מצווה פון ליבן דעם נאָענטן, ווי זיך אַליין. געלויבט זאָל זיין זיין הייליקער נאָמען, הערפּאַר, וואָס ער האָט מיר דערמעגלעכט אייך צו העלפן און אַזוי אַרום אויך — אַליין געהאָלפן צו ווערן.

— איר ווערט גראַ, ליבער פּאַטער וואַלערי.

— שווער צו זען, וואָס איין מענטש קאָן פאַרשאַפן דעם צווייטן — האָט שטיל אויסגעזיפצט דער גלח — יאָ, זון מיינער! אַ סך קראַפּעווע פאַרמיסטיקט נאָך גאָטס גאָרטן. ווען מען רייסט קראַפּיווע, ברייען די הענט. אָבער, זון מיינער! אין לײדן האָט גאָט די וועלט אויסגעלייזט. אין ליידן וועלן זיינע דינער אויס־רייניקן דעם גאָרטן.

— יאָ, ליבער פּאַטער! שווערע צייטן. איך בין אַדורך דער שטאָט — ווי לעבעדיקע מתים זעען אויס די מענטשן. טויטע קערפּערס וואַלגערן זיך אויף די גאַסן. אויפן פּלאַץ־פּאַראַר שטייען תּליות. אָבער זייער סוף איז נאָענט — סטאַסיעק האָט אַ קריץ געטאָן מיט די ציינער און זיין פּנים האָט זיך פאַנאַנדערגעגליט מיט האַס. — דער טאָג פון באַפרייאונג דערנענטערט זיך. די רויטע אַרמיי איז שטענדיק אין אָנגריף. דער פראָנט איז נאָענט. יאָ, פּאַטער ליבער, מיר וועלן דעם גאָרטן אויסרייניקן!

— גאָט זאָל שטאַרקן אייערע הענט.

סטאַסיעק האָט זיך דערמאָנט אין דער מוטערס ווערטער:

נישט דער פּאַטער וואַלערי איז אַן אויסטערלישער גלח — אַזוי דאַרף אַ גלח זיין! די צייטן, זונעלע! די צייטן...

* * *

אין דער מעליגע אונטערן פּלעבאַניע־שטאַל האָבן זיך אין אָוונט באַגעגנט סטאַסיעק, זאָסיאַ און יעפּימאָוו. זיי האָבן זיך

באַגריסט מיט וואַרעמע בליקן און דורכגעוואָרפן זיך מיט קורצע, חברישע אָפּגעריסענע ווערטער.

— זעסט שלעכט אויס, זאָסיאַ! — האָט פּעסטגעשטעלט סטאַסיעק.

זאָסיאַ איז געווען זייער דאַר — איר שיינער, פּראָפיל איז געוואָרן אַביסל קאַנטיק, האַרט. אירע ליפּן זיינען געווען מאָדנע איינגעשרומפּן, בלויז די אויגן האָבן געברענט, ווי שטענדיק. איר מלבוש פון אַ מאַנאַשקע איז געווען זייער פּאַסיק פּאַר איר. יעפּימאָוון האָט סטאַסיעק לעצטנס געזען נאָך דער באַפרייאונג פון לאַגער. אַזוי האָט ער זיך אויך איינגעקריצט אין זיין זכרון. און דאָך האָט ער אויך אין זיין פּנים אויסגעלייענט סימנים פון דויערנדיקן הונגער.

— אָבער דו, סטאַסיעק, זעסט אויס, ווי דו וואָלסט אַרויס ערשט פון אַ פּענסיאָנאַט! — האָט זאָסיאַ פריילעך אויסגערופן.

— געוויס, זאָסיאַ! איך קום טאַקע פון מאַריעס פּענסיאָנאַט. איך בין געווען פאַרווונדעט און זי, די קראַנקן־מוטער, האָט מיך שוין איינמאָל צוגעפילנעוועט.

סטאַסיעק האָט דערציילט וועגן די חברים אויף דער באַזע.

— מיר וועלן שוין באַלד צו אייך קומען — האָט פריילעך אַ זאָג־געטאָן סטאַסיעק.

— זאָלן מיר אַדורכריידן די אַקציע! — האָט פאָרגעשלאָגן זאָסיאַ.

— מיר וואָלטן די אַקציע דורכגעפירט אָן דיר, סטאַסיעק! אָבער ביי אונדז זיינען פאָרגעקומען דורכפאַלן. עטלעכע חברים זיינען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ.

— די תליות אויפן פּלאַץ־פּאַראַד האָסטו אַוודאי געזען! אַ צענדליק חברים וועלן וואַרטן אויף דיר אין דער פּאַניעמוניער פּושטשע. דער חבר, וועלכער וועט דיר העלפן אין דער אַקציע, וועט דיך מיט זיי פאַרבינדן. דאַן וועסטו זיי מיטנעמען. אויב דו וועסט אַריינפאַלן — וועלן זיי זיין געצוווּנגען אַליין אויפצוזוכן די באַזע. מיינע דייטשישע חברים האָט מען פאַרשיקט אויפן פראָנט. מיר וועלן דער רויטער אַרמיי מוזן מוחל זיין די האַזיקע קאָנסעקווענץ פון איר אָנגריף — האָט זיך אַ ווייצל־געטאָן זאָסיאַ.

— נו, ברודער, דיין אויפגאַבע איז אַזאַ: ביי פּאָניעמון שטעלן די דייטשן אויף אַ פּאַרטיקע בריק. אונטערן וואַסער האָבן זיי אויסגעבויט אַלץ, וואָס איז דערצו נייטיק. מאָרגן פרי ׳דאַרפן אַיבער איר דורכמאַרשירן מאָטאָריזירטע מיליטערישע רעזערוון. דער חבר, קען גענוי דאָס אָרט. די אַקציע מוז דורכגעפירט ווערן פאַר־

טאָג. ביי דער בלאָער קנייפּע וואַרט דער חבר אין א ס.ס.־יעפרייטער־מונדיר. פּאַראָל: „גוטער ווייַן? — בעסער ביר!" צו דער בריק וועט איר צופאָרן אין א וועכטער־שיפל. דאָס שיפל איז פאַרשטעקט אין דער פּושטשע. דער פּאַראָל ביי די דייטשן איז: „ברעמען". די מינע דאַרף אַריינגעוואָרפן ווערן אין א פונדאַמענטן־רער. דער חבר איז איינער פון די בריק־מאַנטירער, ער קען געננוי דאָס אָרט!

— יאָ, איר האָט אַלץ פאַר מיר צוגעגרייט. איך וועל בלויז דאַרפן זיך דורכשפּאַצירן — האָט סטאַסיעק מיט התפעלות אויסגערופן.

ווי דו זעסט, שלאָפן מיר נישט אין שטאָט! — האָט זיך צעלאַכט זאָסיא. — יעפימאָוו האָט שוין קאָנסטרואירט די מינע, מע דאַרף זי בלויז אויספילן מיט דיינאַמיט!

— איר זענט אייזן! — האָט סטאַסיעק אויסגערופן.

מען דאַרף שוין גיין, חבר! — האָט זיך אָפּגערופן יעפימאָוו, נאָך דעם, ווי ער האָט געענדיקט מאָנטירן די מינע.

סטאַסיעק האָט שנעל אַרויסגעצויגן אויף זיך דעם מונדיר פון א ס.ס.־ניק, צוגעגאַרטלט דעם פּאַס מיטן מאַוזער און אַרויפגעזעצט אויפן קאָפּ דעם קאַסק מיט דער מינע.

זיי האָבן אַרויסגעפירט סטאַסיעקן פון דעם קעלער. דער הימל האָט אויסגעזען, ווי דער באַלקן פון דער מעלינע. אין דרויסן האָט געקאַפּעט א וואַרעמער, כמעט זומערדיקער רעגן. די נאַכט איז געווען א פינצטערע, אָן אמתע פּאַרטיזאַנער־נאַכט. ערגעץ־ווו האָט א ביל־געטאָן א הונט און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

סטאַסיעק האָט מעשה־געלעכטער סאַלוטירט און האָט זיך א לאָז־געטאָן מיט די גוט־באַקאַנטע וועגן...

אין אויסשפּירער־שטאַב

ליזע געפינט זיך שוין אין שטאַב איבער א האַלב יאָר.

יעדן טאָג, אין דער אָפּגערעדטער שעה, קוקט זי אַרויס דורכן פענצטער, צי עס גייט נישט פאַרביי די קינאָ־קאַסירערין מיט א ברוין טעשל און אַ צייטונג אין דער רעכטער האַנט, צי מען רופט זי נישט אויף א באַגעגעניש.

ליזע ווייסט, אַז די צייטן זיינען שווערע, דער קאָנטאַקט איז געפערלעך און האַרט... זי וואָלט אַזוי וועלן עמעצן זען פון די חב־רים! דערוויסן זיך, וואָס עס הערט זיך אין דער באַזע, וואָס מאַכן די חברים! וואָס מאַכט ער, צי איז ער נישט אַמאָל פאַרוווּנדעט? און אפשר?

ניין! ליזע וויל גאַרנישט אַרויפברענגען אויפן געדאַנק די דאָ־זיקע מעגלעכקייט.

ביז... איינמאָל אין א ווינטערדיקן פאַרמיטאָג האָט זי דערזען דורכן פענצטער די קינאָ־קאַסירערין. ליזע האָט דערפילט, ווי דאָס האַרץ הויבט איר אָן שטאַרקער צו שלאָגן. זי איז צוגעפאַלן מיטן פּנים צו די שויבן, האָט זיך פאַרקוקט אויף דעם לאַנגזאַם־שפּאַ־צירנדיקן מיידל מיט דער צייטונג און ברוינעם טעשל אין דער האַנט.

יאָ, יאָ, ס'איז דער סימן! מען רופט זי!

דער טאָג האָט זיך געשלעפּט, ווי קיינמאָל נישט. נאָך מער, ווי די דייטשן, האָט ליזע געוואַרט נאָך א רואיקן טאָג, געווונטשן זיך, אַז היינט זאָל מען נישט באַמבאַרדירן.

פאַרנאַכט איז ליזע, אָן אויסגעפּוצטע, אַרויסגעלאָפן אין גאַס. ביי דער קאַסע זיינען כמעט קיין מענטשן נישט געשטאַנען, ס'איז נאָך געווען פרי. די קאַסירערין האָט שווייגנדיק דערלאַנגט ליזען דעם בילעט.

דאָס קליינע, גרינגע פּאַפּירל האָט א גלעט געטאָן ליזעס פינ־גער אַזוי וואַרעם, אַזוי האַרציק.

ליזע האָט דעם בילעט אַריינגעלייגט אין טעשל און איז לאַנגזאַם אַוועקגעגאַנגען.

אויפֿן בילעט איז געווען אָנגעשריבן מיט אַ „ווייסן" דריבנעם שריפֿט.

„סיענקעוויטשאַס 12. דירה 4. קלינגען דריי מאָל. זעקס דרייסיק פֿאַרנאַכט. זוכן — גרעטכען".

ליזאַ האָט צעריסן דעם בילעט, אַוועקגעוואָרפֿן די שטיקלעך אין רינשטאָק און אַ קוקגעטאָן אויפֿן זייגער. ס'איז געווען צוואַנציק מינוט נאָך זעקס.

* * *

ליזע האָט אָנגעקלונגען דריי מאָל. ס'האָט איר געעפֿנט אַן עלטערע, רייך געקליידעטע פֿרוי. — אַ פּאָר גראָע טיפֿע אויגן האָבן מיט אויפֿמערקזאַמקייט באַטראַכט ליזען.

— קאָן איך רעדן מיט פֿריילין גרעטכע?

— יאָ, ביטע! קומט אַריין.

אין די גראָע אויגן פֿון דער פֿרוי האָט זיך באַוויזן אַ מוטערלעכע וואַרעמקייט.

די פֿרוי האָט אַדורכגעפֿירט ליזען דורך אַ לאַנגער קאָרידאָר, אַריבער אַ שיין מעבלירט סאַלאָנדל, האָט אָנגעוויזן אַ טיר און זיך אָפּגערופֿן:

— ביטע, גייט אַהין אַריין!

נאָך ליזען האָט זיך שטיל פֿאַרמאַכט די טיר. אַ פּאָר מיידלשע הענט האָבן זי אַרומגענומען און צוגעצויגן צו זיך.

— האַלינקאַ!

— זאָסיאַ!

ליזע האָט אָן אויפֿהער געחזרט דעם נאָמען פֿון איר חברטע. מיט אַלע כּוחות זיך צוגעדריקט צו איר, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז דאָס איז בלויז אַ חלום. זאָסיאַ האָט ווייך געגלעט ליזען איבערן קאָפּ, איבער די גאָלדענע, זײַדיקע לאָקן און שטיל געחזרט „האַלינקע, טייערע"!.

אַט זיצן זיי שוין צוגעטוליעט צו זיך אויף דער ברייטער סאָפֿע.

— הערצייל, זאָסיאַ! ווי איז אויפֿן פֿראָנט? וואָס מאַכן די חברים, וואָס הערט זיך אויף דער באַזע און אין שטאָט? — ליזע האָט פֿאַרוואָרפֿן זאָסיאַן מיט פֿראַגעס און נישט געוואַרט אַפֿילו, אַז זי זאָל איר ענטפֿערן.

ס'איז גוט, האַלינקאַ! ס'איז גוט. דער פֿראָנט איז שוין נאָענט און דערנענטערט זיך פֿון שעה צו שעה, דער אָטריאַד איז שוין אַ גאַנצע אַרמיי!

ליזע האָט געשלונגען יעדעס וואָרט.

— און סטאַסיעק?

— סטאַסיעק איז געזונט, בענקט נאָך דיר און בעט דיך שטאַרק קושן!

— סטאַסיעק איז זייער שטאָלץ מיט דיר, אַזוי ווי מיר אַלע, האַלינקאַ! — האָט זאָסיאַ צוגעגעבן מיט אַ שמייכל.

— דערציייל מיר נאָך עפּעס וועגן סטאַסיעקן! — האָט זיך שטיל געבעטן ליזע.

— איך האָב נישט געטאָרט מיטנעמען קיין בריוו, האַלינקאַ. סטאַסיעקן האָב איך געזען מיט אַ וואָך צוריק, ער איז געקומען מיט אַן אויפגאַבע פון שטאָט און מיר האָבן זיך באַגעגנט פאַר זיין אומקערן אויף דער באַזע. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וועל זיין ביי דיר. ער האָט מיר געקושט די הענט און געבעטן, איך זאָל מיט זיי גלעטן דיין פּנים. אַט טו איך עס, האַלינקאַ!

— האָט זיך צעשמייכלט זאָסיאַ.

האַלינקאַ האָט אָנגענומען זאָסיאַס הענט און האָט זיי צוגעטוליעט צו איר פּנים.

— נו, און איצטער האָב איך דיר געבראַכט אַ מתנה, מיט וועלכער דו וועסט זיך מחיה זיין — האָט זאָסיאַ געזאָגט.

זי איז אַראָפּ פון דער סאַפע, צוגעטאַנצן צום אַלמער און פון דאָרט זיך אומגעקערט מיט אַ קליינער קאָנסערוון־פּושקע.

— זעסט, האַלינקאַ, אַט די פּושקע וועסטו אונטערשטעלן אונטערן טיש פון דיין גענעראַל — וועט זי שפּעטער איבערזייגן אַלע, וואָס דאָרט ווערט גערעדט.

ליזע האָט מיט נייגיריקייט אָנגעקוקט דאָס קעסטעלע און האָט באַטראַכט דעם מעכאַניזם.

— האַלינקאַ, דו דאַרפסט שוין גיין! — האָט שטיל געזאָגט זאָסיאַ.

די מיידלעך האָבן זיך שטאַרק אַרומגענומען און לאַנג, לאַנג זיך געקושט.

* * *

פרוילייז בערטאַ האָט געוויישט די שויבן אין די פענצטער פון דעם גענעראַל פאַן פרימשטעס קאַבינעט.

די קעלטן האָבן זיך דאָס יאָר פאַרצויגן. ס'איז שוין באַלד אַפּריל און האָך זיינען די שויבן געווען פאַרפרוירן.

פרוילייז בערטאַ האָט זיך צוגעקוקט צו די פאַרקאַוועטע שויבן און זיך צוגעהערט צום שמועס אין אַנדערן צימער.

פון צימער האָט זיך געהערט די נערוועזע שטים פון גענעראַל:

— איינלאָדן אויף היינט ניין אָוונט א געהיימע באַראַטונג.

אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז זי אַראָפּ ברענגען אַן עמער וואַסער און דאַן איז זי אַריין וואַשן דעם דיל פון דעם גענעראַלס קאַבינעט.

בשעתן אָפּווישן דעם פאַרשטויבטן, באַגילדעטן גזימס פונעם אויוון, האָט בערטאַ פאַרשטעקט דאָרט אַ קאָנסערוון־פּושקע. מיט רואיקע, זיכערע הענט האָט ליזע אָנגעשטעלט דעם פּיקסאַטאָר אויף ניין אַזייגער אין אָוונט.

אויף צומאָרגנס האָט זי אויף סיענקעוויטש־גאַס געביטן די „קאָנסערוון־פּושקע" אויף אַ צווייטער.

* * *

מאַי. ליזע האָט באַקומען אַן אינסטרוקציע נאָכצומאַכן די שליסלען פון דעם גענעראַלס קאַסעטקע, אין וועלכער ס'זיינען געלעגן באַהאַלטן די געהיימע באַפעלן פון דעם צענטראַלן שטאַב.

די עלטערע פרוי מיט די גראָע אויגן האָט איבערגעגעבן ליזען אַ מין פּלאַסטעלין, מיט וועלכן זי האָט אַראָפּגענומען די מאָס פון די שליסל־לעכער צו דער טיר פונעם קאַבינעט און צו דער אייזערנער קאַסעטקע. זי האָט אויך אַראָפּגענומען די מאָס פונעם שליסל־לאָך פון דער טיר פונעם גענעראַלס שלאָף־צימער — ער פלעגט אָפט מיטנעמען די קאַסעטקע צו זיך.

אויף צומאָרגנס האָט ליזע דערהאַלטן שליסלען, אַ מיניאַטורן פאָטאָ־אַפּאַראַטל און אַ פּעקל פּאַפּיראָסן, וואָס פאַרשלעפערן מיטן רויך אויף אַ פּאָר שעה.

אין דער נאַכט האָט ליזע נישט געקאָנט איינשלאָפן. זי האָט געוווסט, אַז די דאָקומענטן, וועלכע זי דאַרף אַרויסבאַקומען זיינען גאָר וויכטיק. זי האָט אויך אָפּגעשאַצט די סכנה פון אַזאַ אויפגאַבע.

עס זיינען געווען מאָמענטן, בעת וועלכע עס האָט זיך איר געדוכט, אַז זי וועט זיך צוזאַמענברעכן, אַז אירע נערוון וועלן נישט אויסהאַלטן, אַז עס וועט פּאַסירן עפּעס אַן אומגליק. מאָמענטנווייז פלעגט זי אַריינפאַלן אין אַ קורצן אומרואיקן שלאָף, מיט קאָשמאַרנע חלומות:

— — — עס בושעוועט איבערן געטאָ וויסאָ אין זיין שוואַרצן קאָמבינעזאָן. דאָס טויטע קינד פון אונטערן טויער הויבט אויף דאָס קעפּל און פּאַטשט מיט די הענטלעך. און אָט ליגט סטאַסיעק אַ פאַרוווּנדעטער און אויף זיין ברוסט זיצט „דער בער" מיט אַ מעסער אין דער האַנט. — „סטאַסיו, סטאַסיו!" — שרייט זי, און לויפט אים ראַטעווען.

— — — ניין! ס׳איז נישט דער „בער״. דאָס איז דעם נעטשעראַלס הונט, טיגער. דער הונט שפּאַרט זיך אָן מיט די פאָדערשטע לאַפּעס אויף סטאַסיעקס ברוסט און כאַפּט אָן דעם פאַרוואָגרעטן ביים גאָרגל. ס׳קריצן די שאַרפע, געזונטע ציינער; פון דער הינטישער מאָרדע גאָווערט ווייסער ישוים, און... ליזע כאַפּט זיך אויף.

צי וועט טיגער נישט אָנהויבן בילן? צי וועט ער זען אין דער פרוילײן בערטאַ אָן אײגענעם מענטש אויך אין דער פינצטערניש?

און דער מאַיאָר? דער לייטענאַנט אויף דער וואַך? זיינען די פּאַפּיראָסן זיכער?

און טאָמער וועלן גראָד אָנקומען די באָמבאַרדירער, און ס׳וועט זיך צעהילכן אַ לופט־אַליאַרם?

די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע. אַ שווער פּאַרנעפּיל האָט ווי געשטיקט ביים גאָרגל. דאָס איז נישט קיין נייעס. נישט דאָס ערשטע מאָל לעבט זי איבער אַזעלכע געפילן. ס׳איז פשוט — פחד. זי האָט אַ גלעט געטאָן דאָס מעדאַליאָנדל מיטן לומינאַל אויפן האַלדז. ניין! אַ לעבעדיקע וועט זי זיך נישט לאָזן נעמען. זי ווייסט גוט, וואָס אַזוינס הייסט געסטאַפּאָ.

פון דערווייטנס טוט אַ ׳קריי אַ האָן. אויף איינעם פון די ביימער אין גאָרטן פאַרציט זיך מיט טרעלן אַ סאָלאָוויי. ס׳איז פרילינג. אויך דאָרטן, ביי סטאַסיעקן אויף דער באַזע, זינגט שוין דער סאָלאָוויי. סטאַסיעק, סטאַסיעק.

גענוג טראַכטן. מע דאַרף שוין גיין! ס׳איז די העכסטע צייט. ליזע טוט זיך האַסטיק אַ הייב אויף פון בעט, פאַרוואַרפט דעם שלאָפראָק אויף די אַקסלען.

ס׳שלאָפט דער האָטעל ריץ. שטיל. בלויז פון הינטער די פענצטער טראָגן זיך שווערע, געמאָסטענע טריט פון די וועכטער. ליזע וואַשט אָרום דאָס געזיכט. דאָס קאַלטע וואַסער פרישט אָפּ איר צעהיצט פנים.

אויפן הימל לעשן זיך שוין די לעצטע שטערן.

באַגינען. ליזע גייט צו צום פענצטער. אַ מילד ליכט פון פרימאָרגן. די זון גרייט זיך שוין אין וועג. — מע דאַרף שוין גיין...

ליזע נעמט אין האַנט די שליסלען און פאַרשטעקט אין דער קעשענע דעם אַפּאַראַט.

שטיל עפנט זי אויף די טיר. אין צווייטן ראָג פון קאָרידאָר דרימלט דער לייטענאַנט. ליזע פּאַקט אויף די פּאַפּיראָסן און צינדט אָן אַ שוועבעלע.

זי איז שוין רואיק. איצטער קלערט זי נאָר וועגן איין זאַך: וואָס צו טאָן! שטיל גייט זי פאַרביי דעם לייטענאַנט. ס'שטומען די ברוינע, מאַסיווע טירן, דער וויכער, רויטער טעפּיך זאַפּט אין זיך אַריין דעם הילך פון אירע טריט. ליזע שטייט אַ פּאָר טריט לעבן לייטענאַנט און לאָזט אַרויס אַ פּאָר געדיכטע וואָלקנדלעך רויך גלייך אים אין פּנים אַריין.

שטיל שליסט זי אויף די טיר פון דעם גענעראַלס וווינונג. זי איז שוין אינעם סאַלאָן. דאָס האַרץ הייבט אָן שטאַרקער צו קלאַפּן. ליזע באַהערשט זיך מיט גרויס אָנשטרענגונג. אָט איז שוין דאָס שלאָף־צימער. דער „טיגער" עפנט די אויגן, טוט אַ קוק אויף ליזען, אַ שמעק מיט דער מאָרדע. זי פילט, ווי אַ טויטע בלאַסקייט באַדעקט איר געזיכט.

— „טיגער", „טיגער"! — רופט זי שעפּטשענדיק. ס'טוען אַ ציטער דעם הונטס קייזערלעכע וואָנסעס. דער הונט טוט אַ דריי מיטן עק און פאַרמאַכט די אויגן.

דער גענעראַל איז פאַרזונקען אין טיפן שלאָף. ליזע הערט זיין כראָפּען. די פאַריקע נאַכט זיינען פאָרגעקומען צוויי לאַנג־דויערנדיקע לופט־אָנגריפן — דער גענעראַל איז שטאַרק מיד.

ליזע דערנענטערט זיך צום בעט פונעם גענעראַל און פאַרהילט אים מיט געדיכטע קנוילן רויך פון דעם פּאַפּיראָס.

אָט איז די קאַסעטקע אויפן טישל לעבן גענעראַלס קאָפּ. ליזע איז שוין ביים בעט. די זיידענע פּידזשאַמע איז אויפגעדעקט אויפן פאַרטריקנטן, האַרטן גאָרגל. ס'הויבן זיך און פאַלן אַראָפּ די גראָע שפּיציקע וואָנסעס מיט אַ לענגלעכן פּיף.

אויף אַ רגע האָט זיך ליזע פאַרקוקט אין דעם צעקנייטשטן פּנים. עס זיינען אויפגעגאַנגען, ווי לעבעדיק, פאַר אירע אויגן: דאָס געטאָ, פּנימער, פאַרקרימטע אין טויט־שרעק.

ליזע האָט פאַרשלאָסן נאָך זיך די טיר און איז שנעל צוגעטראָטן צו דער מלאכה.

דעם שיפער פון דער קאַסעטקע האָט זי געקענט — דער גענעראַל פלעגט זי אָפט עפענען אין איר אַנוועזנהייט און האָט לחלוטין נישט באַמערקט, אַז פרוילין בערטאַ אינטערעסירט זיך מיט דעם.

אינעם שיין פון באַגינען האָט ליזע אָפּגעפאָטאָגראַפירט די דאָקומענטן. בעת זי האָט זיך שטילערהייט אַרויסגעשאַרט פונעם גענעראַלס אַפּאַרטאַמענטן און צוגעשלאָסן די טיר, האָבן שוין די מאָרגן־שטראַלן פון דער פרילינג־זון אַריינגעלויכטן דורך די פענצטער. ליזע איז אַריין אין איר צימער, באַהאַלטן דעם אַפּאַראַט

מיט די שליסלען, ארויסגעצויגן אויף זיך דאָס ארבעטס־קליידל, פּינקטלעך איבערגעבונדן די האָר מיט אַ טיכעלע און... פרוילײַן בערטאַ איז אַרויס צו איר אַרבעט.

* * *

אויף דער סיענקעוויטש־גאַס 12 איז געווען ליזעס אַזוע. די עלעגאַנטע פרוי מיט די טיפע, גראָע אויגן, וואָס ליזע פלעגט איר איבערגעבן אירע טראַפּייען און באַקומען דירעקטיוון — האָט זיך געהייסן רופן „מוטער". זי איז טאַקע געוואָרן פאַר ליזען אַ מוטער. קאַרגע מינוטן פלעגט ליזע פאַרברענגען אין דער קאָנ־ספּיראַטיווער וווינונג. די דאָזיקע געציילטע מינוטן פלעגן פאַר איר זײַן אַן אמתער יום־טוב. ליזע האָט ליב געהאַט צו זיצן אין ברייטן, לעדערנעם פאָטעל און צוקוקן זיך, ווי די „מוטער" נייט אויס עפּעס אַ קאָמפּליצירטן מוסטער אויף אַ ווייס געוואַנט, פאַר־טאָן אין איר אַרבעט, אַזוי ווי ס'וואָלט גאָר קיין וויכטיקערע זאַך פון דעם דאָזיקן סערוועטל אויף דער וועלט נישט געווען.

קוקנדיק אויף אירע פלינקע, זיכערע פינגער־באַוועגונגען, אויף אירע עטוואָס פאַרגרויטע האָר איבערן שטערן, אויף דער זילבערנער בראָש, צוגעשפּיליעט צום ווײַסן קראַגעלע פון איר גראַנאַט קלייד, אויף איר עטוואָס שמייכלענדיקע ליפּן און די קלוגע, אַביסל כמורנע אויגן, האָט ליזע געפילט, ווי אַ שטילע רואיקייט באַהערשט איר גאַנץ וועזן.

ליזע האָט געפילט, אַז אין דער אָקופּירטער שטאָט זיצט פאָן פריטשע, דער נאַציישער מושל, ווי אַ שטשור אין אַ פּאַסטקע, בײַ אָט דער רואיקער, עלעגאַנטער, שטילער פרוי.

— אַז איך קוק דיך אָן, מוטער! דערמאָן איך זיך שטענדיק אין גאַחקים ווערטער: „מענטש — דאָס קלינגט שטאָלץ" — האָט זי איינמאָל אַ זאָג געטאָן צו דער „מוטער".

די „מוטער" האָט אויפגעהויבן איר עטוואָס בלאַס פּנים פון דעם סערוועט און אַ גלעט געטאָן ליזען מיט אַ ווייכן בליק.

ליזע איז רויט געוואָרן. אויף אַ רגע האָט זי זיך פאַר־טראַכט. פון דער נאַטור, איז זי געווען זייער באַשיידן. זי האָט געזען מיט דער גאַנצער קלאָרקייט די גבורה פון אירע חברים. זי פלעגט זיי ליבן און אַכטן. זיך אַליין האָט זי געזען און באַ־טראַכט בלויז, ווי אַ טייל פון זיי. שטענדיק האָט זי געפילט, אַז אָן זיי איז זי גאָרנישט.

— און וואָס קלערסטו, בעת דו קוקסט אין שפּיגל, האַלינקאַ?

—אַז איך קוק אין שפּיגל, טראַכט איך וועגן סטאַסיעקן, מו־טער! — האָט האַלינקאַ געענטפערט מיט אַ שמייכעלע.

די מוטער האט זיך צעלאכט און א זאג געטאן:

— א גליקלעכער מענטש איז דיין סטאסיעק, האלינקא!

ווען זיך אליין פלעגט די „מוטער" קיינמאל נישט הערן. ליזע האט נישט געוווסט פון וואנען זי שטאמט, ווער זי איז, ווו איז איר משפחה. זי האט נישט געוווסט, ווער ס'וווינט נאך אויף סיענקעוויטש־גאס 12, זי האט נישט געוווסט, וואס טוט זיך אין די איבעריקע צימערן פון דער וווינונג. זי האט בלויז געוווסט, אז אויב עס פאסירט א דורכפאל אין דער וווינונג און עס קומט די געסטאפא, דארף זי, בערטא צילקע, זיך פארענטפערן, אז זי איז בלויז געקומען אפנעמען א פערזענלעכן גרוס פון איר טאנטע, פראו סערקער פון פויזן.

* * *

מאריע איז ארויסגעלאפן פון דער שפיטאל־שאפע, האט א קוק געטאן אויף דער אפגעפרישטער, ריינער פושטשע, אויף די דינקע שטראמעלעך וואסער, זיך פארצויגן מיט פייכטער לופט און א זאג־געטאן אויף איר שטייגער צום בורא־עולם.

— אז דו ווילסט, קאנסטו, טאטע זיסער! אט האסטו א פאר־נארדע אויסגעקנאטן ווי א שבתדיקע חלה!

מאריע איז צוגעגאנגען צו דער שמידערײ כאפן א שמועס מיטן אלטן שמיד, רבי איטשע מאיר.

ר' איטשע מאיר איז געווען א באהאטירסקער ייד, אין מא־ריעס וווקס, מיט א פאר צעשויבערטע וואנסעס און א שפיציק בערדל. ער האט געשמידט אויף דער באזע די פארטיזאנישע פערדלעך און האט זיך אויך פארשאפן קונדן אין די ארומיקע דערפער. געקומען איז ער אויף דער באזע נאך דער ערשטער אק־ציע — געבלאנדזשעט אביסל איבערן וואלד, אויסבאהאלטן זיך ביי באקאנטע פויערים און אומעטום מיטגעשלעפט דעם גרויסן, פודיקן האמער מיט דער צוואנג, דאס תפילין־זעקל און דעם טלית־קטן. מיט דער דאזיקער עשירות איז ער געקומען אויף דער באזע. ווען עמעצער האט געפרעגט ר' איטשע מאירן צוליב וואס האט ער געשלעפט אזא מהלך די דאזיקע מכשירים — האט ער קורץ גע־ענטפערט:

— פארן רבונו של עולם דארף מען דעם טלית־קטן און תפילין. פאר פערד און מענטשן בין איך א שמיד — און א שמיד קאן מען מיט ליידיקע הענט נישט זיין.

אויף אויפגאבעס האט דער קאמענדאנט איטשע מאירן נישט געלאזן מיטגיין מחמת זיין עלטער און זיין מאסיווער פיגור. ר' איטשע מאיר איז געווען שווער אין די פיס. דער אלטער גייט

אַרויס פֿאַר דער קוזשניע, ציט פֿון זיין לאַנגער ליולקע און פֿאַר־קוקט זיך ערגעץ צווישן די צווייגן. דער שמיר רוט זיך אויס אַביסל. די וואָך האָט ער אַ וועלט מיט אַרבעטן הינטער זיך. ס'איז דען אַ סוד? אַלע ווייסן שוין, אַז היינט־מאָרגן וועלן די אַפּטיילונ־גען אַרויסגיין אין וועג, און אויף דער באַזע וועלן פֿאַרבלייבן בלויז די קראַנקע און קינדער. אודאי ווייסט דאָס ר' איטשע מאיר. אויך דער קעכער, ר' יוסף לייב, וואָס איז געקומען העלפֿן ר' איטשע מאירן אויסרוען זיך — ווייסט דערפֿון. בלויז דער איינציקער ר' נחומקע, דער שפּאַרט זיך:

— איך זאָג אייך, יידן! מיר האָט סטאַסיעק, מיין גענעראַל, היינט מיטאָג־צייט אַ זאָג־געטאָן:

— נו, לייבאַ! נאָך אַ טאָג אָדער צוויי, און דו וועסט שוין נישט האָבן פֿאַר וועמען פּאַטראָנעס צו גרייטן.

— ס'טייטש? נישט האָבן פֿאַר וועמען, און ווער דען וועט קאָכן פֿאַר דער ראָטע, חבר קאָמאַנדיר? — האָב איך אים גע־פֿרעגט.

— לייבאַ, טייערער! די רויטע אַרמיי איז שוין לעבן אונדז און מיר גייען אַהין.

— ווו אַהין? — האָב איך אים געפֿרעגט. זאָגט ער מיר — הערט איר יידן? — ער זאָגט מיר: נעענטער צו בערלין!!!

יוסף לייב דער קעכער האָט אַ דריי געטאָן זיינע וואָנסעס און אַ קוק־געטאָן אויף ר' איטשע מאירן און ר' נחומקען מיט אַזאַ בליק, אַזוי ווי ער וואָלט עס געפֿירט די אַרמיי „נעענטער צו בערלין".

הייסט דאָס, דער פֿאַניע איז שוין נאָענט, זאָגסטו? — רופֿט זיך אָפּ דער אַלטיטשקער, גראַאיִנקער, איינגעשרומפּענער ר' נחומקע, אַ ייד אַ למדן, וועלכן דער פֿאָטער וואָלט האָט אויס־באַהאַלטן און דאָן האָט מען אים אַראָפּגעבראַכט אין "שטעטל".

— פֿאַניע קומט אין שטעטל אַריין.
אין שטעטל אַריין, אין שטעטל אַריין.
טרינקט ער אויס אַ קאַדישקע וויין,
אַ פֿעסעלע וויין, אַז עס וועט זיין!

מיט אַ דיקן באַס האָט מאַריע געזונגען דאָס לידל. זי האָט עס אַקאָרשט צוגעטראַכט.

— זעט נאָר, יידן! מאַריע זינגט, אַ סימן, אַז ר' יוסף לייב איז גערעכט! — האָט זיך אָפּגערופֿן ר' נחומקע.

— יאָ, ר' נחומקע! — שוין באַלד וועט איר קאָנען אַריינ־שטעלן אייער ספֿר־תּורה אין דער גרויסער שול! — האָט אויס־

געבאָסט מאַריע, צוזעצנדיק זיך אויף אַ קלאָץ אַנטקעגן איבער ר׳ איטשע מאיר דעם שמיד.

— דו ביסט דאָך אונדזער פּאָטשט — האָט מיט אַ געלעכ־טער אַ זאָג־געטאָן ר׳ יוסף ליב — דערצייל־זשע! איז עס ריכטיק דאָס וועגן וועלכן מען שמועסט אין „שטעטל״?

— ריכטיק, רבותי, ריכטיק, סערהצעס! נישט סתם אַזוי אין דער וועלט קומען צו אונדז יעדן טאָג יעראָפּלאַנען. די באַפרייער אונדזערע, זייגען שוין נאָענט. מען זאָגט, אַז יעדן טאָג וועט אונדז דער פראָנט אַריבערשפּרינגען. אונדז, מיין איך עס צו זאָגן — דאָס „שטעטל״, ווייל אונדז אַליין וועט דער פראָנט נישט איבער־שפּרינגען. וועט דער פראָנט אַ שפּרונג־טאָן צו אונדז, וועלן מיר אַ שפּרונג־טאָן פאָראויס. פאַרשטייט איר מיך, יידן? אונדז איז גוט ביים דייטש הינטער דער פּלייצע. מיר וועלן זיצן אויף זיין רוקן, ווי אַ רייטער אויף אַ קליאַטשע.

— וואָס שייך — מיר? מיר וועלן נישט שפּרינגען. שפּרינגען וועלן די אָטריאַדן. אונדז, זקנים, וועט מען איבערלאָזן אויף דער באַזע! — האָט מיט רוגזה אויסגערופן ר׳ איטשע מאיר דער שמיד. ער האָט נאָך אַלץ פאַראיבל געהאַט דעם קאָמאַנדיר, הלמאי ער לאָזט אים נישט קעמפן.

— אייך, זקנים — יאָ! אייך וועט מען איבערלאָזן. איך, מאַ־ריע, בין נאָך גענוג יונג צו גיין מיט די אָטריאַדן. איך האָב עס שוין אָפּגעמאַכט מיטן קאָמאַנדיר:

— סערדצע! — האָב איך אים געזאָגט — בין איך אַ מעד־שוועסטער, הייסט דאָס, צי בין איך נישט!?

— געוויס — האָט ער מיר געזאָגט — אָבער דו ביזט נישט קיין מעד־שוועסטער, דו ביסט אַ מעד־מוטער, מאַריע!

— אַ מעד־מוטער, זאָל זיין אַזוי, ווי דו זאָגסט! — האָב איך אים געענטפערט — אַבי נישט קיין מעד־באָבע און אַ מוטער דאַרף גיין אין אָנגריף מיט אירע קינדער.

— יאָ, אָבער פאַרשטיי, מאַריע! מיר האָפן גיין אין שלאַכט!

— מאַריע האָט דערביי מיט איר באַס נאָכגעמאַכט קרעסטנאָיס קול.

— בין איך די מוטער פון די טשערעשקעס, צי בין איך סתם אַזוי אַ ייִדענע, דושאַ?

— דו ביסט! דו ביסט! — האָט ער מיר געענטפערט.

— גייט איר דורך גראָדנע אויף בערלין?

— יאָ, מיר וועלן גיין! — זאָגט ער.

— נו, דושאַ! נעם מיך מיט!

— כ'קאָן נישט! — האָט זיך צעבייזערט דער קאָמאַנדיר.

— וואָס פאַר אַ קאָמאַנדיר ביסטו, אַז דו קאָנסט נישט? — בין איך אים פאַרגאַנגען אונטערן סאַמע ריף. און דאָן איז מיר צוהילף געקומען משהל, דער פּאָליטורניק.

— פּאָליטניק! — האָט זיך אָפּגערופן ר' יוסף לייב.

— ביז בערלין וועלן מיר דיך נישט נעמען, אָבער ביז גראָדנע יאָ!

— אַ דאַנק אייך, סערדצעס! דערווייל איז גענוג פאַר מיר! — האָב איך זיי געענטפערט. און — נו, זעט איר, אַז מאַריע איז נאָך נישקשה!

מאַריע האָט פאַרענדיקט איר דערציילונג. ס'האָבן זיך אַרומגעקוקט די זקנים. ר' יוסף לייב האָט עפּעס געמורמלט אונטער דער נאָז. דער שמיד איז אויפגעשטאַנען אַ בייזער און, נישט רעדנדיק קיין וואָרט, איז ער אַריין אין דער קוזשניע. ר' נחומקע האָט געשאָקלט מיטן גראָען קאָפּ.

* * *

פון אַלע פראָנטן זיינען געגאַנגען גוטע „סוואָדקעס". ענדלעך האָט מען דעם דייטש אַ נעם געטאָן אין צוויי פראָנטן. דער זיג איז געוואָרן אַלץ נענטער. אַלץ מער ממשותדיקער.

אין קרעסטנאָיס שטאַב האָט מען פאַרענדיקט די לעצטע צוגרייטונגען.

די אָפּטיילונגען, גוט באַוואָפנט, זיינען געווען גרייט אַריבערוואַרפן זיך אין אַ שנעלן מאַרש דורך די וועלדער איבער צוויי הונדערט קילאָמעטער, שטעלן זיך הינטער ביאַליסטאָק, פאַראייניקן זיך דאָרט מיט אַ פּוילישער, פּאַרטיזאַנישער בריגאַדע. אָנגרייפן דעם שונא פון הינטן. פאַרן אַרויסמאַרש האָבן די פּאַרטיזאַנער געוואָלט באַקומען אַ פאַרשטאַרקונג. צו זיי האָט זיך באַדאַרפט אָנשליסן אַ גרויסע, קאָזאַקישע קאַוואַלעריע־אָפּטיילונג, וועלכע האָט שוין אַדורכגעריסן דעם פראָנט.

קרעסטנאָי האָט אַרויסגעשיקט וויטעקן מיט אַ „טשויקע" באַגעגענען און אַריבערפירן די קאָזאַקן אויף דער באַזע.

די נאַכט איז קיינער אין שטאַב נישט געשלאָפן. יעדן מאָמענט האָט מען זיך געריכט אויף די געסט.

קרעסטנאָי, משהל, דער אַלטער יאַן, מאַנקע און בערל טשעדעשקע, סטאַסיעק — אַלע קאָמאַנדירן און פּאָליטלייטער פון די אָפּטיילונגען זיינען געזעסן אין דער ברייטער שאָפּע אַרום דעם סאַמאָוואַר און לעבעדיק געשמועסט. אַ טיפע פרייד האָט געשיינט

פון די פּנימער. די קאָמאַנדירן האָבן געטרונקען הייסע גלעזער טיי, דער סאַמאָוואַר האָט אונטערגעזונגען און אַפילו דער רויך פון יאַנס ליולקע, האָט אַזוי ווי געטאַנצט און געשפּרונגען, אַזאַ מין שטיפערישער, פריילעכער רויך!

— נו, ברידער, מיר האָבן דערלעבט אַ גרויסע שעה! — האָט אַ זאָג געטאָן קרעסטנאַי — באַלד ווערן מיר אַן אָפּטיילונג פון אונדזער, רעגולערער אַרמיי.

— יאָ, קאָמאַנדיר! ס'קומט דיר אַ האַרציקער דאַנק פון אונדז אַלעמען — האָט זיך אָפּגערופן דער אַלטער יאַן. — האָסט אונדז געפירט און דערפירט!

ווי געוויינלעך האָט דער אַלטער אויך דאָס מאָל געריידט קאַרג, אָבער זיין נייע פּאַפּאַכע, זיין אָרנטלעך דורכגעקעמטע באָרד, אויסגערייניקטע גלאַנציקע קנעפּ פון שינעל — דאָס אַלץ האָט אַרויסגעשריגן אין אַ יום־טובדיקער שטימונג.

— סטאַסיעק, וועסט שוין באַלד אָפּנעמען ביים דייטש דיין האַלינקאַ! —האָט אַ זאָג געטאָן בערל. ביידע האָבן זיי זיך זייער באַפריינדעט, דער בלאָנדער סטאַסיעק מיטן שוואַרצן בערל.

סטאַסיעק האָט אַ שמייכל געטאָן. זינט מען האָט זיך גע־גרייט אין מאַרש, האָט ער געלעבט, ווי אין אַ חלום. אַ גרויסע אומגעדולדיקע פרייד האָט אויסגעפילט זיין נשמה.

אויף דער באַזע האָט אויך זעלטן ווער געשלאָפן. אַפילו די קינדער האָבן געפילט, אַז עס דאַרף פּאַרקומען עפּעס אויסערגע־וויינלעכעס, עפּעס גאָר, גאָר פריילעכס. די שמחה איז געשטאַנען אין דער לופטן. קיינער פון שטאַב האָט קיין וואָרט נישט גע־רעדט, בלויז זייערע אויגן האָבן דערציילט, דערציילט האָבן זייע־רע אויסגעפּוצטע מונדירן.

די נאַכט איז געווען אַ וואַרעמע, אַ ליכטיקע. אויך דער וואַלד איז געווען וואַך. אייניקע פּאַרטיזאַנער זיינען געזעסן גרופּנווייז און געשמועסט, אַנדערע האָבן צוגעשפּילט שטיל אויף האַרמאָ־ניעס און באַלאַלייקעס.

גאַלאָפּ איז אַריינגעפאַלן אַ רייטער, האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרן שטאַב און אַריינגעשפּרונגען אין דער שאַפּע.

— איגנאַץ! — איז געגאַנגען פון מויל צו מויל. די פּאַרטי־זאַנער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן מחנהווייז צום שטאַב. אָט שטייט שוין מאָגיע בלאַזער און דערלאַנגט אין דער נאַכט אַריין אַ הויל־כיקן טרומייטער.

לעבן אים שטייען קרעסטנאַי, משהל דער פּאָליט־לייטער, דער

גאַנצער שטאָב. דער אַלטער יאַן האָט הויך פאַרהויבן די צע־שפּרייטע פאָן.

בעת די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך אויסגעשטעלט לויט די זוואַ־דן, האָט זיך שוין געפילט אַ לייכטער ציטער פון דער ערד, עס האָט זיך געהערט עפּעס אַ טעמפּער גערויש, וועלכער איז גע־וואָרן אַלץ העכער און דייטלעכער.

— לכבוד דער רויטער אַרבעטער־ און פּויערים־אַרמיי, הו־רא! — רופט אויס קרעסטמנאַי. איבער די קעפּ הייבט זיך אַ וואַלד מיט ביקסן, ס'פליען אין דער לופטן פּאַפּאַכעס. אין מילדן אָפּ־שיין פון דער פולער לבנה שאָקלען זיך פּערדישע גריוועס. מענ־טשן דערוואַקסענע, פאַרהאַרטעוועטע אין טויט־געפאַר און אין פייער פאַלן זיך אין די אָרעמס, וויינען און לאַכן, פּאַטשן מיט די דלאָניעס און טאַנצן פון פרייד, ווי קליינע קינדער.

* * *

די זומערדיקע זון האט ארומגעשפאצירט איבער די הימלען זיבעצן שעה א מעת־לעת.

די שטאט איז געשטאנען א פארשוויצטע, א צעפארעטע. ס'האט געברענט די זון, ס'האבן געברענט די מיליטערישע סקלאדן און פאבריקן פון די אלץ אפטערע באמבארדירונגען און דיווערסיע־אקטן.

דער גענעראל פאן פריטשע איז פיל מער געזעסן אין קעלער ווי אין זיינע אויבערשטע אפארטאמענטן. ער האט שוין מער נישט געשפילט אויף דער פיאנע. זיינע שפיציקע וואנסעס האבן זיך אראפגעזעצט און זיינען הענגען געבליבן אויפן פארגעלטן פנים, ווי א פאר איינגעבראכענע, פארטריקנטע צווייגן אויף אן אפגעברענטן בוים.

דער מאיאר באלקע האט געהאט אויסצושטיין פון דעם גענעראל שווערע צרות. דער גענעראל האט זיך געווארפן, געזידלט, יעדע פאר שעה געגעבן סתירהדיקע באפעלן. אמאל האט ער אפילו א שלײדער געטאן מיט דער ווארעם־פלאש אין מאיארס פנים.

באלקע האט געוווסט, וואס איז די סיבה פון דעם גענעראלס געענדערטער שטימונג.

דער פראנט איז שוין געווען גאר נאענט. דער גענעראל האט געבעטן ביי דער הויפט־קווארטיר א דערלויבעניש אריבערצופירן דעם שטאב טיפער אין הינטערלאנד. דער ענטפער איז געווען:

„בלייבן אויפן ארט און האלטן די פעסטונג ביזן לעצטן סאלדאט".

דאס בייכל פון דעם עקאנאם איז באדייטנדיק געפאלן. ער האט שוין אויפגעהערט צו פאדערן ביי די „פרויליינס" אפטימיסטישע שמייכלען. ער אליין האט אויך אויפגעהערט צו שמייכלען, בפרט, אז דער מאיאר באלקע האט אפגעווארפן זיין בקשה אויף א קורצן אורלויב צו זיין שטארבנדיקן פאטער אין מינכען.

דער מאיאר האט קורץ געענטפערט:

— דער פאטער וועט שטארבן אן אייך.

פרוילין בערטא האט זיך פריי באוועגט אין די אפארטא־

מענטן פונעם שטאָב. קיינער פון די דייטשן האָט נישט געהאַט אין זינען צו קאָנטראָלירן איר אַרבעט. זי פֿלעגט אָפטער אַרויסגיין שפּאַצירן, ווינציקער אויסקלאַפּן די רויטע טעפּיכער און ווינציקער וואַשן די פענצטער. ס'איז שוין אייגנטלעך נישט געווען וואָס צו וואַשן. די שויבן זיינען שוין פון לאַנג אַרויסגעפאַלן פון די אָפטע באָמבאַרדירונגען.

איינמאָל, בעת ליזע איז געשטאַנען, לויט דער אָפּגערעדטער צייט, ביים אָפענעם פענצטער, האָט זי דערזען די קאַסירערין מיטן סימן אין האַנט. זי איז גלייך אַוועקגעלאָפן אויף דער סיענקעוויטש־גאַס.

אין אָוונט האָט מען נישט געקאָנט אַרויסגיין אין גאַס, די דייטשן האָבן דערקלערט באַלאַגערונגס־צושטאַנד.

די „מוטער" האָט געעפנט האַלינקאַן די טיר. דאָס מאָל האָט האַלינקאַ זי געטראָפן אין אַן אַנדערער שטימונג, ווי שטענדיק. זי האָט אַרומגענומען ליזען, זי צעקושט און וואַרעם צו איר אויסגערופן:

— האַלינקאַ, טייערע! די באַפרייאונג איז אויף דער שוועל!

ליזע האָט דערפילט, ווי ס'האַרץ האָט איר אויפגעצאַפּלט.

דער „מוטערס" גראָע אויגן האָבן געשיינט.

— האַלינקאַ, איך האָב פאַר דיר אַ סורפּריז!

די מוטער האָט אַריינגעפירט ליזען אין דעם צימער מיט די פּאָטעלן, זי אַוועקגעזעצט און אַרויסגענומען פון אונטערן לעדערנעם גראַנאַטן פעסל, מיט וועלכן זי איז געווען אַרומגעגאַרטלט, אַ פאַרדרייט פּאַפּירל.

— לייען!

מיט ציטערדיקע פינגער האָט ליזע אויפגעוויקלט דאָס פּאַפּירל. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם כתב...

— סטאַסיעק! — האָט זי שטיל אויסגעשעפּטשעט.

„טייערסטע!

ס'קומט אונדזער אויסגעבענקטע שעה. מיר שטייען נאָענט, זייער נאָענט פון דער שטאָט. דער דייטש וועט נישט אַנטלויפן. מיר האָבן אים אָפּגעשניטן די וועגן.

טייערסטע!

ווען איך קלער, אַז אָט באַלד, נאָך אַ פּאָר טעג, גאָר באַלד, וועלן מיר זיך טרעפן!...

האַלינקאַ, דאָס לעבן איז שיין, דאָס לעבן איז גוט!

מיר זיגן. מיר וועלן נאָך זיין גליקלעך. איך קאָן מער

נישט שרייבן. טייערסטע, טייערסטע, טייערסטע!

דיין סטאסיעק איז לעבן דיר. ס'איז שוין מער נישטא דער כוח, וועלכער קאן אונדז צעשיידן!

דיין סטאסיעק".

ליזע האט נישט געפילט, ווי פון אירע אויגן גיסן זיך טרערן.

—קום מיט מיר, האלינקא! — האט פריילעך אויסגערופן די מוטער. זי האט געעפנט די טיר, וועלכע ליזע איז נאך ביז איצט נישט אריבערגעטרעטן.

א גרויס ליכטיק צימער. עפעס א מאנצביל שטייט לעבן טיש מיט א פענדזל און מאלט א פארטרעט.

אויף דער ערד קניט די קאסירערין און סארטירט טראנספא־רענטן. א צווייט מיידל מאכט די זעלבע ארבעט אין אן אנדערן ווינקל.

די מוטער רופט פריילעך אויס:

— חברים, זייט באקאנט! — פאר אייך שטייט די מוטיקס־טע פון אונדזערע אויסשפירער, די חברטע האלינקא!

* * *

אנגעהויבן האט עס זיך פארטאג. ערגעץ ווייט האבן זיך פאנאנדערגעזונגען די הארמאטן.

ליזע איז די נאכט נישט געשלאפן. אייגנטלעך איז אין הא־טעל ריץ קיינער נישט געשלאפן.

זי איז געשטאנען צוגעטוליעט צום פענצטער פון איר צימערל אין האטעל ריץ און זיך געזעגנט מיט זיך אליין: אז ס'איז שוין די לעצטע נאכט פון „פרוילײן בערטא". דאס געפיל פון גליק האט זי אויפגערודערט, אויפגעטרייסלט נישט ווייניקער, ווי דאס געפיל פון פחד און ווייטיק פאר דער לעצטער צייט — נישט ווי־ניקער און דאך, ווי אנדערש!

דער גענעראל פאן פריטשע, א בלאסער, צעקנייטשטער, מיט א פארשוויצטן שטערן און אראפהענגענדיקע וואנסעס, האט א געשריי געטאן צום מאיאר באלקע:

— ברענג תיכף די מאשין! מיר פארן אפ!

ליזע האט עס געהערט דורך דער האלב־געעפנטער טיר פון קאבינעט.

אין א פאר מינוט שפעטער איז פארן האטעל ריץ שוין גע־שטאנען די מאשין. באלד האט מען אנגעהויבן אראפצוטראגן דעם גענעראלס טשעמאדאנען. דער מאיאר האט פארפאקט די וויכטיקסטע אקטן.

ליזע האָט זיך פאַרצייכנט אין זכרון דעם נומער פון דער מאַשין און איז אַוועקגעלאָפן אויף דער סיענקעוויטש־גאַס.

די שטאָט איז געווען איבערפולט מיט מיליטער און ציווילע דייטשן.

די אַרמיי־טיילן האָבן זיך אין אײַלעניש געצויגן אין דער ריכטונג פון די נאָענטע שאָסייען. אַנדערע זײַנען געלאָפן אין דער פאַרקערטער ריכטונג. די ציווילע דייטשן — אין שײַנע לימוזינעס — זײַנען געלאָפן פון דער שטאָט אין גרויסער בהלה און פּאַניק.

ליזע האָט זיך דערמאָנט די „אויסזידלונג" פון געטאָ.

אויף דער סיענקעוויטש־גאַס האָט איר די „מוטער" געעפנט די טיר. מיט איין אָטעם האָט ליזע, א פאַרסאָפּעטע, אויסגעשריגן:

— דער גענעראַל אַנטלויפט מיטן אַרכיוו אין אַ גראָער מאַשין, אַ „קרייזלער", נומער כ. 1478 — 00.

די מוטער איז פאַרשווּנדן אין צווייטן צימער. אין אַ מינוט אַרום איז אַרײַנגעקומען יאַדזיאַ, די קאַסירערין, און איז גלײַך אַרײַן אין דער שאַפע. אין דער שאַפע האָט זיך געפונען א געהיימע טיר, וואָס האָט געפירט אין צווייטן צימער. אין פינף מינוטן אַרום איז אַרײַן מאַלער אין אַ מונדיר פון אַ דייטשישן סערזשאַנט. ער האָט פריילעך אַ ווונק געטאָן צו דער „מוטער" און ליזען און אַרויס אין דרויסן. און אַט הילכט שוין זײַן מאָטאָציקל.

אַ געוואַלדיקע קאַנאָנאַדע האָט זיך צעדונערט אין דער נאָענט, כמעט הינטער די פענצטער. ס'האָבן אַ ציטער געטאָן די שויבן, אונטערן באַלקן האָט זיך שאָקל געטאָן דער זשיראַנדאָל, און די מוטער איז בלאַס געוואָרן, בלאַס פון פרייד.

נאָך אַ פּאָר מינוטן איז אַרײַנגעפאַלן יאַדזיאַ. ווײַנענדיקלאַכנדיק האָט זי זיך געוואָרפן דער „מוטער" אויפן האַלדז.

— זיי גייען — זיי קומען שוין! די דייטשן אַנטלויפן! — האָט זי געשריגן הויך אויפן קול.

האַלינקאַ, יאַדזיאַ, סאָניע, נאָך עטלעכע מיידלעך און בחורעם, וועלכע יאַדזיאַ האָט מיטגעבראַכט, האָבן געכאַפּט די טראַנספּאַרענטן מיט די בילדער און זײַנען אַרויסגעלאָפן אין דרויסן. באַלד האָבן זיי זיך צוריקגעצויגן אין פאָרהויז. איבער דער סיענקעוויטש־גאַס האָט זיך געטראָגן אַ שטאַרקע שיסערײַ. די ס.ס.־ניקעס שיסן אויף די אַנטלויפנדיקע דייטשישע זעלנער.

דורך דער טיר האָבן די מיידלעך געזען, ווי די דייטשישע

זעלנער און אָפיצירן אַנטלויפן אין פּאַניק, אַט שיסן זיי אויף די ס.ס.־ניקעס. און פּלוצלינג... אַ שווער געוויש פון מאָטאָרן, אַזש די ערד האָט אַ ציטער געטאָן. טאַנקען. גרויסע, שווערע, מיט אָנגעשטעלטע קוילנוואַרפער. ס.ס.־ניקעס און דייטשישע זעלנער וואַרפן דאָס געווער און הייבן די הענט.

רויטע טאַנקען אָן אַ שיעור. און נאָך זיי — זעלנער. רויטע אַרמייער. אַ סך, אַ סך רויטע אַרמייער.

אַ רגע איז ליזע שטיין געבליבן אָן אָטעם. הייסט דאָס, שוין!

די חברה זיינען אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס. זיי האָבן שנעל איבערגעוואָרפן די טראַנספּאַרענטן אין דער ברייט פון די גאַסן, אַרויסגעהאָנגען רויטע פענער און די בילדער פון פירער איבער די דורכגעלעכערטע, איבער די פאַרריכערטע טויערן.

פון אונטער די קאַסקן האָבן אויף זיי געקוקט און געשוויגן דייטשישע סאָלדאַטן מיט אויפגעהויבענע הענט.

די שיכורייי האָט זיך אָפּגעשטעלט.

עס מאַרשירן אַריין רויט־אַרמייאישע און פּוילישע אָפּטיילונגען. ס'הויבן זיך רויטע און ווייס־רויטע פענער, אָדלערס און דער סערפּ מיטן האַמער. און ווידער רויט־אַרמייער. אויף שווערע מאַשינען, אויף קאַנאָנען, אויף טאַנקען און פערד. און אַלע עפּעס אַזוי ערנסט, אַזוי דורכגעדרונגען מיט דער שמחה פון באַפרייאונג.

אַט בייגט זיך איבערן קאַנאָן פון זיין טאַנק — אַ רויט־אַרמייער. זיינע אויגן קלאַמערן זיך אין די פינצטערע פאַרוווּנדערטע הייזער, אין די ערשטע מענטשן, וועלכע באַווייזן זיך אין די פענצטער־לעכער און אויף די טראָטואַרן. זיין פּנים איז בלאַס, עס ציטערן זיינע ליפּן. ער איז אַליין אַ ביאַליסטאָקער.

אַ מיליטערישער אָרקעסטער מאַרשירט אַריין אין שטאָט, הילכיקע קלאַנגען פון אויסגעבענקטע לידער טראָגן זיך איבער די חרובע גאַסן. פון קעלערס, מעליניעס און חורבות קריכן אַרויס מענטשן. אַ ווײַלע שטייען זיי שווייגנדיק. הייסע טרערן גיסן זיך פון זייערע פאַרזשמורעטע אויגן. און פּלוצלינג הייבן זיי אָן נאָכלויפן, שרייען, וויינען, לאַכן.

בלומען. אָן אַ שיעור בלומען. פון וואַנען האָבן זיך גענומען אַזוי פיל בלומען?

און רויטע פענדלעך אָן אַ שיעור און ווייס־רויטע פענדלעך. ווי האָבן זיי אויסבאַהאַלטן די פענדלעך?

פון די אָקאָרשט טויטע גאַסן שטראָמען אָן אויפהער מענטשן. אַלעמענס אויגן פינקלען. עס רויטלען זיך בלאַסע פּנימער. ליזע שטייט אַ באַזונדערע פון דעם אַלעמען, וואָס קומט פאָר

אַרום איר. ווי דורך אַ שלאָף פילט זי, אַז עס דאַרף נאָך עפּעס געשען. עפּעס וויכטיקס.

און אָט דערהערט זיך אַ טומל, אַ הוראַ. דער המון לאָזט זיך אין געלויף אין אַ פאַרקערטער ריכטונג.

— די פּאַרטיזאַנער! — טראָגט זיך אַן אויסגעשריי פון מויל צו מויל.

— די פּאַרטיזאַנער! די פּאַרטיזאַנער רייטן!

ליזע לויפט, שטופּט זיך אַדורך צווישן דער כוואַליענדיקער מענטשן־מאַסע.

דער המון שרייט, פאָכעט מיט טיכלעך, מיט בלומען.

האַלינקאַ שטופּט זיך דורך די מענטשן, לעבן איר — די מוטער, סאָניאַ, יאַדזשאַ.

די רייטער זיינען שוין נאָענט. האַלינקאַ פילט, ווי עס שווינדלט איר פאַר די אויגן. דאָס האַרץ קלאַפּט איר אַזוי שטאַרק.

אָט איז ער! האַלינקאַ דערקענט אים פון דערווייטנס.

אָן אַ היטל. ער שטייט אין די שפּאָרנס. זיינע אויגן זוכן.

— סטאַסיעק! — וויל האַלינקאַ אַ געשריי טאָן. נאָר קוים־קוים, ווי זי זיפצט אויס:

— סטאַסיעק!

אין אַ צווייטן אויטאָ זיצן: די „מוטער", זאָסיאַ, דער אַלטער יאַן. זאָסיאַ און די מוטער מיט צעלאַכטע פּנימער ווינקן צו זיי מיט ווייסע טיכלעך.

דער אַלטער יאַן, מיט דער גראָער, שווערער באָרד, מיט אַ לעדערנעם פּאַס אויפן שינעל, אין אַ גרויסער קאַזאַצקער פּאַפּאַכע, ציט פון זיין ליולקע. דערזעענדיק, אַז האַלינקאַ שמייכלט צו אים, נעמט ער אַראָפּ די פּאַפּאַכע און באַגריסט זי ברייט, פּויעריש.

עטלעכע פון די רייטער פאָכען צו ליזען מיט די אויטאָמאַטן. דאָס איז כאַנקע טשערעשקע אין דער שפּיץ פון אַן אָפּטיילונג.

און נאָך באַקאַנטע, גאָר באַקאַנטע פּנימער. אָט ווינקט צו איר עמעצער פון צווישן די פוס־גייער־אָטריאַדן. האַלינקאַ דערקענט סטעפּקאַן און שיקט איר איבער אַ קוש. נאָענט פאַר זיי גייט פאַרביי די סאַניטאַרע אָפּטיילונג. פאַר די לאַזאַרעט־מאַשינען מאַרשירט מאַריע. מאַריע ווינקט צו האַלינקאַן מיט איר גרויסער האַנט, און ס'הילכט אָפּ איבערן עולם איר באַסאָווע שטים.

— דושאַ עי, דושאַ!

קרעסטנאַי טוט עפּעס אַ זאָג דעם שאָפער און די מאַשין טוט זיך אַ קער אין אַן אַנדערער ריכטונג. אָט פֿאָרט זי שוין פאַרביי די פאַרטיזאַנער־אַרמיי.

— סטאַסיעק, סטאַסיעק!

די מומער האָט דערהערט. זי איז שוין לעבן האַלינקאַן.

אָט האָט ער זי דערזען. ער שפּרינגט אַראָפּ פון פערד. האַלינקאַ לויפט אים אַנטקעגן.

ווי אין חלום זעט האַלינקאַ זיינע אויגן, פילט זיין הייסן אָטעם, זיינע וואַרעמע ליפּן.

— סטאַסיעק, סטאַסיעק! — שעפּטשעט זי אַריין אין זיין ברייטער ברוסט.

אין אַ מאַשין זיצט קרעסטנאַי מיט משהלען, דעם פּאַליטרוק. סטאַסיעק לויפט צו מיט האַלינקאַן און זעצן זיך אַריין צוזאַמען מיט זיי.

לאַנגזאַם רוקט זיך די מאַשין דורך דער פריילעכער מענטשןמאַסע.

די מאַשין האָט זיך האַסטיק אָפּגעשטעלט. פאַר איר איז געשטאַנען אַ קאָרדאָן קעמפער אונטער דער אָנפירונג פון דעם דייטשן מאַלער.

מאַלער האָט אַ שמייכל געטאָן צו ליזען און זיך געווענדעט צו די פאַרטיזאַנער.

דער קאָרדאָן האָט זיך געעפנט.

פאַר ליזען זיינען געשטאַנען: גענעראַל פאָן פריטשע און מאַיאָר בעלקע.

דעם גענעראַלס קאָפּ איז געווען אַראָפּגעבויגן. באַלקע האָט געקוקט אַרום זיך מיט איבערגעשראָקענע, כמעט בעטלערישע בליקן.

— הער גענעראַל! — האָט מיט איראָניע אויסגערופן סטאַסיעק.

דער גענעראַל האָט לאַנגזאַם אויפגעהויבן זיין געל פּנים. זיינע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף ליזען.

— פרוילײן בערטאַ? — האָט אַ מורמל געטאָן דער גענעראַל אין גרויס איבעראַשונג.

— נישט פרוילײן בערטאַ, נאָר די פאַרטיזאַנער־אויסשפּירערין, ליזע וויטקין, אַ יידיש מיידל, וואָס איר משפּחה האָסטו, מנוול, אומגעבראַכט!

— גוט אייך באַדינט, עקסעלענץ?

דער גענעראַל האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

פּאָרויס

דער געיעמאַן שטראָמט אין די פאַרחלומטע, שטערנדיקע נעכט פון דעם חודש אויגוסט. שטיל, רואיק גיסן זיך זיינע וואַסערן. צאַרט איז זיין פלירט מיט די זאַמדיקע סאַסנע־ברעגעס, מיט די „פּאָניעמונער", „פישקיער" און „לאַסאָסנער" וועלדער, ווי ס'וואָלט גאָר קיין היטלער נישט געווען אויף דער וועלט, ווי ס'וואָלטן זיך אונטער די דרעמלדיקע ביימער קיין מאַסן־קברים נישט געפונען. עס רוישן מיט א דורותדיקן ניגון די וועלדער אַרום די קעלבאַסינער גרובן. פון צייט צו צייט צעזינגט זיך אין וואַלדשטילקייט דער סאָלאָוויי.

אויבן, אין דער שטאָט אָן ליכט און אָן... יידן — טוליען זיך שאָטנס צו די אויסגעשטאָרבענע געסלעך פון חרובן געטאָ און צו די פאַרוויכערטע סקעלעטן פון דער פאַרברענטער „אָסיעדליע".

פון צייט צו צייט לויפט פאַרביי דורך דער שטאָט א מאַשין, ס'קריכט א שווערער טאַנק. פון די „יאַציקער" קאַזאַרמעס צעטראָגט זיך א שטיל, פאַרצויגן געזאַנג. ערגעץ־ווו שפּילט פאַרבענקט א האַרמאָשקע. עס כליפּעט צו א הייזעריקע גיטאַרע.

ס'איז נאַכט.

אינדערפרי לעבט די שטאָט אויף. עס שיטן זיך אַרויס גרויזנטער מענטשן אין די גאַסן. עס לויפן בוי־ און פאַבריק־אַרבעטער. עס איילן זיך בעלי־מלאכות.

צו די פאַרוואונדעטע ווענט קלעפּן זיך רושטאָוואַניעס, מענטשן קלעטערן איבער צעלעכערטע דעכער.

ווי א מסוכן־קראַנקע נאָך א קריזיס, וואָס זשיפּעט קוים, ווישט אָפּ די שטאָט דעם קאָשמאַר פון אירע אויגן.

ס ו ף

אינהאלט:

אליאשא גאזשאנסקי — דער מענטש.

פון ש. מיקונים . . . . . V — XI

*** פון ד. ספארד . . . . XI — XIII

פארוואָרט פון מחבר . . . . . . XIII —

דער שטרייק אין ציגעלניע . . . . . 15 — 21

מלחמה . . . . 21 — 43

אדער זיי, אדער מיר... . . . . . 43 — 52

אין דער קעניגסבערגער האלע . . . . 52 — 53

די נאכט אין א פרימארגן . . . . . 53 — 58

דער פאן איז צוריקגעקומען . . . . . 58 — 64

דער פאגראם . . . . 64 — 69

אונטערן חלף . . . . 69 — 74

אין וואלד... . . . . 74 — 78

אין געטא . . . . 78 — 93

אויף יענער זייט מויער . . . . . 93 — 103

באזע מ. . . . . 103 — 112

שטאט און געטא . . . . 112 — 135

דער קעלבאסינער לאגער . . . . . 135 — 145

די שלאכט אונטער די יאדלעס . . . . 145 — 153

די לעבעדיקע לוויה . . . . . . 153 — 172

פארטיזאנען־גראד . . . . 172 — 184

האלינקעס שליחות . . . . 184 — 194

סטאסיעקס „זאדאטשע" . . . . . 194 — 199

אין אויסשפיר־שטאב . . . . . . 199 — 219

פארויס . . . . 219 —